# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Khesbn no. 77-78 - October 1974 - Journal

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/3vx3j4r3

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 77-78(1)

**Author**
Admin, LAYCC

**Publication Date**
1974

**Copyright Information**
Copyright 1974 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

# חשבון

פעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפטלעכע ענינים


OCTOBER
1974

78-77

תשרי
תשל"ה



ארויסגעגעבן פון:

- לאָס אַנגעלעסער יידישן קולטור-קלוב און שרייבער-קרייז

מיט דער מיטהילף פון:

- ל. א. קאָונסיל פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד
- אַרבעטער רינג קולטור צענטער אין ל. א.

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

# דער ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

- איז אַ קאָנסטרוקטיווער כוח אין יידישן לעבן אין אַמעריקע. דעם פאַרבאַנדס אַרבעטער־ציוניסטישער פּראָגראַם שליסט איין:
- אַנטייל אין אַלע אַקטיוויטעטן וואָס שטאַרקן דעם פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און זיכערקייט־פּראָגראַם פון מדינת ישראל;
- שטאַרקן דעם כוח פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל — די הסתדרות העובדים;
- העלפן דעמאָקראַטיזירן יידיש לעבן אין אַמעריקע און זאָרגן פאַר דעם יידישן המשך;
- קעמפן פאַר אַ בעסערער אָרדענונג פון סאָציאַלן יושר און שלום אין אַמעריקע און אין דער גאַנצער וועלט.

דער פאַרבאַנד איז אַ פּראָטוירנאַלע אָרגאַניזאַציע
וואָס זאָרגט פאַר דעם היינט און מאָרגן

מיר לאַדן אייך איין אַנצושליסן זיך אין אונדזערע רייען

ל. א. שטאַט־קאָמיטעט פון
ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד

יעקב קאַהאַן, פּרעזידענט • משה כהן, עקז. סעקרעטאַר

**LABOR ZIONIST ALLIANCE**

**8339 WEST THIRD STREET • LOS ANGELES, CALIF. 90048**

**Telephone: 938-3823**

**HESHBON**

*PERIODIC LITERARY REVIEW*

A. POSY, *Editor*

7617 De Longpre Ave. — Los Angeles, Calif. 90046

SAMUEL WEISS, *Associate Editor*

S. BUNYAN, *Editorial Secretary*

ALEX ROBIN, *Consultant*

*Administration*: H. BERMAN, *Treasurer*

ELIMELECH DEITCH • DAVID GOLDMAN • SAM ZUCKERMAN

M. GOLDFARB, *Financial Secretary*

3855 Edgehill Drive — Los Angeles, Calif. 90008 — Tel. 293-2950

**Subscripton price: $5.00 per year**

PRINTED BY SCHWARTZ PRINTING CO.

100

# אינהאַלט


העניך בערמאַן: ראש השנה און חשבון הנפש — 3
פינטשע בערמאַן: שטייט אַ פויגל אויפן בוים (ליד) — 4
יוסף לעפּטוויטש: אברהם סוצקעווער — 5
רבקה קאָפּע: צווי לידער — 10
אברהם סוצקעווער: אויסטערלישע ווערטער (פּאָעמע) — 12
אריה פּאַזי: טאַטור... קאָסמאָס... מענטש... — 14
אברהם גאָלאָמב: אַ מאָנומענטאַל ווערק וועגן לשון יידיש — 34
משה שקליאַר: לידער — 40
ברכה קודלי: איינזאַמקייט צוזאַמען (ליד) — 41
איש יאיר: עמאַציע (ליד) — 41
משה שטאַרקמאַן: אַ בוך נאָוועלעס פון חיים גראַדע — 42
לילי בערגער: אַ באַגעגעניש אין מעטראָ (דערציילונג) — 47
זלמן שלאָסער: צוייגן גערעסן פון שטורעמס — 51
חיים גראַדע: אונדזער בעל־יובל ר' זאב סאַלעס — 56
אברהם שולמאַן: שמואל אַסטראָף — אַ טאַלאַנט אין סיגעיט — 60
ס. נוטקעוויטש: אַ בוך „סאָנעטן פון אַ מאַמין" — 64
מ. גאָלדפאַרב: פּאַרטיפּטע חקירות אין תנ"ך תרגומים — 66
ס. שניאור: שאָטנס, עכאָס און געשטאַלטן — 70
שמואל וויס: פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין לאָס אַנגעלעס — 76
אָשר קיפּניס: דער באַנייטער קולטור־קלוב — 80


## סיום הזמן פון קולטור קלוב:


רעדע פון אַלעקס ראַבין — 84
רעדע פון שלמה צוקערמאַן — 86
רעדע פון יעקב קאַהאַן — 89
רעדע פון אריה פּאַזי — 91

אַלעקס ראַבין: שיעור און המשך — 94
באַגריסונגען — 96-99

אריה פאזי, רעדאקטאר
שמואל ווייס, מיטרעדאקטאר
ז. בונין, סעקרעטאר

# חשבון
פעריאָדישע שריפט
פאַר ליטעראַטור, קריטיק
און קולטור־פּראָבלעמען

העניך בערמאַן, פּראָוואַלטער־קאַסירער
מ. גאָלדפאַרב, פינאַנץ־סעקרעטאַר
אַלעקס ראַבין, קאָנסולטאַנט

30טער יאָרגאַנג, נומערן 77־78 • האַרבסט 1974 • לאָס אַנגעלעס, קאַליפ.

**העניך בערמאַן**

## ראש השנה און חשבון הנפש

ייִדישער ראש השנה און קריסטלעכער ניי־יאָר — וואָס איז דער חילוק צווישן זיי ביידן?

אויסצודריקן דאָס על רגל אחת באַשטייט דער חילוק אין אָט וואָס:

ביי די קריסטן באַשטייט ניי־יאָר אין שיבעת ימי הילולא — מ׳עסט און מ׳טרינקט און מ׳לאָזט זיך ווילגיין אין משך פון זיבן טעג, פון ווייַנאַכטן (קריסט־מעס בלע״ז) ביז ניי־יאָר; ביי ייִדן אָבער איז עס פאַרקערט: ס׳איז עשרת ימי תשו־בה, פון ראש השנה ביז יום כיפור, ווען מענטש מאַכט זיין חשבון הנפש, שלאָגט זיך על חטא פאַר זיינע באַגאַנגענע זינד און באַטראַכט ערנסט ווי זיך אויסצו־בעסערן — ניט נאָר הוליעט ער ניט און לאָזט זיך ניט ווילגיין, נאָר, וויפל מעג־לעך, טוט ער אָפּ פון זיך חומריות, זאָגט סליחות און טוט זיך אָפּ פון די הנאות פון גשמיות בכדי וואָס מער צו דערנעענטערן זיך צו רוחניות.

און דאָס איז טאַקע לויטן ייִדישן גייסט, וואָס ראש השנה ווערט אָנגערופן יום הזיכרון — דער טאָג פון דערמאָנען און געדענקען, פון באַשטימען דעם סך־הכול פון אַלץ וואָס איז פאַרגאַנגען, בכדי להבא צו קענען פאַרבעסערן דעם אייגענעם גאַנג פון לעבן.

ראש השנה איז דער יום־טוב פון תשו־בה, און אין תשובה ליגט די גרויסקייט פון ייִדישן פאָלק. דאָס וואָרט תשובה באַטייט אומקערן זיך צום גוטן, בכדי אין דער צוקונפט אויסצואיידלען זיין נשמה, זיינע געפילן לגבי זיך און לגבי דעם מיט־מענטשן, ווי אַ באַגלייטנדיקער עמוד הענן, וואָס פירט דעם ייִדן אויף זיין לעבנס־דרך און ווי דער עמוד־האש, וואָס באַלייכט און באַזעלט אים אין זיינע אַלטעגלעכע מעשים.

תשובה טאָן באַשטייט פון צוויי טיילן: דאָס אָנערקענען די אייגענע שולד, וואָס דאָס איז פון די העכסטע מענטשלעכע מדרגות און זיך מתחיים זיין אויף ווייטער נישט ווידערהאָלן די זעלביקע פעלערן.

די ייִדישע תשובה איז דער קוואַל פון זעלבסטדערקענונג און אָנערקענונג פון די אייגענע פאַרקריפּלטע געדאַנקען און טו־אונגען. איינזעענדיק אייגענע חסרונות, ברענגט דאָס במילא צו עניוות. און עניוות קומט במילא צו אהבת הבריות — ליב האָבן מענטשן בכלל און עם ישראל בפרט. דאַן האָט מען ליב אפילו נישט דעם איש הרוח צווישן ייִדן, נאָר אויך דעם פּשוטן פאָלקס־מענטש.

תשובה מאַכט ווייכער דעם מענטשן, איידלט אים צו פאַרלאָזן דעם אייגענעם שטאָלץ און פירט אים צו דערפילן די איי־גענע נישטיקייט. דאַן באַגריפט ער, פאַר־שטייט און ווייסט: אויב יענער באַגייט אַמאָל אַן עוולה, איז דאָס צוליב דער זעל־ביקער מענטשלעכער שוואַכקייט ווי זיין אייגענע.

ער באַגרייפט, אַז דאָס גרויסקייט פונעם צדיק באַשטייט נישט וואָס ער זינדיקט נישט: „אין צדיק בארץ אשר לא יחטא״, — די גרויסקייט פונעם צדיק איז ווייל ער אָנערקענט זיין שולד און איז זיך מתחייב צו פאַרבעסערן זיינע מעשים אין דער צוקונפט.

די אַנדערשקייט פון אונדזער ראש השנה ד"ה, ווי מיר נעמען עס אויף, באַשטייט — אין „אַל תדין את חברך עד שתגיע למקומו" — מישפט נישט דיין חבר ביז דו אַליין וועסט נישט קומען צו זיין מדרגה.

אמת, דאָס איז נישט דווקא אַ יידישע לערע, אויך חסידי אומות העולם האָבן אויסגעדריקט דעם זעלבן געדאַנק. אָבער אַז די גאַנצע יידישע אומה זאָל זיך אַליין משפטן, דורכפירן איבער זיך אַ געוויסן־עקזאַמען, אַ חשבון־הנפש, אַ באַלאַנס פון דעם אָפּגעטועגעם, און זיך אַליין טאַפּן דעם דופק, ווי עס האַלט מיט זיין גייסטיקן א י ך, מיט זיין מאָראַל, מיט דער פּערזענלעכקייט פון יעדן יחיד, דאָס, דאַכט זיך אונדז, איז דער איידלסטער שטריך פון אונדזער פאָלק.

ראש השנה דערקענען מיר דעם „עין רואה ואוזן שומעת" — אַן אויג וואָס זעט און אַן אויער וואָס הערט, אַז עס איז נישט לית דין ולית דיין.

איז טאַקע ראש השנה, לויט דער יידישער טראַדיציע, נישט נאָר דער טאָג אין וועלכן די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, נאָר דער טאָג אין וועלכן דער מענטש איז אויך באַשאַפן געוואָרן. יעדער מענטש איז אַ וועלט פאַר זיך, איז אַן עולם קטן.

אייניקע לייענערס וועלן אפשר אָננעמען, אַז אונדזער פאַרגלייך צווישן אונדז און אַנדערע פעלקער דריקט אויס גדלות, גאווה. וויל איך דאָ נאָר אָנמערקן אַ פּאָר פון די תפילות פון ראש־השנה.

אַ פאָלק, וואָס פּראָקלאַמירט אין זיינע תפילות: אָשמנו מכל עם, בושנו מכל דור, אא"וו — ווו איז נאָך פאַראַנען אַ פאָלק וואָס בעט ביי אַנדערע פעלקער אַז — „ויעשו כולם אגודה אחת" — אַ פאָלק וואָס וויל זיך פאַרבינדן מיט אַלע פעלקער: „והופיע בהדר גאון עוזך על כל יושבי תבל ארצך". מיר זיינען אַ פאָלק וואָס בעט: „וכל הרשעה כעשן תכלה" — נישט די שלעכטע, נאָר דאָס שלעכטס זאָל פאַרשווינדן, די רשעות פונעם רשע מוז אַוועק. אַזאַ פאָלק קענען מיר נישט חושד זיין מיט גדלות. אונדזער גדלות איז נאָר מתוך עניוות.

זאָל דאָס נייע יאָר ברענגען שלום ושלווה צו דער וועלט בכלל און צו עם ומדינת ישראל בפרט: שנת שלום וברכה, אָמן.

פינטשע בערמאַן

## שטייט אַ פויגל אויפן בוים

(צו ווילי שאַר מיט ליבשאַפט)

שטייט אַ פויגל אויפן בוים —
זינגט ער ניט קיין לידער.
איך האָב געהאַט אַ מאָל אַ היים,
שוועסטערלעך און ברידער.

אַ רשע האָט מיין היים פאַרברענט,
און די קליינע קינדער;
דער רשע האָט מיט זיינע הענט
געקוילעט זיי ווי די רינדער.

שטייען טויבן אויפן דאַך —
וואָרקען זיי ניט דאָרטן.
איך האָב געהאַט אַ מאָל אַ סך
בלומען אין מיין גאָרטן.

געקומען איז אַ בייזער ווינט,
אין אַ טאָג אַ שוואַרצן.
פון אַלץ געבליבן, ווי און ווינד,
אַ ווונד מיר טיף אין האַרצן.

יוסף לעפּטוויטש / לאָנדאָן

# אַברהם סוצקעווער

(צו זיין ווערן אַ בן־שישים)

מיינער אַן אַלטער חבר, וואָלף קאָסאָוו, וואָס זיינער אַ זון, לעאָן קאָסאָוו, איז אַ באַוווסטער מאָלער, און זיין בילד, „פּאָרטרעט פון מיין פּאָטער“ איז לעצטנס רעפּראָדוצירט געווען אין די צייטונגען, איז ערשט אָנגעקומען פון ישראל, און ער האָט מיר דערציילט מיט באַגייסטערונג, אַז ער האָט זיך געזען מיט סוצקעווער. און וואָס ס׳האָט אים באַגייסטערט, איז ניט אַזוי געווען דער פּאָעט סוצקעווער, הגם ער קען זיין פּאָעזיע און האַלט שטאַרק פון איר, נאָר „איך האָב געזען דעם פּאַרטיזאַן, געזען דעם מענטש אין געטאָ און אין די וועלדער, דעם מענטש וואָס איז געווען אין נורעמבערג און געזאָגט עדות פאַרן וועלטגעריכט וועגן אומקום פון די יידישע מיליאָנען.

איז אינטערעסאַנט אַז אויך זלמן שזר, דער געוועזענער ישראל־נשיא, האָט זיך אָפּגעשטעלט אין זיין ליד צו סוצקעווערן, אין זיין ביכל לידער, דווקא אויף סוצקעווערס גרויסע פּאָעמע „אין פּייערוואָגן“, זיין „הייליקן פּייערוואָגן, אַזש פון פּאָנאַר“, דעם אומקום־אָרט פאַר די ווילנער יידן. עס גייט צוזאַמען — סוצקעווערס פּאָעזיע איז זיין איבערלעבן דעם חורבן, און איבערגעבן דעם חורבן. שלום אַש האָט עס דערזען: „זיין ביכל לידער ליגט ביי מיין בעט זינט וואָכן און חדשים. איך לייען אַ זייטל און לייג עס אַוועק — וואָרעם מיין נשמה ווערט פאַרכישופט מיט דעם וויין פון טרערן וואָס רינט פון די ציילן אַרונטער. איך דערשרעק זיך אָפּט פאַר זיין בוך.“

האָט דאָך סוצקעווער אַליין געגעבן דעם נאָמען „לידער פון ים המות“ צו זיין באַנד חורבן־לידער. ער איז דאָרט געווען, אין דעם ים המות. אַרום אים זיינען געפאַלן טויטע. זיין מאַמע צווישן זיי. זיין קינד. זיי ליגן אין פּאָנאַר, ווו מער ווי הונדערט טויזנט יידן ליגן. ס׳איז אַ נס וואָס סוצקעווער אַליין איז ניט דאָרט. ווייל צו אונדז אין לאָנדאָן זיינען געקומען באַריכטן אַז סוצקעווער איז טויט. און ווען דער פּען־קלוב האָט געהאַלטן אַ טרויער־אָוונט אין לאָנדאָן פאַר די שרייבערס וואָס זיינען אומגעקומען אין היטלערס גיהנום, איז מיר איבערגעגעבן געוואָרן פּאָרצולייענען די נעמען פון די טויטע. און סוצקעווערס נאָמען איז געווען צווישן זיי. אַזאַ באַריכט האָבן מיר באַקומען. שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווסט אַז סוצקעווער האָט זיך דורכגעריסן צו די פּאַרטיזאַנער אין וואַלד.

„עס זענען געשען מיט מיר אַ סך ניסים“, האָט סוצקעווער געשריבן אין זיין ווידמונג מיר, אין דעם באַנד „ים המות“. אָבער דער גרעסטער נס איז מסתמא דער, וואָס דער ים המות האָט געבוירן מיינע לידער.“

אין מאָדנע ערטער זיינען זיינע לידער געבוירן. ווי איין מאָל, באַהאַלטנדיק זיך פון די דייטשן אין אַן אָרון, האָט ער זיך צעזונגען — „איך ליג אין אַן אָרון, ווי אין׳ הילצערנע קליידער... און איצט אין אַן אָרון, זינגט אויף מיין וואָרט.“ אָדער ווען לויפנדיק אין געטאָ, נאָכגעיאָגט פון דייטשן, האָט ער זיך באַהאַלטן אין אַ ליימגרוב, און אין דעם ליימוואַסער האָט ער דערזען ווי זיין בלוט מישט זיך מיט, און דער פאַרבן־עפעקט איז אים געפעלן, און ער האָט גענומען אין קאָפּ שרייבן אַ ליד וועגן דעם. אַזוי ווי ביי קאָסאָוו, איז ביי גלאַטשטיינען אויך געבליבן דאָס בילד פון סוצקעווער, מיט „די ביקס לעבן דיר, ווען דו ביזט אַרויסגעגאַנגען פון די וועלדער, טויט־מיד, און גלייך צוגעפאַלן צום ליד.“ אויך פון דעם נירעמבער געריכט, וואָס קאָסאָוון איז געבליבן אין קאָפּ, פון דעם אויך האָט סוצקעווער געשאַפן אַ ליד: „נאָך מיין עדות זאָגן פאַרן אינטערנאַציאָנאַלן מיליטערישן טריבונאַל“ — „מיין פאָלק! דו וועסט נאָך שמידן אַזאַ שווערד, אויב גאָט איז שוואַך צום אויפמאָנען דעם חלק!“

„אין דער גרויליקער עפּאָכע פאַר אונדזער פאָלק", האָט עס לעיעלעס געזאָגט, „אין דער גרויליקער עפּאָכע פאַר אַלע פעלקער, האָט דער פּאָעט אַברהם סוצקעווער מיט זיין ליד אַזאַ הייב געטאָן דאָס יידישע קונסט־וואָרט, אַז ער האָט מיט איין פלי אויסגעגלייכט דיי יידיש־פּאָעזיע מיט די העכסטע דערגרייכונגען פון דער היינטיקער פּאָעזיע בכלל." „נס־סוצקעווער", הייסט עס ביי גלאַטשטיינען. און לייוויק שרייבט: „ער איז געוואַקסן סיי מיט דער קאַטאַסטראָפע, סיי מיט דעם אויפקום פון ישראל."

ישראל איז אויך ביי סוצקעווער אַזעלכעס וואָס האָט אים צעפּלאָמט. לייוויק איז גערעכט. ישראל האָט סוצקעווערן געגעבן אַ צווייטן שאַפונגס־כוח, ווייל עס גייט אים אָן, ס'גייט אים גוואַלדיק אָן. סוצקעווער איז גראַד געווען אין פּאַריז ווען די יום־כיפור מלחמה איז אויסגעבראָכן, און געפּלאַנט קומען קיין לאָנדאָן. ער איז אָבער גלייך צוריקגעפאָרן. און מיר האָט ער געשריבן ווען ער איז אָנגעקומען: „מיין טייערער יוסף, ניט געהאָט קיין כוח צו שרייבן בעתן מלחמה־פייער. אויך איצט איז אַלץ ווי נאָך אַן ערדציטערניש. און ס'איז ניט זיכער צי ס'וועט באַלד ניט קומען קיין צווייטע.

„אַלע מיינע פּלענער זיינען צעשאָטן געוואָרן. געהאָפט קומען צו אייך אין לאָנדאָן, און צו שאַגאַלן אין סען־פּאָל."

איך ווייס ניט וויפיל מאָל קומט סוצקעווערן צו חלום זיין פאַרגעסענע ביקס פון די שרעקלעכע היטלער יאָרן. זיכער אָפט. „אין חלום וואַכט אויף מיין פאַרגעסענע ביקס, וואָס אַן עלנטע לעבט אין די וועלדער."

אין זעקס־טאָגיקן קריג האָט ער זיך געפילט גרויס מיטן נצחון. „איך האָב באַוויזן", האָט ער מיר געשריבן, „צו זיין נעכטן מיט אונדזער מיליטער ביים כותל, ביי דער מאַמע רחל, און אויך אין חברון, אין דער מערת המכפלה. כ'וועל דאָס ניט פאַרגעסן ביז צו די לעצטע מינוטן מיינע."

אין סיני־קריג האָבן זיך געריסן פון סוצקעווער וווּנדערלעכע לידער:

דער באַרג! דער באַרג! די שטילקייט
בליט מיט בשמים
פון אַלע דורות. דימענטענע ריינקייט.
דער באַרג! דער באַרג! די זון גיט
אַ באַשטראַם אים.
צעשמעלצן ווערט איר שליטה אין זיין
שיינקייט.
און איבער אים צוויי שטראַלנדיקע
לייטערס —
און טריט, וואָס בלויז מען פילט זיי
אויף די שטאַפּלען.
אַ קלאַנג... עס בלאָזן קופּערנע
טרומייטערס.
אַ קלאַנג... און סנהען ווערן די שוואַרץ־
אַפּלען.
אַ פּראַסטיק זילבער שלאָגט פון זיינע
שפּאַלטן,
און אויף זיין רוקנביין לויפט דורך
אַ ציטער,
ווי דאָס וואָלט מיך זיין גייסט אין פעלד
באַהאַלטן,
באַרירט מיט דער הסכמה פון געביטער.

טו אויס די שיך און שטעל זיך אין
אַ שורה.
טו אויס די שיך און זאָל דאָס זאַמד דיך
שווענקען.
אַצינד איז דאָך די צייט פון מתן־גבורה.
די שטילקייט איז אין אַ תהום, אַ תהום
פון בענקען.
און אויבן, אויף די שטראַלנדיקע
לייטערס,
אַ תפילה קלעטערט פון די סאַמע טיפן,
ווי ס'וואָלט אין הארץ, ביים קלאַנג פון
די טרומייטערס,
אַ דימענט אָן אַ דימענט זיך געשליפן:
זאָל רו און שלום קומען שוין געשווינדער.
פון באַרג אין סיני בלאָז אַוועק די שנאה.
פאַרשנייד אויף ס'ניי אַ בונד מיט דיינע
קינדער.
און זאָלן רויטע זאַמדן ווערן גרינע!

און פּלוצים קומען אויפן באַרג די שטערן,
צונויפגעוואָנדערט פונקט ווי מיר פון
גלות,
באַנומענע פון ליכט מיר זעען, הערן:
די מענטשן ווערן איינס מיט די מזלות.
און אויפן באַרג, דורך בליצנדיקער אימה,

אַ ייִנגל מיט אַ פּאַן. ער גיט זי איבער
אַ האַנט, וואָס נעמט זי אויבן אַ געהיימע,
און זאַלבט מיט אייביקייט, און בענטשט
דעם גיבור:
און ווער עס האָט געזען די נאַכט אין סיני,
געדענקען וועט דער סיני אויך זיין נאָמען.
און ווער עס האָט געזען די פּראַכט אין
סיני,
וועט קענען טויזנט יאָר דערציילן. אָמן.

עס בענקט זיך סוצקעווערן נאָך די ביקס. ווייל ער איז דאָך אין ישראל ווי אַ געקומענער פון היטלער־לאַנד, און ער קען אין ישראל ניט פאַרגעסן אַז ער איז פון די שארית־הפליטה. ער קען אויך ניט פאַרגעסן אין ישראל אַז ער איז אַ געקו־מענער פון יידישלאַנד, אַז זיין לשון, זיין ליד איז יידיש־ליד. ער פירט וויכוחים אין דעם העברעער־לאַנד פאַרן כבוד פון יידיש —

„דרשנט מיין פּאָעזיע־ברודער,
אַז מיין מאַמע־לשון גייט באַלד אונטער?
מיר וועלן נאָך אין הונדערט יאָר אַרום
דאָ קענטיק זיצן
און פירן די דיסקוסיעס ביי דעם ירדן."

אין דעצעמבער דאַרף זיך טרעפן אין ירושלים דער קאָנגרעס פון אינטערנאַ־ציאָנאַלן שרייבער־פאַריין, „פען"־קלוב. געזאָלט זיין פאַראַיאָרן דעצעמבער, נאָר צוליב דעם יום־כיפור קריג איז עס אָפּ־געלייגט געוואָרן ביז דעצעמבער 1974. האָב איך די וואָך געקראָגן פון ישראלדיקן פע"ן־קלוב אַ מין קליינע אַנטאָלאָגיע פון ישראלדיקע שרייבערס. איז דאָרט אַ ליד סוצקעווערס אין מיין ענגלישער איבער־זעצונג. די אַנטאָלאָגיע איז מיינסטנס ענ־גליש. דאָס ליד הייסט: „קאָמענטאַרן צו אַ פּנים אין שפּיגל". און ווידער דערציילט אונדז דאָרט סוצקעווער, אַז ער וועט זיך שוין נישט איבערמאַכן:

„און וועסטו פאַרמאָלן דאָס בילד פון דער
יידישער גאַס,
מיט פּענדזל געטונקט אין דיין זוניקן,
נייעם פּאַלעטער —
זיי וויסן: די פאַרבן די איצטיקע וועלן
זיך שיילן...
דאָס געוועזענע בילד מיט אַ האַק וועט
באַפאַלן דיך שפּעטער,
פאַרוווּנדן אַזוי, אַז דאָס נייע וועט קיין
מאָל ניט היילן."

ער פאַרגעסט ניט „דאָרטן":
„פּלוצים אַ צאַפּל —
אויסלענדער ביסט דאָרטן."

איז דער דאָזיקער גרויסער פּאָעט און מיין לאַנג־יאָריקער פריינד, אברהם סוצקע־ווער, אַ זעכציקער. אין חודש יולי, דעם 15טן יולי. אין ווילנער געטאָ האָט סוצ־קעווער ניט געגלויבט אַז ער וועט דער־גיין ביז זעכציק — און אויף לאַנגע יאָר, ביז 120. ביי מיר געפינט זיך אַ בריוו פון סוצקעווער ווען ער איז געוואָרן 55: „היינט, דעם 15טן יולי ווער איך — אַ שאַנד אויסצוזאָגן — 55 יאָר. איך גלייב אַליין ניט אַז כ'בין שוין אָנגעטאָן אין אַזוי פיל יאָרן. מיין טאַטן געדענק איך ווי אַן עלטערן ייד. און געשטאָרבן איז ער בסך־הכל צו קאַרגע דרייסיק יאָר."

דעם טאַטנס דרייסיק יאָר גייען סוצ־קעווערן ניט אַרויס פון קאָפּ. איך האָב אַ פריערן בריוו פון אים, ווען ער איז געוואָרן פופציק, און מען האָט געפייערט זיין יובל. מ'האָט דעמאָלט אַרויסגעגעבן זיין יובל־בוך — אָדער יובל־ביכער. צוויי גרויסע בענד פון זיינע לידער, מיט אַ באַנד אָפּשאַצונגען.

שרייבט מיר סוצקעווער: „אַ האַרציקן דאַנק פאַר די ברכות צו מיין פופציק־יעריקייט. איך קען זיך ניט צוגעוווינען צום געדאַנק אַז כ'האָב שוין פאַרלוירן פופציק יאָר. אין געטאָ האָב איך תפילה געטאָן (אין אַ ליד) איך זאָל דערציען צו דער קיילעכדיקער צאָל — דרייסיק. אָבער דער גאַנצער ענין צייט איז קענטיק אין גאַנצן אַנדערש ווי אונדז דאַכט זיך. ווען איך וואָלט געקענט, וואָלט איך אַלע זיי־גערס פון דער וועלט אַריינגעוואָרפן אין ים. זאָל צייט געהערן צו די פיש."

סוצקעווער האָט אַ ליד וועגן זיין טאַטנס דרייסיק יאָר: „מיין טאַטן האָט צו דרייסיק יאָר געפּלאַצט דאָס האַרץ." „און איצט בין איך אַליין דערלאָפן צו דעם טאַטנס עלטער." (געשריבן אין ווילנער געטאָ

אין 1943). „דערלאָפּן — און ניטאָ קיין וועג צוריק, און ניט פאָרויס. און ווען איך מערק מיין פּנים אין אַ שפּיגל, קוואַלט פון זיינע כוואַליעס מיר אַרויס דער ווײַ־טער טאַטע. און אפשר בין איך ער, און מיינע יאָרן זיינען בלויז אַ קייט פון זיין אָפּגעשיידטן לעבן? דאָס זעלבע פּנים ווי ביי אים; דאָס זעלבע האַרץ, וואָס גרייט זיך אויף צו פּלאַצן."

איז שוין סוצקעווער צוויי מאָל דרייסיק. אַ יונגער מענטש, ווי איך קען אים, אַ פלינקער, אַ באַוועגלעכער, מיט טעמפּעראַמענט, מיט ענערגיע. כאָטש דער פּרק זאָגט אַז צו זעכציק יאָר ווערט אַ מענטש אַלט, ס'הייבט זיך אָן די זיקנה. אפשר דאַרף מען טייטשן זיקנה ווי רייפקייט, אַ רייפער מענטש.

סוצקעווער איז ניט נאָר אַ דיכטער. ער האָט זיך די לעצטע יאָרן גענומען אויך שרייבן פּראָזע, מעשהלעך. אין בוך אויף ענגליש איבער סוצקעווער, האָב איך אַריינגענומען עטלעכע פון די דערציילונגען. אָבער ביי מיר ליגן אַ צאָל נייע דערציילונגען סוצקעווערס. זיי זיינען ניט קיין פּשוטע מעשיות, נאָר פּאָעטיש, פּסיכאָלאָגיש, פאַנטאַסטיש פאַרוועבט.

היינטיקס יאָר, 1974, איז אַרויס אין פּרץ פאַרלאַג אין תל אביב, יודל מאַרקס בוך: „אברהם סוצקעווערס פּאָעטישער וועג", און דאָרט גיט ער אָפּ אַ גאַנץ קאַפּיטל סוצקעווערס דערציילונגען. זאָגט יודל מאַרק: „אַזוי הייסן זיי: דערציילונגען. אַזוי ווערט בפירוש געזאָגט וועגן יעדערער פון זיין. זיי זיינען געשריבן אין די לאַנגע שורות פון פּראָזע, אָבער זייער לשון איז אויסגעוועבט פון פּאָעזיע. הן די אימאַזשן, הן די אומגעריכטע ווערטער־פאַרבינדונגען און אויך זייער וווּנדערלעכע מאַלערישקייט און זייער מוזיק זאָגן אַלץ איינס ווי אין סוצקעווערס פּאָעזיע. עס איז מיר ניט באַקאַנט אין וואָסער ליטעראַטור עס זיינען פאַראַן דערציילונגען פון דעם מין, בכל־אופן ניט אין דער יידישער ליטעראַטור. סוצקעווער, קרוב צו די זעכציקער, איז דורך זיי ניט געוואָרן אַ יונגער פּראָזאַיקער; עס איז בלויז אַ ביסל אַן אַנדער פּרצוף־פּנים פון דעם דיכטער, וואָס מיר קענען פון די פריערדיקע קאַפּיטלען. יעדערער פון אָט דעם מין שאַפונג האָט אַן אַנדער טעמע, איז פון אַן אַנדער וועלט, און זאָגט עדות וועגן דעם אַרומפלי פון דעם דיכטערס פאַנטאַזיע און וועגן זיינע ברייטע האָריזאָנטן."

אויך שלמה ביקל ע"ה, וואָס האָט אָפּגעגעבן אַ קאַפּיטל סוצקעווערן אין זיין באַנד „שרייבער פון מיין דור" (1970) האָט אַרויסגעגעבן אַ ביכל איבער סוצקעווער, מיט דעם נאָמען: „די ברכה פון שיינקייט". ביקל דערציילט אַז ער האָט געטראָפן סוצקעווערן אין ווילנע, ווען ער איז אַלט געווען 22 יאָר. ער האָט געמאַכט אַן איינדרוק אויף אים. „ווען איך זע אים איצט און זע הינטער אים הויערן — וואָס זאָג איך הויערן — ברויזן עטלעכע און פופציק יאָר לעבן, און צווישן זיי יאָרן פון געטאָ, יאָרן פון פאַרטיזאַנישער גבורה, ווען איך זע דעם געראַטעוועטן דיכטער, רייסט זיך פון מיר אַ געזאַנג פון לויב דער השגחה, וואָס זי האָט געגעבן כוח צו וואַקסן און אויסצוואַקסן דעם פּאָעטישן בוים."

און דאָס איז אַלץ אמת. נאָר דאָך איז פאַראַן עפּעס נאָך ביי סוצקעווער — זיין צוגאַנג צו זיך אַליין, ווי אין אַזאַ ליד זיינס: „פון זיך צו זיך". אַ קורץ ליד, אין גאַנצן זעקס שורות, אָבער דאָס איז ער:

„ווי לאַנג דער וועג פון זיך צו זיך,<br>
ווי לאַנג?<br>
אַ מאָל אַ האַלבע רגע דאַרף געדויערן,<br>
און שוין. אָט איז די גאַנצקייט. נאָר<br>
אַ שלאַנג<br>
איז אויף דער סטעזשקע צווישן ביידע<br>
טויערן.<br>
און זיבן וועלטן, זיבן קעלטן, דאַרף<br>
אַ מאָל דער גאַנג<br>
דער נאָענטער, פון זיך צו זיך —<br>
געדויערן."

* * * * *

## „די פידלרויז"

ווען איך האָב געענדיקט שרייבן אָט דעם מאמר, איז מיר אָנגעקומען פון סוצ־קעווער זיין ניי בוך לידער, „די פידלרויז", אַ פּראַכט־אויסגאַבע מיט צייכענונגען פון מאַרק שאַגאַל — 110 זייטן, 55 לידער, מייניסטנס געשריבן אין 1971 און 1972.

אַ געבענטשטער פּאָעט, אונדזער סוצקע־ווער, געבענטשט מיט שפע. ער איז „דער בוים פון לידער." און מיר איז דאָס בוך טאָפּלט ליב צוליב דער ווידמונג, וואָס ער, סוצקעווער, האָט אַריינגעשריבן אין צו מיר צוגעשיקטן בוך:

„בין איך דער זעלביקער אָדער
אַ צווייטער?
מינער איך דאָ, צי אַ קאַפּל בין איך
מוסיף?
העכער פון וואָרט איז די מאָס פון מיין
לייטער,
ווו איז מיין שטאָפּל — זאָל פסקענען
יוסף. . ."

וואָס קאָן איך, יוסף, פסקענען? ער האָט זיך ניט געמינערט. זיין לייטער שטייט פעסט. און דער שטאָפּל איז אַ הויכער. אַז סוצקעווער איז אַ גרויסער פּאָעט האָב איך שוין געזאָגט אין מיין ביכל וועגן אים, וואָס איז אַרויס אויף ענגליש אין 1971*)

עס האָט מיך גערירט, און געלייענט האָב איך עס דאָס ערשטע מאָל מיט צוויי יאָר צוריק:

„זיין תפילה בין איך. זיינע ליפּן
פאַרלוירן האָבן שוין די ווערטער."

דערפאַר:

„ער דאַרף נאָך אָנצינדן אַ שורה
אין היכל פון זיין טונקעלער קאַנורע."

און ווייטער דערהייבט זיך דאָס ליד ביז צום וואָלקן —

„איך האָב געזען אַ פיש דערלאַנגען
אַ שפרונג פון ים־האַרץ ביזן וואָלקן
און מיטשלעפּן מיט זיך דעם וואָלקן —
איז ווינציקער פון פיש מיין חבר?"

און ווייטער:

„ער דאַרף נאָך הערן ווי זיין דופק
איז פרילינג־רעגן אין זיין לייב און
לויפיק.
ער דאַרף נאָך זופן חלום, שעפּן גלויבן,
און שפּעטן האַרבסט פאַרקיטעווען די
שויבן."

סוצקעווער האָט דורכגעמאַכט אַ לאַנגן וועג זינט איך האָב זיך באַקענט מיט אים אין 1937. ער האָט שטענדיק געהאַט אַ כישוף פון ווערטער. דער כישוף איז ביי אים געבליבן, אָבער ער נעמט אַרום אַ סך גרעסערן שטח. דער בוים פון לידער האָט זיך צעוואַקסן. ווי ער דערציילט אונדז:

„דער וועג איז אויפגעגאַנגען ווי אַ טייך,
און טעגלעך
געצויגן האָט זיך איבער אים דער
אויסגעבענקטער שטאָם,
האָט קלערן קיינער ניט געקענט, אַז
מעגלעך
דער וועג זאָל זיין ווו אַנדערש."

וואָס איז ער, אונדזער סוצקעווער — דער וועג, דער טייך, דער בוים, וואָס איז באַהאַנגען מיט לידער? ער איז אויך אברהם — אַזוי הייסט ער דאָך, אַברהם סוצקעווער —

„איר, אברהם, אַנדערש בין ווי אַלע:
איך דאַרף שוין ניט צעזעצן תרחס געצן.
וואָדען? איך דאַרף גאָר בויען די געזעצן
פאַר אויסטערלישע ווערטער."

נאָר מער פון אַלץ איז ער פאַרגליכן צו אַ מילגרוים, וואָס ער דערציילט וועגן אים — און זיך, אַז

„פול דער מילגרוים. יונג איז אים זיין
עלטער,
אַלט איז אים זיין יונגשאַפט. ער האָט
ביידן
איינעווייניק אין זיין פולן קעלטער —
טויט און לעבן וויל זיך ניט צעשיידן.

און דער מילגרוים, שיכור איז ער
פונעם וויין מיליאָנען־יאָריקן."

און ווייטער:

„און ווו דו זאָלסט ניט וואַנדערן
און ווו דו זאָלסט ניט וווינען,
וואַנדערסטו אַרום אַ מילגרוים."

פול דער מילגרוים, אונדזער סוצקע־ווער, אונדזער מילגרוים. יודל מאַרק ענ־דיגט זיין בוך, „אברהם סוצקעווערס פּאַ־

---

*) אַ קריטישע אָפּהאַנדלונג וועגן דאָזיקן בוך, פון זלמן שלאָסער, איז געווען גע־דרוקט אין „חשבון", נומ. 69־70.

עט־שער וועג", מיט די ווערטער: „עס איז געווען אַ פאַרגעניגן צו שרייבן וועגן אַבּ־רהם סוצקעווער." איך חזר איבער זיינע ווערטער, ווייל איך אויך וויל דאָס זעל־ביקע זאָגן פון מיינעט וועגן. אַ שאָד נאָר וואָס סוצקעווערס ליד דערגייט ניט וויי־טער, צו לייענערס פון אַנדערע לשונות. איך האָב געמאַכט אַן אָנהייב מיט מיין בוך אויף ענגליש וועגן סוצקעווערן. יעקב זאָנטאָג האָט אַרויסגעגעבן אַ פּראַכט־באַנד, זיין איבערזעצונג פון סוצקעווערס „סיביר". רות וויסע האָט געדרוקט אַן אַרבעט וועגן סוצקעווערס 15 דערציי־לונגען — „פּאָעמעס אין פּראָזע" — רופט זי זיי. אָבער דאָס איז נאָר אַן אָנהייב. מ'דאַרף איבערגעבן דער גרויסער וועלט, דער וועלט־ליטעראַטור, די גאַנצקייט פון סוצקעווערס שאַפן, מ'זאָל אים קענען.

נאָר אַפילו דערווייל, אויפן סמך פון זיינע ביז איצטיקע אַרבעטן וואָס עקזיס־טירן אויף ענגליש, שטייט סוצקעווערס נאָמען אויף דער רשימה פון נאָבעל־פּרייז קאַנדידאַטן, וואָס ליגט פאַרן שטאָקהאָל־מער נאָבעל פּרייז קאָמיטעט. די העב־רעישע ליטעראַטור האָט מיט 9 יאָר צו־ריק באַקומען דעם ערשטן נאָבעל פּרייז, וואָס איז געגעבן געוואָרן צו ש"י עגנון. די יידישע ליטעראַטור האָט דאָס ביז איצט ניט דערגרייכט. ס'וואָלט געווען אַ כבוד פאַר אונדז אַלע יידן ווען דער פּרייז זאָל צוגעטיילט ווערן סוצקעווערן, וועל־כער פאַרדינט זיך עס בלי שום ספק.

רבקה קאָפּע / פּאַריז

## צוויי לידער

### לייענענדיק אברהם סוצקעווערס „ציטיקע פנימער"

פאַרטאָג. ווען פון דעכער רינט טריוואַקס פון שוויגן,
קומט מיר ריטמיש דעם יידנס פעדער אַנטקעגן.

ס'האָבן שטערן די לעצטע שוין אָפּגעגלימערט.
אינעם מלכות פון ווערטער כ'זיץ אָפּגעצימערט.

נאָך איידער גאָטס האַנט ציבּדט אויף ווענט די קוואַדראַטן,
צעוויקלט מעלאָדיעס דעם פידל פון טאַטן

און ס'צייכנט אין לופטן זיך פידלען פון שטאַמען
מיט סטרוניקע שורות געסטראַיעט אין גראַמען.

דעם יידנס מגילה איך גיב אַ צעוויקל,
ביים בויגן קאָלירטן פון הימלישן בריקל.

פון האָבן און מענטשן מיט מאָך אין זכרון,
קריק לעביק, צום אייביקן לעבן באַשוואָרן;

דער זיידע, די מאַמע, ס'געשטעל פונעם זייגער,
דער הילצערנער גנב — צעשראָקענער נייגער.

ס'בוך אַ צעבלעטערט, שוואַרץ־וויסע האַרמאָניע,
ס'בני־בית, דעם זייגער, איך האַלט אויף מיין דלאָניע;

די ציגעלניע און דינקע, אַלץ וואָס פאַרבייאיק,
פאַרמויערט אין פּאַלאַץ פון שורה אַלטניאיק.

נישט אַנדערש ווי מופתים געצויגן פון פעדער,
און ס'רינגט מיך אַריין אין די גאָלדענע רעדער;

ווען כ'טוק מיך אין ים פון די רינגען געפאַנגען,
פאַלט אָפּ פון מיין צונג — ווי פון דיאַפּאַזאָן קלאַנגען.

ס'געמיט ווערט פאַרוויכט מיטן טוי פון באַגינען
און ס'טראָפּנט אַ פרייד אין די אָדערן רינען.

ווערט תפילה פון שחרית אַ לויב דעם פאָטער
און פאַרבלויט ווערט געזאַנג אויף ניכטערע בלעטער.

## פון זעכציק חלומות איז איינער נבואה — (חז"ל)

יעדער חלום־נביא וואָס צו מיר גענענט,
און מאָלט מיט פּענדזל פון גיהנום־פייער,
ווערט אין מיין נשמה איבערגעברענט,
דיסטילירט דורך אַ פאַרכטיקן זייער.

דעם חלום־נביא נעם איך אויף מיט מורא;
יאָ, אַזעלכער נאָגט כראָניש מיר די ביינער.
נאָר וואָס פאַרשלייערן חז"ל־תורה
און מיין געמיט זאָל נישט פאַרשטיין קיינער?

מיין לעבן איז סיַיוּוי אַן אָפן ספר,
ווי אַ פּנימל קוקט אַרויס יעדעס וואָרט,
וואָס קאָן פאַרראָטן; ווו איך מיט אייפער
צעוואָרף מיינע אָפענע קאָרטן דאָרט...

מכוח אַלע געשעפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים
בעטן מיר אַלעמען צו ווענדן זיך צו אונדזער פינאַנץ־סעקרעטאָר:

M. GOLDFARB

3855 Edgehill Drive Los Angeles, Calif. 90008

פאַרוואַלטונג „חשבון" Phone: 293-2950

אברהם סוצקעווער / תל אביב

# אויסטערלישע ווערטער

(פונעם בוך די פידלרויז, פאַרלאַג, די גאָלדענע קייט, תל אביב, 1974)

כ׳האָב דעמאָלט ניט געהאַט קיין הילף און העלפער,
(אנטלאָפן שוין פון רבין און זיין באַהעלפער)
ווען ליכטיק איז געוואָרן מיר נתגלה,
אַז איך, אַברהם, אַנדערש בין ווי אַלע:
איך דאַרף שוין ניט צעזעצן תרחס געצן,
וואָדען? איך האָרף גאָר בויען די געזעצן
פאַר אויסטערלישע ווערטער. זייער פּיקעניש
אין האַרצן, איז מיין רוחניות און דערקוויקעניש.

און כ׳האָב געבויט געזעצן און געצוווּנגען
די אויסטערלישע ווערטער ווערן גאַנצער.
געצוווּנגען, אַז אין קוזניע זאָלן יונגען
מיט האַמערס אויסשמידן פאַר זיי אַ פּאַנצער
אַנקעגן טויט. אין פּאַנצער זאָל איך רייטן
צום אויסלאָז פון די בליענדיקע ווייטן.
און וויסן זאָלן אונטערטעניק אַלע,
אַז איך, אַברהם, אַנדערש בין ווי אַלע.

און מיינע ווערטער האָבן זיך געשליפן
אויף טרערן ביז צו זייער גרונט און סיבה.
אַ בינען־מלכה האָט אין זיסע טיפן
געשאָנקען זיי די נאָדלען פון איר ליבע.
ביי קאַרשנביימער האָבן זיי געגנבעט
ס׳געהיימניש: פאַרוואַנדלען ערד אין קאַרשן.
און מיינע טעג־און־נעכט אין זיך פאַרקאַנוועט
און צו דער אייביקייט געזונגען: ירשן!

זיי האָבן זיך דערקליבן צו אַ שלייען
און אים באַפעלן שרייען, שרייען, שרייען;
אַ כאַפּ געטאָן אַ דונער צווישן צווייגן
און אים באַפוילן שווייגן, שווייגן, שווייגן;
אַראָפּגעקייקלט האָבן זיי אַ סקאַלע
און אונטן — זע, אַ זונוואָרעם: די צייט —
און כ׳האָב זיך אויסגעפּיינט פאַר יונגע־לייט,
אַז איך, אברהם, אַנדערש בין ווי אַלע.

נאָר ס׳איז געשען, איך שעם זיך צו דערציילן,
אַן איבערקערעניש אין מיין מלוכה:
אַ רעגן האָט פון וואָלקנס ווי פון הייל
דערלאַנגט אין מיטן טאָג אַזאַ מין פּליוכע,
אַז ווער עס האָט געהאַט נאָר פּיס צי פליגל
איז נעלם באַלד געוואָרן דאָ און דאָרטן.
געבליבן איז בלויז איינער... מיט אַ קריגל
באַשפּריצט די בייטן טראָפּנווייז אין גאָרטן.

און כאָטש איך בין געווען אַ צאַרטער שוויגער,
ווען כ׳בין פאַרבייגעלאָפן האָט דער בייגער
פאַרהאַלטן מיך אין שלאַקסנדיקן רעגן,
דערזעענדיק דורך קראַטעס פונעם פּלויט,
ווי טראָפּנווייז באַשפּריצט דער מאַן דאָס קרויט.
און כ׳האָב געמוזט אויף אַ הויכן קול אים פרעגן:
— צעקניפּל מיר דעם שכל פון דיין שפּריצן,
עס מבולט דאָך גענוג, ביזט וואָס ממלא?
און יענער האָט געלאַכט מיט גרינע בליצן:
— דו ווייסט ניט? איך בין אַנדערש דאָך ווי אַלע.

מאַי, 1971

אריה פאַזי

# נאַטור... קאָסמאָס... מענטש...

## מענטש אין סך-הכול

דאָס ווייטערדיקע, וואָס קומט דאָ, זיינען צעזייטע און צעשפּרייטע געדאַנקען: נאָטיצן, איינדרוקן, איבערטראַכטונגען, וואָס זיינען פאַרצייכנט געוואָרן, אָן אַ סדר, אין פאַרשיידענע צייטן, אונטער אַלערליי השפּעות און בעת אַלערליי שטימונגען. אַ מאָל חזרן זיי זיך איבער, אַ מאָל קען זיך אויסווייזן אַז זיי זיינען זיך סותר. פון דעסטוועגן איז כדאַי זיי איבערצוגעבן אינעם זעלביקן נוסח ווי זיי זיינען לכתחילה פאַרנאָטירט געוואָרן (און בלויז מיט איי־ניקע סטיליסטישע אויסבעסערונגען).

און וואָס שייך די סתירות, זיינען זיי אפשר גאָר קיין סתירות ניט, נייערט דער אָפּרוף און פועל-יוצא פון שטימונגען צו וועלכע מענטש איז אַלע מאָל אונטערגעגעבן.

הלמאַי די היפּוכים-שטימונגען פון דער נאַטור אַליין, אין וואָס מיר זיינען אַריינגעהאַפּטן? למשל, פינצטער לגבי ליכט, קעלט לגבי וואַרעמקייט, שפּראָץ לגבי וועלקונג, אויפקום לגבי אומקום, וכדומה וכדומה? טוט ווער אָפּפרעגן נאַטור, היות זי האָט אַזוינע שאַרפע היפּוכים?

אַזוי אויך זיינען מיר געצוווּנגען שלום צו מאַכן מיט די היפּוכים און שטימונגען פון מענטש, וואָס ער, אין זיין גאווה, באַטראַכט זיך, אָדער וויל זיך באַטראַכטן, ווי דעם הכל-בכל-מכל-כל פון אַלץ מיט אַן אַנדער, ווי דעם בחיר היצורים פונעם רבש״ע, וועמען ער, דער רבש״ע, האָט באַשאַפן ניט אַנדערש ווי אין זיין אייגענעם געשטאַלט און זיין אייגענער גלייכעניש. אַזוי איז פאַרשריבן אין דער תורה און אַזוי סימבאָליש, באַטראַכט מענטש זיך אַליין. דער עיקר איז דאָך ניט די סתירה, נאָר דער אויסגאַנג-פונקט און דער לעצטער סך-הכול.

סך-הכול... סך הכול פון וואָס? — באַשטימט ניט אַ מאַטעמאַטיש-פיזישער סך-הכול. פיזישע מאַטעמאַטיק איז ענג פאַרבונדן מיט חומר. און חומר אַליין איז דאָך געבונדן אין ענגע גרענעצן. און מענטש וויל בשום אופן ניט זיין געצאַמט. ער איז קיין מאָל ניט באַנוגעוודיק.

ניט אין חומר נאָר אין רוח — רוח אינעם זינען פון רוח אלוהים — באַשטייט די אַלגעמיינע אמונה פון מענטש. און דאָס איז אויך מיין אייגענע אמונה שלימה.

וויל ווער זי אָפּפרעגן?

איז מהיכא תיתי: איך אַליין וויל פון אָפּפרעגונגען לערנען.

מיר ווייסן אָבער, אַז מענטש נעמט ניט אָן, און וויל ניט אָננעמען, אַז ער איז חומר און ניט מער. דער חומר, דער בשר ודם אין מענטש, טוט און וויל ער באַטראַכטן ניט מער ווי דעם מכשיר דורך וועלכן ריינער ג י י ס ט קומט צום אויסדרוק. און מענטש, אין זיין עצם, איז דאָך באמת גייסט. אין יעדן פאַל, צו דעם פירט זיין לאָגישער געדאַנק און באַזונדערס זיין עמאָציאָנעלער געפיל. „גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטשן אין זיין געשטאַלט: אין דער געשטאַלט פון גאָט האָט ער אים באַשאַפן", איז פאַרשריבן אין דער תורה. און גייסט, אַזוי ווי מענטש באַנעמט אים, גרייכט אומגעהייערע מדרגות, פון וואָס חומר איז ניט קיין אַנדער זאַך ווי די נידעריקסטע מדרגה. און גאָט איז דאָך ניט אַנדערש, און קען גאָר אַנדערש ניט זיין, ווי ריינער גייסט.

## קאָסמאָס

לפי דעם ביז איצטיקן באַנעם פון מענטשלעכער וויסנשאַפט ווערט דערקלערט, אַז די ערד איז געבוירן געוואָרן מיט אַזויפיל און אַזויפיל מיליאַרד יאָרן

צוריק, און אַז מיט אַ סך מיליאַרדן יאָרן פריער, איידער די ערד האָט זיך אויסגעפורעמט, האָבן שוין אין קאָסמאָס געלויכטן אַ גרויסע צאָל שטערן. און די שטערן זיינען, לפי רוב, ניט איינציק. זיי העפטן זיך אָן אין גאַלאַקסיס: גאַלאַקסיס — מישפּחות פון שטערן, וואָס ציילן זיך אין מולטי־מיליאָנען. און די גאַלאַקסיס, זיי אויך, ציילן זיך אין מיליאָנען.

דאָס איז לפי מענטשלעכע באַגריפן און לפי דעם ווי ווייט זיין זעונג און דער זעונג פון די סאָפיסטיצירטע דורך מענטש געשאַפענע אינסטרומענטן און מאַשינעריע האָט געקענט גרייכן. און וואָס איז ווייטער אין קאָסמאָס? וואָס איז ד אָ ר ט פאַרהוילן? און וואָס איז קאָסמאָס בכלל? — צו דער פאַרהוילעניש פון דעם האָט זיך מענטש נאָך ניט דערטראַכט.

לכן: וואָס פאַר אַ באַטרעף האָט אַן איינצעלנער שטערן לגבי די גאַלאַקסיס? — געגליכן צו איין שטויבעלע זאַמד לגבי דיונעס ביים ברעג ים. און לגבי דעם אַלעמען — וואָס פאַר אַ באַטרעף האָט אונדזער ברעקעלע קיילעך־ערד?... און — מענטש אויף דער ערד?...

אָבער לאָמיר וועגן דעם בעסער ניט טראַכטן... אָנשטאָט צו טראַכטן וועגן די ברעקלסטע ברעקלקייטן, לאָמיר פרווון באַנעמען די גרויסע גרויסקייטן.

אָבער, דרך ארץ! אונדזער השגה קען זיי ווייניק וואָס באַנעמען, אונדזער אויג קען זיי ניט זען. מ'זעט זיי יאָ — ניט אַלע! — דורך אַזוינע מאַכטיקע טעלעסקאָפּן ווי אין פּאַלאָמאַר און מאַונט ווילסאָן אין קאַליפאָרניע, און מ'באַגרייפט זיי דורך די אַלערלייאיקע סענסיטיווע אינסטרומענטן, ווי ראַדיאָ וכדומה. יעדער פון די גאַלאַקסיס, האָבן די אַסטראָנאָמען באַשטימט, באַשטייט פון מיליאַרדן שטערן. פון דעסטוועגן זעען זיי אויס — אָט די באַזונדערע אָנזאַמלונגען פון מילי־מיליאָנען שטערן — פאַר אונדזער מענטשלעכער זעונג, אפילו דורך דער פאַרשטאַרקונג דורך די ברילן פון די מאַכטיקסטע טעלעסקאָפּן, ניט מער ווי קליינע באַלויכטענע פלעקן. אַזוי ווייט, דרינגען מיר, זיינען זיי פון אונדז אָפּגערוקט אין מהלך. אייניקע פון די דאָזיקע גאַלאַקסיס, איז אויסגערעכנט דורך די אויסטערלישע אַסטראָנאָמישע אינסטרומענטן, זיינען אָפּגערוקט פון אונדז אויף מהלכן פון מיליאַרדן ליכט־יאָרן. דאָס הייסט, עס האָבן געדויערט אַזוי פיל מיליאַרדן ליכט־יאָרן ביז וואַנעט דאָס ליכט, וואָס זיי האָבן דעמאָלסט אַרויסגעשיינט פון זיך, האָבן דערגרייכט אונדזער ערד.

לכן, ווי ווייט זיינען זיי? און ווו זיינען זיי אַצינד? לאָמיר פרווון מאַכן אַ חשבון: ליכט, איז אויסגערעכנט מאַטעמאַטיש, פליסט מיט דער שנעלקייט פון 186,000 מייל אַ סעקונדע. באַרעכנט איצט וויפל מייל עס פליסט אָפּ אין אַ מינוט... אין אַ שעה... אין אַ מעת־לעת... אין אַ יאָר... קענט איר זיך איצט משער זיין וויפל מייל עס האָט אָפּגעפלאָסן אין משך פון מיליאָנען יאָרן?... דאָס הייסט, אַז דאָס וואָס די פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן פון די סופּער־טעלעסקאָפּן כאַפּן אויף איצט די שיינען פון די שטערן פון די ווייטע גאַלאַקסיס, טוען זיי אונדז ניט באַווייזן ווי די גאַלאַקסיס זען אויס אַצינד, נייערט ווי זיי האָבן אויסגעזען מיט מילי־מיליאָנען יאָרן צוריק — אפילו נאָך איידער אונדזער זון איז געבוירן געוואָרן, און באַשטימט איידער אונדזער ערד איז געבוירן געוואָרן.

און ווו זיינען די גאַלאַקסיס אַצינד? דאָס ווייסן מיר אַוודאי ניט. זיי שטייען ניט אויף איין אָרט. זיי שוועבן אין קאָסמאָס מיט אומגעהייער שנעלקייט. אַלץ פאָרויס... און וואָס איז דער פאָרויס?... דאָס האָט מענטשלעכע השגה עד היום ניט באַשיידן...

געוויינטלעך האָט מענטש מורא צו זיין אין פינצטערניש. אויף וויפל מער דאַרף מענטש מורא האָבן פאַר דער פינצטערניש פון וויסן, וואָס רינגלט אונדז אַרום, אין שייכות מיט די מילי־מיליאַרדן ליכט־יאָרן פון שטח — און אויך צייט! — ווען מיר זאָלן וועלן דערקענען זיך אַליין אין דעם אָרט וואָס מיר פאַרנעמען אין זיי...

לאָמיר דערביי אָבער פאָרט פרווון מאַכן אַן אייגענעם חשבון־הנפש — ווי בטל ומבוטל מיר זאָלן ניט זיין. און באַטראַכטן לאָמיר זיך אויף אַזאַ מין שטייגער:

מיר זען זאַכן דורך אַסטראָנאָמישע אײַנפאַלן. אין וואָס באַשטייט די אַרבעט פון אַסטראָנאָמען?

די אַסטראָנאָמען מעסטן אויף אַ גוואַלדיק קאָמפּליצירטן מעכאַניש־וויסנשאַפטלעכן שטייגער די מאָס, גרויס, טעמפּעראַטור, אייגנשאַפט, באַשטאַנדטייל און די עוואָלוציע פון די שטערן. זיי שטודירן די נוקלעאַרע קוואַלן פון ענערגיע און ווי די שטערן סינטעזירן די פּיל־צאָליקע כעמישע באַשטאַנדטיילן און די איזאָטאָפּן פון וואָס זיי זײַנען צונויפגעשטעלט. אָפּטישע און ראַדיאָ אַסטראָנאָמען האָבן אויסגעפאָרשט די באַדינגונגען, וואָס קענען דערמעגלעכן פיזישן און ביאָלאָגישן לעבן אויף די אַנדערע פּלאַנעטן פון אונדזער זונסיסטעם און זיי זײַנען געקומען צום הסכם, אַז אינטעליגענט לעבן, ווי מיר דערקענען עס, קען האָבן אַ קיום ניט ערגעץ ווו אַנדערש אַחוץ אויף דער ערד.

אָט די פאָרשונג האָבן אונדזערע אַסטראָנאָמען געקענט מאַכן בלויז אין שייכות מיט די פּלאַנעטן וואָס קרייזן אַרום דער זון. אָבער אינעם קאָסמאָס זײַנען דאָך דאָ מילי־מיליאַרדן זונען אַזוי ווי אונדזער אייגענע זון, און ס'לייגט זיך אויפן שכל, אַז אויך אַרום זיי קרייזן פּלאַנעטן, ענלעך צו דער ערד און מיט ענלעכע פיזישע באַדינגונגען ווי אויף דער ערד, און אַז אויך אויף זיי האָט זיך וווּ־ניט־וווּ אַנטוויקלט אינטעליגענט לעבן. און אפילו אפשר אַן אינטעליגענט לעבן פון אַ סך העכערן סטאַנדאַרט פון מענטש אויף דער ערד.

איז עס אַזוי?

קיין קאַטעגאָרישער ענטפער איז אויף דעם עד היום ניט געגעבן. און מענטש איז אפילו מסופק צו אַזאַ ענטפער וועט מענטשן ווען עס איז געגעבן ווערן. לעת עתה אַוודאי און אַוודאי ניט.

איינס איז קאַטעגאָריש יאָ פעסטגעשטעלט: אויף אונדזער ערד איז מענטש יאָ דאָ!

פרעגט זיך: צוליב וואָס?...

און צו וואָס איז דאָס מחייב?...

**און וואָס איז צו דעם מחייב יעדער יחיד וואָס איז אויף דער ערד?...**

הלוואי זאָל ווער עס איז דאָס קענען קאַטעגאָריש פאַרענטפערן...

אָבער פּאָזיטיוו! ניט אויף דעם קוהלת־שטייגער פון הבל־הבלים...

ליבערשט איבערטראַכטן אָט דעם ענין אין אַזאַ מין טערמין: היות איך באַנעם פון עולם ומלואו אַזויפיל און אַזויפיל און קען געדאַנקלעך וואַנדערן אין קאָסמאָס אַזוי און אַזוי ווייט, בין איך דאָך אויך אַן עפּעס באַדייטנדיקער יש... איז וואָס איז דער יש?... דער פיזיש־ביאָלאָגישער יש מײַנער איז דאָך ניט מער ווי אַ שטױבעלע שבשטױבעלע... איז דאָך דער א י ך אין מיר עפּעס אַנדערש... איך רוף עס ג ײ ס ט . . . לאָמיר טאַקע אין אָט דעם גײַסט פּרוּוון פאַרטיפן זיך... וועלן מיר עס קענען טאָן?...

## דער מיקראָקאָזם און מאַקראָקאָזם

אויף וויפל מענטשלעכער וויסן האָט ביז איצט אויסגעפונען, איז דער ערד־קיילעך, וואָס מיר באַוווינען, אייגנאַרטיק און איין־און־איינציק אין דער זונסיסטעם אויף וואָס עס איז אַן אַנטוויקלט לעבן, אין דעם זין ווי מיר באַגרײַפן לעבן. דאָס הייסט: פאַר וויסנשאַפט ווײַזט זיך אויס, אַז קיין לעבן איז ניט פאַראַן — קיין אינטעליגענט לעבן איבערהויפּט — אויף קיין איינעם פון די אַנדערע פּלאַנעטן, וואָס קרייזן אַרום דער זון בשותפות מיט דער ערד. אונדזער ערד איז די איינציקע אין דעם גאַנצן חלל פון דעם זון־סיסטעם, ווו לעבן האָט זיך אַנטוויקלט און עקזיסטירט, און ס'איז ניט סתם לעבן, נייערט ס'איז אַזאַ לעבן, וואָס איז באַגנאַדיקט און באַרייכערט מיט דער מעגלעכקייט פון אינטעלעקטועלע באַגריפן און געדאַנקען.

אָט די אינטעלעקטועלע פעיקייטן פון לעבן האָבן אָנגעהויבן אַנטוויקלען זיך אויף דער ערד ערשט מיט אַזאַ קורצער צייט צוריק, וואָס לגבי צייט בכלל, לגבי אייביקייט, איז עס מיניאַטור, משמעות אַ לחלוטין גאָרנישט. און אין אָט דעם רעלאַטיוון גאָרנישט האָט מענטש, פון זײַן אייגענעם קוקווינקל, דורכגעמאַכט אַן אומגעהויער פאַנטאַסטישע אַנטוויקלונג — הן

אין אַבסטראַקטן קולטור־זין און הן אויפן פּאָזיטיוון פיזיש־טעכנאָלאָגישן געביט.

אָט די אַנטוויקלטע טעכנאָלאָגיע אונדזערע האָט עס פאַר אונדז מעגלעך געמאַכט אַרויפצושטייגן אויף דער לבנה און מאָרגן, איבערמאָרגן וועט מענטש מן־הסתם גרייכן אויף די אַנדערע פּלאַנעטן פונעם זונסיסטעם און אויב ניט נאָך ווייטער.

בכן, אונדזער ערד, וואָס איז רעלאַטיוו ניט מער ווי אַ שטויבעלע חומר אין דעם אין סוף פון עולם ומלואו — זעט אויס אַז פאַר איר, פאַר אָט דער ערד, איז פון ערגעץ־ווו באַשטימט געוואָרן אַ געוויסע עובדה, אפשר אפילו אַן עולמיות. עס האָט זיך דאָך ביי אונדז אויף דער ערד אַנטוויקלט דער מענטשלעכער מין מיט אַזאַ וווּנדערלעכן כוח, וואָס אין זיין אייגנאַרט איז עס אפילו מער ספּעקטאַקלדיק איידער דער זון־סיסטעם אַליין.

איז לאָמיר טאַקע באַטראַכטן און ניט אויפהערן חידושן זיך אויף די אַלע חידושי־חידושים:

ערשט מיט בלויז עטלעכע טויזנט יאָר צוריק האָט מענטשלעכער פאַרשטאַנד אָנגעהויבן קענען באַוווּנדערן די שטערן, און ניט מער ווי מיט עטלעכע הונדערט יאָר צוריק האָט ער זיך פאַרנומען צו פאָרשן וואָס זיי זיינען און ווי זיי פירן זיך אויף, און צו שפּעקולירן — וויבאַלד ער קען עס אויף באַשטימט ניט אַנטשיידן — ווו זיי זיינען און וווהין זיי קומען.

און אונדזער חידוש קען שפּאַנען נאָך ווייטער:

פיזישער מענטש איז לגבי קאָסמאָס אַ שטויבעלע, אַ ברעקעלע שב׳ברעקעלעך, אָבער אָט דער פיזישער אומבאַטייט־פון־אומבאַטייטן איז דאָך מענטאַליש אַזוי קאָנסטרואירט, אַז עס באַנעמט וויזועל און געדאַנקלעך די אומגעהייערע שטחן פון דעם קאָסמאָס, די קאָנסטרוקציע פון דער אומפאַרמיטלעכער נאַטור, וואָס רינגלט אונדז אַרום אויף דער קאָסמאָס־שיף ערד און די אומגעהייערע וועלטן, וואָס זיינען צעשאָטן אין דער גרענעצלאָזיקייט פון קאָסמאָס — הגם דער עצם זינען פון גרענעצלאָזיקייט האָט ער נאָך ניט באַגריפן.

און דאָס זיינען עניינים, וואָס זיינען נייטיק, זייער נייטיק, אין זיי צו פאַרטיפן זיך און פון דעם ציען לאָגישע קאָנסעקווענצן.

## „אויב נישט נאָך העכער"

וואָס איז מיט אַ קורצער צוריק געווען פאַררעכנט פאַר אוטאָפּיש און אומגלייבלעך, איז שוין איצט אַ געשעענער פאַקט: מענטש האָט צום ערשטן באַוויזן אַרויסצושיקן אין רוים אייגענע געמאַכטע סאַטעליטן, מיט מענטשן אין דעם, וואָס זאָלן אַרומקרייזן די ערד, און מיט גאָר אַ קורצער צייט שפּעטער האָט מענטש שוין באַוויזן צו גרייכן די לבנה, צו באַטרעטן איר באָדן און צו שפּאַצירן איבער איר, און דערנאָך בשלום צוריקצוקערן זיך צו דער ערד. אַזוי אַרום האָט מענטש אויך דערגרייכט די פּאָטענציעלע מעגלעכקייט צו גרייכן די ווייטע פּלאַנעטן פון דעם זונסיסטעם און אפילו ווייטער און ווייטער.

אָט דער שפּאַנענדיקער אויפטו שטעלט פאַר מיט זיך אַ וווּנדערלעכע טעכנאָלאָגישע דערגרייכונג. מענטשלעכע אַלערליי מעכאַנישע און אינזשענערישע איינפאַלן און געניאַלע מאַטעמאַטישע אויסרעכענונגען זיינען טאַקע געשטיגן איבער אומגעהייערע מדרגות, אָבער אָט די פאַנטאַסטישע דערגרייכונגען פון מענטש מאַכן נאָך שאַרפער די האַרבע קשיה: וויבאַלד מענטש האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל דעם גרויסן וווּנדער פון צו קענען דערגרייכן און באַטרעטן די לבנה און האָט זיין ציל יאָ דערגרייכט — פאַר וואָס קען ער ניט אַנטשיידן די אומגעהייער לעבנס־נייטיקע אייגענע פּראָבלעמען:

צו איינלעבן זיך אין דער אייגענער מענטשלעכער משפחה;

צו אָפּשאַפן דעם אומזין פון מילחמות און בלוט־פאַרגיסונגען;

צו אָפּשאַפן די שינאה־קינאה צווישן פאָלק און פאָלק און מענטש און מענטש;

צו אויפהערן פאַרסמען די לופט, וואַסער און באָדן, פון וואָס ער ציט חיונה און וואָס אָן דעם קען ער ניט לעבן;

צו דערפאָרשן זיך צו מעדיצינישער דערקענטעניש פון מענטש;

צו אָפּשאַפן די פאַרברעכנס קעגן די אָנגענומענע מענטשלעכע געזעצן פון עטיק בכלל און אויפפיר בפרט, אריינגערעכנט די פריווילעגיעס פונעם פרט אויפן חשבון פונעם כלל;—

אָט די אַלע פּראָבלעמען: פאַרוואָס קען מענטש זיי ניט אַנטשיידן?

די תירוצים אויף דעם, וואָס ווערן געגעבן זיינען — ווי פשוט זיי זיינען, אַזוי גרייכן זיי ניט זייער ציל. די תירוצים באַשטייען, לפי ערך, אין דעם, אַז —

בכדי צו דערגרייכן די לבנה און צוריק צו קומען צו דער ערד, פאַרלאַנגט זיך ניט מער ווי מעכאַנישע אַריינטראַכטונגען און זיי זיינען פאַרהעלטנישמעסיק אַן אייגפאַכער פּראָבלעם. אין היפוך צו סאָציאַלע פּראָבלעמען, וואָס זיינען פאַרפּלאָנטערט, איז דער ציל פון דער לבנה־פּראָיעקט געווען געענוי, קלאָר און דייטלעך, און דער רעזולטאַט פון דער דערגרייכונג פון אָט דעם ציל האָט זיך ניט אָפּגערופן מיט וועלכן עס איז פּועל־יוצא פאַר דער געזעלשאַפט: יום־יום לעבן און אונדזערע שייכותן און התחייבותן פון מענטש צו מענטש האָבן זיך לחלוטין ניט געענדערט דורך דעם וואָס מענטש איז אַרויפגעקומען אויף דער לבנה.

בכדי צו זיין בגדר היכולת אַרויפצוקומען אויף דער לבנה האָט מען מער ניט באַדאַרפט האָבן ווי עטלעכע מוטיקע מענטשן צו ריזיקירן מיט זייערע לעבנס און די טעכנאָלאָגישע קענטשאַפט פון דערפינדערישקייט צו מאַניפּולירן מיט אַטאָמען און עלעקטראָנען. דערביי איז באַוווסט, אַז אַטאָמען און עלעקטראָנען זיינען פיזיש נאָכגיביק און פאָלגן אויס פּינקטלעך די עובדות צו וואָס זיי ווערן באַרופן, און וואָס שייך סאָציאַל — זיינען זיי ניט נאָר נייטראַל, נאָר זיי האָבן צו דעם לחלוטין קיין שייכות ניט.

בפירוש: די אַטאָמען און עלעקטראָנען שטויסן זיך ניט אָן אויף די חילוקי דעות צווישן קאַפּיטאַליזם און סאָציאַליזם, טעאָקראַטיע און אפּיקורסות, דעמאָקראַטיע און אויטאָקראַטיע; עס זיינען ניט פאַראַנען קיין ווייסע עלעקטראָנען, שוואַרצע אָדער ברוינע עלעקטראָנען; עס געפינען זיך ניט קיין יידיש, קריסטלעכע, מוסולמאַנישע, אָדער אַנדערש־גלייביקע אַטאָמען; נישטאָ קיין שטאָטישע און דאָרפישע, קיין פּעלקערלעכע אָדער ראַסיסטישע עלעקטראָנען, אויך ניט קיין באַזונדער געשלעכטלעכע און קיין עלטערלעך אומקומענדיקע און קיין יוגנטלעך אויפקומענדיקע.

דער אויספיר איז: אין היפוך צו דער דערגרייכטער מעגלעכקייט און פּינקטלעכער איינאָרדענונג אַרויפצוקומען אויף דער לבנה — דער ניט־באַפעלקערטער, ניט־סאָציאַלער, ניט־פּאָליטישער לבנה — זיינען די געזעלשאַפטלעכע מענטשלעכע פּראָבלעמען אויף דער ערד דאָ הי ניט נאָר עד היום ניט געלייזט געוואָרן, נאָר זיינען נאָך מער פאַרשאַרפט געוואָרן איידער ווען עס איז פריער אין דער געשיכטע פון מענטש אויף דער ערד.

אַ מערקווערדיקער צופאַל אָדער דערקענטעניש: זינט איסאַק ניוטאָן, יאָהאַנעס קעפּלער און הענרי קאַווענדיש האָבן זיך דערטראַכט צו דעם, אַז עפּעס זיינען דאָ אין דער נאַטור אַזעלכע אייגנשאַפטן וועמען מ'האָט אַ נאָמען געגעבן גראַוויטאַציע, און זינט טאָמאַס עדיסאָן האָט אָנגעהויבן עקספּערימענטירן ווי צו באַנוצן עלעקטריציטעט — אַ סובסטאַנץ וואָס עד היום ווייסט מען נאָך ניט וואָס זיין עצם איז אַזוינס — זינט יענע ספּעקולאַטיווע אויפדעקונגען און ביז איצט, ווען וויסנשאַפט האָט שוין דערקענט דעם סובסטאַנץ פון אַטאָמען און ווי אַזוי צו באַנוצן עס פאַר אַלערלייאיקע מעכאַנישע אַנטוויקלונגען, — זינט יענע דערגרייכונגען זיינען אַריבער גאָר קורצע יאָרן, יאָרן וואָס ציילן זיך ניט מער ווי אין איינציקע דורות. בימי אָט דער קורצער צייט איז באַשטעטיקט געוואָרן בני־אָדמס אומגעהייערע געניאַליטעט, וואָס איז זיי געשאָנקען געוואָרן דורך דער ליסטיקייט פונעם שלאַנג ביים עץ־הדעת — די געניאַליטעט פון וויסנשאַפטלעכער פאָרשערישקייט און דערפינדלעכקייט, אויף אַלערליי חומריותדיקע געביטן, בכדי אויסצונוצן די אייגנשאַפטן און פּאָטענץ פון מיסטעריעזע סודות פון נאַטור — אויף וויפל זיי אַנטפּלעקן זיך — אויף פאַנטאַסטישע מדרגות פאַר דעם אייגענעם באַנוץ.

באמת, לויט דעם ביבלישן איינשטעל, האָבן מענטשן נאָך גאָר אַמאָל, שוין אין די פאַרציַיטיקע יאָרן, אָנגעהויבן בויען דעם בבל־טורעם בכדי צו גרייכן די הימלען. נו, האָט גאָט זיך אין זיי מתקנא געווען, זיי צעמישט די לשונות, בכדי זיי זאָלן ניט קענען פאַרענדיקן דעם טורעם און גרייכן ז י י נ ע הייכן.

האָבן בני־אָדם זיך פאָרט אַן עצה געגעבן: אפילו מיט די צעמישטע לשונות האָבן זיי דעם בוי פונעם טורעם ניט אָפּגעשטעלט. זיי האַלטן נאָך אַלץ אין בויען אים וואָס העכער און העכער. די לשונות אָבער זיינען, לצערנו, נאָך אַלץ פאַרבליבן צעמישט.

היוצא מדברינו: די מענטשלעכע פראַגמאַטישע וויסנשאַפטלעכע דערפאַרונגען האָבן זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען ערשט מיט קנאַפּע דורות צוריק, און אין דער רעלאַטיוו גאָר קורצער צייט זיינען זיי אויפגעשווונגען צו אומגעהייערע מדרגות, בעת די פרווון אָפּצושאַפן די צעמישונג פון זייערע לשונות, די פרווון צו דערהייבן מענטש צו גייסטיקע הייכן, די פרווון צו שאַפן גוטן צוזאַמענלעבן צווישן מענטש און מענטש, וואָס זיינען שוין אַלט טויזנטער און טויזנטער יאָרן, איז ניט נאָר זיי גייען נאָך ניט פאָרויס — זיי קערן זיך אפילו צוריק: געגליכן צו אַ טשערעפּאַכע וועמענס פאָרויסגאַנג איז אַ צוריקצוג.

פרעגט זיך: זאָל מענטש אין דעם פרט זיך מייאש זיין? זאָל ער פאַרלירן די אמונה אין גייסטיקער דערהייבונג און אַז בצלם אלוהים איז באַשאַפן דער גאַנצער מענטשלעכער מין?

קומט אויף דעם דער ענטפער און די הבטחה פון די יידישע נביאים, אַז — באחרית הימים וועט „פון ציון אַרויסגיין אַ תורה, און (גייסט) וועט מישפטן צווישן די פעלקער און אַנטשיידן איבער פיל אומות; און זיי וועלן שמידן זייערע שווערדן אויף אַקעראייזנס, און זייערע שפיזן אויף צווייגמעסערס; אַ פאָלק קעגן אַ פאָלק וועט ניט הייבן אַ שווערד, און מ'וועט ניט מער לערנען מילחמה.“ (ישעיה ב', תרגום יהואָש).

דאָס הייסט: אַן עצה צו איטלעכן פאָלק: זייט זיך ניט מייאש!

און די לאָגיק, אָדער דער מוסר השכל, דערביי ווערט אָנגעגעבן, אַז בכן די פראַקטישע וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונגען פון מענטש האָבן אויפגעוויזן, אַז היות מ'שטעלט זיך אַוועק אַ באַשטימטן צוועק צו דערגרייכן אַ באַשטימטן עניין — אַ פראָיעקט וואָס רירט אָן און ציט אַריין אַ גרויסע צאָל מענטשן פון פאַרשיידענע טרענירונגען, אויסשולונגען און בקיאות (געניטשאַפטן), אַז פאַר זיי איז קיין אַנדער ברירה ניט פאַראַן סיידן צו אַרבעטן אין איינעם און אַז נאָר בשותפות קענען זיי גרייכן דערפאָלג — וועט מיט דער צייט צווישן זיי אַנטשטיין אויך אַ גייסטיקע בשותפותדיקייט.

מענטש האָט זיך דערטראַכט צום קאָמפיוטער. דאָס איז אַן עלעקטראָנישע מאַשין וואָס מאַניפולירט מיט מאַטעמאַטישע חשבונות זייער שנעל און אַקוראַט. און היות מענטש האָט באַוויזן די געקליגלטקייט אָנצווענדן מאַטעמאַטישע סימבאָלן אויך אויף דער שטייגערישקייט און אויפפיר פון מענטש, קענען אפשר אָט די פאָרמולעס גענוצט ווערן ווי אַ סטימול אויסצוואָרצלען פון דעם געפיל פון מענטש די איינגעוואַקסענע מבטן ומלידה ראַק־געוועבן פון פאַרורטייל און שינאה.

מאַזאָכיזם און פיזיאָלאָגיש באַצווונגענע רישעות זיינען די צוויי ראַק־געוועבן וואָס דאַרפן אויסגעשניטן ווערן פונעם קערפער פון מענטש און פאַר דעם דאַרפן געענדערט ווערן אַלע תוכיקע באַשטאַנדטיילן פון מענטשלעכער מענטאַליטעט.

אויף אונדזער קאָסמאָס־שיף ערד געפינען זיך איצט אַרום דריי און אַ האַלב מיליאַרד מענטשלעכע פאַסאַזשירן און זייער צאָל האַלט אין איין שטייגן. מער ניט ווי אָנצוהאַלטן פאַרבינדונג מיט זיי און איבערצוגעבן די צווישן־אַנאַנדיקע נייטיקע אינפאָרמאַציע—ווי אַזוי זיי באַציִען זיך איינער צום אַנדערן — דאָס אַליין איז געוואָרן אַ סאָציאַלער קאָשמאַר. איין אויסגאַנג ווי צו באַהאַנדלען אָט דעם שטראָם פון געזעלשאַפטלעכער אינפאָרמאַציע איז צו באַנוצן זיך מיט קאָמפיוטערס.

און דערביי, ווידער אַ מאָל, וואָס לאָזט עס אונדז צו הערן?

מעכאַנישע קאָמפּיוטערס נוצן בלויז כמותדיקע אינפאָרמאַציע — אַזאַ אינפאָרמאַציע וואָס קען געמאָסטן און אויסגעדריקט ווערן אין מאַטעמאַטישע צאָלן. אָבער מענטש פּראָבלעמען האָבן דאָך צו טאָן מיט איכותדיקע אינפאָרמאַציע — אַ גאָר באַזונדערע אינפאָרמאַציע וואָס דריקט זיך ניט אויס אין מאַטעמאַטישער צאָליקייט.

איז דערביי דאָס פּראָבלעם:

ווי קען מען אַריבערפירן דעם איכותדיקן ווערט פון מענטש אין כמותדיקע נומערן, וואָס זאָלן דערמעגלעכן דעם קאָמפּיוטער אויפצווייזן אונדז דעם לסירוגין־וועג (אַנדערן וועג) צו באַשיידן און פאַרענטפערן די האַרבע מענטשלעכע סאָציאַלע פּראָבלעמען?

דאָס איז אַ וויכטיקער אַרויספאָדער צו די וויסנשאַפטלערס.

אינזשענירן און מאַטעמאַטיקערס, איידער זיי פאַרנעמען זיך אַרויסצופליען אין די הימלען, וואָלטן באַדאַרפט באַטראַכטן זיך ווי איינצושטעלן פרידן און האַרמאָניע דאָ ביי אונדז אַליין אויף אונדזער אייגענער ערד.

ס׳איז געוויס ניט קיין לייכטע אונטערנעמונג. ווי ס׳זעט אויס — נאָך אַ שווערערע אונטערנעמונג איידער אַריבערצוטראָגן זיך אין קאָסמאָס.

## מענטשנס אכסניה — קאָסמאָס־שיף ערד

דער פּלאַנעט ערד, וווּ עס געפינט זיך אונדזער צייטווייליקע דירה, דער אויפהאַלט־אָרט וווּ מיר שטעלן זיך אָפּ איבערצושטיין די קורצע צייט צווישן געבורט און טויט בעת אונדזער נסיעה אין אייביקייט — אָט דער פּלאַנעט ערד, וואָס באמת איז ער אַזוינס? ער איז ניט קיין אַנדער זאַך ווי אַ קאָסמאָס־שיף, און מיר מענטשן, זיינע צייטווייליקע איינוווינערס, זיינען אין דער בחינה פון אַסטראָנאַטן, וואָס קרייזן מיט אים אָן אויפהער אַרום און אַרום דער זון.

אויף אָט דעם פּלאַנעט, אונדזער קאָסמאָס־שיף ערד, איז אַנטוויקלט אַן עפעקטיווער סיסטעם ווי אויפצוהאַלטן לעבן, צו פּראָדוצירן שפּייז, רייניקן די לופט און צו פאַרטאָן אָפּפאַל.

איז דאָס טאַקע זייער גוט, און ביז לעצטנס האָט דער סיסטעם געאַרבעט אויסגעצייכנט. איצט אָבער איז עטוואָס קאַליע געוואָרן, און די צרה באַשטייט אין דעם, וואָס אונדזער קאָסמאָס־שיף וואַקסט ניט, די פּראָדוקציע פון שפּייז איבער איר איז באַגרענעצט, בעת איר באַפעלקערונג, די צאָל פון אירע מענטשן־אַסטראָנאַטן, פאַרמערט זיך אויף אַזאַ שטייגער, אַז באַלד וועט דאָ ווערן אַזוי ענג, אַז מענטש און חיה וועלן זיך דאָ מער ניט קענען אויפהאַלטן.

און ניט נאָר פאַרמערט זיך די צאָל פון אונדזער באַפעלקערונג, נאָר אויך דער אָפּפאַל שטייגט אָן אַ שיעור און פאַרדאַרבט דעם באָדן פון דער ערד, די לופט און וואַסער.

ביי אונדז, דעם צייטווייליקן דור פון מענטשן־אורחים אויף דער ערד, ווערט אָפט גענוצט דער אויסדרוק אויקאָלאָגיע, וואָס איז דער צוזאַמען־העפט פון צוויי ווערטער: דאָס גריכישע וואָרט אויקאָס, וואָס מיינט הויז, און לאָגיע, וואָס מיינט וויסנשאַפט. אויקאָלאָגיע, אַזוי אַרום, באַטייט הויז־וויסנשאַפט.

וועלכע הויז? — ס׳איז די צייטווייליקע דירה וווּ מיר געפינען גאַסטפריינדשאַפט אין משך פון — וואָס מיר באַצייכענען — דער קורצערער אָדער לענגערער צייט פון לעבן.

אָט די אַכסניה אונדזערע, די קליינע קאָסמאָס־שיף ערד, איז איינע פון די ניין פּלאַנעטן וואָס קרייזן אַרום דעם שטערן זון, וואָס איז איינער פון די מיליאַרדן פשטערנס אין דעם באַשטאַנדטייל פון דער גאַלאַקסיע מילכוועג, איינע פון די מיליאָנען גאַלאַקסיעס פון דעם אוניווערס.

דאָס איז וואָס שייך דער אַרומיקער סביבה פון אונדזער צייטווייליקער דירה. לאָמיר אָבער קודם באַטראַכטן די באַקוועמלעכקייטן פון אָט דער אַכסניה וואָס איז אונדז צוגעטיילט געוואָרן.

אין דער איצטיקער צייט געפינען מיר אין אונדזער אַכסניה, אויף דער קאָסמאָס־שיף ערד, אַ סך שכנים, אַ סך מיטרייזנדיקע — אַרום אַ האַלבן מיליאָן אַלערליי

סאָרטן געוויקסן און אַרום אַ גאַנצן מיליאָן פאַרשיידענע סאָרטן בעלי־חי, און צווישן זיי קרוב צו דריי און אַ האַלב מיליאַרד מענטשן.

אויקאָלאָגיע, ווי פריער דערמאָנט, איז די וויסנשאַפטלעכע פאָרשונג וועגן דער ביאָלאָגישער קרובהשאַפט וואָס עקזיסטירט צווישן די פאַרשיידענע געוויקסן און בעלי־חי און זייער היים, זייער אומגעבונג. אָבער אין די לעצטע יאָרן האָט די מענטשלעכע אויקאָלאָגיע געקראָגן אַ ברייטערן באַטייט. איצט ווערט עס באַטראַכט ווי אַ שטודיע ניט נאָר פון דער ביאָלאָגיע פון מענטש און דעם לעבן, וואָס רינגלט אים אַרום, נייערט אויך אַ שטודיע וועגן דעם פיזישן, סאָציאַלן און קולטורעלן מצב פון מענטש און זיין סביבה.

אין אין איינגעטיילטער דירה פון אונדזער קאָסמאָס־שיף ערד, אין די פאַראייניקטע שטאַטן, איז אין שייכות מיט מענטשלעכער אויקאָלאָגיע איינגעשטעלט אַן אָפּטייל אונטערן נאָמען: יו. עס. דעפּאַרטמענט פון געזונט, דערציִונג, און וווילזיין, וואָס ווערט לעצטנס, בעת אָט־די שורות ווערן געשריבן, אָנגעפירט פון דעם פּראָמינענטן וויסנשאַפטלער טשאַרלס ס. דזשאָנסאָן.

אין איינעם פון זיינע שטודיעס וועגן אויקאָלאָגיע האָט טשאַרלס דזשאָנסאָן אָט וואָס באַריכטעט:

„אין דעם איצטיקן יאָר (1973) שטייט דאָס גרעסטע פאָלק אויף דער ערד, די פאַראייניקטע שטאַטן, פּנים לפנים לגבי אַ האַרבער און שרעקלעכער ווירקלעכקייט: ניט געקוקט אויף דעם אומגעהייערן פאָרשריט אין מעדיצין, אין נאַטור־וויסנשאַפט, אין טעכנאָלאָגיע, ניט געקוקט אויף דער פאַרלענגערונג פון מענטשלעכן לעבן אַ דאַנק די אויסגעבעסערטע געזונט־באַדינגונגען פון די אָפּגעהאַלטענע זיגן איבער אָנשטעקנדיקע קראַנקייטן; ניט געקוקט אויף דער באַהעביקייט פון העכערן לעבנס־סטאַנדאַרט; ניט געקוקט אויף די אַלע זאַכן, און אפשר מחמת די אַלע זאַכן — האָט זיך אונדז ניט איינגעגעבן צו שאַפן אַ פיזישע, סאָציאַלע און קולטורעלע סביבה, ווו מיר זאָלן קענען געפינען יענע צופרידנשטעלונג פאַר דעם „גאַנצן מענטש״, וואָס, אייגנטלעך, דאָס איז צו וואָס עס באַציִען זיך אַלע אונדזערע מענטשן.״

„די שייכותדיקייט צווישן מענטש און סביבה דאָ אין אַמעריקע״, שרייבט ווייטער טשאַרלס דזשאַנסאָן, „געפינט זיך איצט אין אַ צרהדיקע לאַגע, ניט נאָר סאָציאַל און עקאָנאָמיש, נייערט אויך היגיעניש און פיזיש. לאָמיר אָנהייבן פון דער לופט, וואָס מיר אָטעמען. פאַבריקן, מוניציפּאַלע מיסטוואַרפן, און באַזונדערס די צענדליקער מיליאָנען אויטאָמאָבילן איבערן לאַנד פאַרשפּרייטן יעדן יאָר 142 מיליאָן טאָן גיפטיקן אָפּפאַל אין דער לופט. אַזוי אויך דאָס וואַסער וואָס מיר טרינקען:

„ביינצן טויזנט ישובים אין די פאַראייניקטע שטאַטן, מיט אַ באַפעלקערונג פון 58 מיליאָן מענטשן, באַנוצן זיך מיט וואַסער, וואָס געפינט זיך ניט אונטער דער השגחה פון דער פעדעראַלער רעגירונג און זיי זיינען געוויס אָנגעפילט מיט סם, וואָס שטאַמט פון דעם אָפּפאַל פון פאַבריקן; און אפילו די וואַסערן וואָס געפינען זיך יאָ אונטער דער השגחה פון דער רעגירונג, זיינען אויך פאַרגיפטעט אין אַ היפּשער מאָס.״

אַזוי אין די פאַראייניקטע שטאַטן. און ווו איז בעסער?...

אויף בעסער זיינען קיין סך ענטפערס ניט פאַראַנען.

אויף ערגער זיינען די ענטפערס פילצאָליק.

און איינער פון אָט די ענטפערס איז איצט (אין מאַי 1974) אַרויסגעגעבן געוואָרן פון אַ פאָרש־קאָמיסיע פון די פאַראייניקטע פעלקער: אויף דער ערד געפינען זיך איצט קרוב צו אַ מיליאַרד מענטשן — אַרום אַ דריט־חלק פון דער גאַנצער מענטשלעכער באַפעלקערונג — וואָס האָט ניט גענוג שפּייז צו דערהאַלטן זיך ביים לעבן און וואָס זיינען פאַרורטיילט אומצוקומען פון הונגער...

## מענטשלעכער מין — אומקום אָדער אויפשטייג?

מענטש פאַרמאָגט שוין אַ היפּש ביסל וויסן וועגן דער געשיכטע פון לעבן אויף

דער ערד און די ווירקונגען וואָס האָבן באַשטימט דעם היסטאָרישן גאַנג פון דער עוואָלוציע צווישן בעלי־חי און פלאַנצן. מענטש האָט שוין אַ היפּש ביסל זיך דערקונדיקט וועגן די כעמישע, ביאָלאָגישע און פיזיאָלאָגישע אַנטוויקלונגען און מעכאַניזמען וואָס זיינען נוגע דעם באַשאַף און אויפהאַלט פון לעבן אויף דער ערד. וויסנשאַפט הייבט שוין אָן צוקומען ביסלעכווייז צו דער דערקענטעניש און פאַרשטענדעניש פון דעם פיזישן באַשטאַנדטייל פון לעבן און ווי אַזוי עס האָט זיך אָנגעהויבן אָט דער יש מאַין.

מענטש שפעקולירט אַ היפּש ביסל מיט השערות וועגן אונדזער ערדישן און קאָסמישן אורשפּרונג, וועגן צייט, רוים וכדומה סודות שבסודות, וועלכע ער וויסט, אַז מיט זיין איצטיקן פאַרשטאַנד וועט עס פאַר אים תמיד זיין פאַרהוילן. דאָס איז וואָס שייך טעאָרעטישן וויסן און פילאָסאָפישן איינשטעל, אָבער אויך פון אַ פּראַקטישן שטאַנדפּונקט איז וויסנשאַפט נאָך זייער ווייניק, טאַקע כמעט גאָרניט, אויפגעקלערט געוואָרן צו באַשטימען אויף געוויס, אַז די איצטיקע טעכנאָלאָגיש אַנטוויקלטע מענטשלעכע ציוויליזאַציע קען סטאַביליזירט ווערן און קען ממשיך זיין צו פונקציאָנירן זייער לאַנג אין דער צוקונפט.

אין משך פון די לפי ערך דריי מיליאַרד יאָרן זינט עס האָט זיך אַנטוויקלט לעבן אויף דער ערד, האָט די נאַטור אויסקאָמבינירט מיליאָנען אַלערליי געוויקסן און בעלי־חי — און מענטשן צווישן זיי — וואָס זיינען פאַרבליבן דאָ איצט אויף דער ערד. מיליאָנען אַנדערע בעלי־חי און פלאַנצן, וואָס האָבן אַמאָל עקזיסטירט אויף דער ערד (און אויך אין וואַסער) זיינען פאַרשוווּנדן, זיי זיינען אומגעקומען. סע איז אַזוי, מחמת דאָס איז דער שטייגער פון דער נאַטור — זי טראַכט צו אַ לעבעדיקע באַשעפעניש, בעל־חי אָדער פלאַנץ, גיט איר אַ געלעגנהייט צו עקזיסטירן אַ לענגערע אָדער קירצערע צייט, דערנאָך טראַכט זי צו אַ בעסערן מין, וואָס פאַרטרייבט דעם פריערדיקן מין און פאַרנעמט זיין אָרט.

**אויך מענטש**, אונדזער אייגענער מין פון בעל־חי, האָט פאַרנומען זיינע אַלערליי מינים פאָרויסגייערס, פון דעם פּאַלעאָליטישן נעאַנדערטאַלן ביז אונדזערע גאָר פּרימיטיווע האָמאָ סאַפּיענס אורעלטערן. שטעלט זיך איצט די שפעקולאַטיווע קשיה: וועט מענטש אַזוי פאַרבלייבן אויך אין דעם וועלטן להבא אָדער ס'איז אויך זיין גורל אומצוקומען מיט דער צייט בכדי פאַרביטן צו ווערן אויף עפּעס אַן אַנדער מין בעל־חי? וועט אונדזער מין מענטש אַנטוויקלען זיך אין אַ סופּער־מענטש, אָדער ער וועט זיך אַליין פאַרדאַרבן און דורך דעם אין גאַנצן אומגעבראַכט ווערן?

מיר קענען די זאַך ניט פאָרויסזען, אָבער אַ חשבון־הנפש דאַרף יאָ געמאַכט ווערן בכדי צו פּרוּוון דריגנגען דורך לאָגיק פונעם פּרט אויפן כלל:

1) וואָס זיינען אונדזערע פּאָטענציעלע מעגלעכקייטן, וואָס מיר קענען אַנטוויקלען?

2) וואָס זיינען די ווירקלעכקייטן אין וואָס מיר זייבען אַריינגעטאָן?

קודם אונדזערע פּאָטענציעלע מעגלעכקייטן: דאַרף דער מענטשלעכער מין אומקומען לטובת אַן אַנדער מין בעל־חי, וואָס וועט אים פאַרבייטן אויף דער ערד?

דער ענטפער אויף דעם איז, אַז דאָס וואָלט געווען אַ נאָרמאַלע דערשיינונג ווי אַ פועל־יוצא פון דער עוואָלוציע פון לעבן אויף אונדזער קאָסמאָס־שיף ערד. אָבער באמת, קען מענטש, פּאָטענציעל, אָפּווענדן אַזעלכע קאַטאַסטראָפעס? ער איז דאָך דער ערשטער בעל־חי אויף דער ערד וואָס איז באַוווסטזיניק אין דער דערקענטעניש פון ביאָלאָגיע און פיזיאָלאָגיע. מחמת אָט דער באַוווסטזיניקייט און פאַרשטענדעניש גרייכט מענטש איצט צום וויסן ווי אַליין צו דירעקטירן זיין עוואָלוציע אין אַ ריכטונג וואָס ער קען אויסקלייבן פאַר זיך אַליין און דורך דעם אויסמיידן דעם אומקום פון זיין אייגענעם מין — אויב, נאַטירלעך, זיין אייגענער מין איז אים אַזוי טייער, אַז ער וויל אים אויפהאַלטן, וואָס דאָס אַליין איז אויך אַ ניט־פאַרענטפערטע פראַגע. למשל, קוהלת פון די כתבי הקודש און אַנדערע פילאָסאָפישע דענקערס האַלטן זיך ביי דער

דעה אַז דאָס לעבן פון מענטש איז נישטיקייט פון נישטיקייטן, אַלץ איז נישטיקייט... אָבער מיר וועלן פּרוּוון אָפּוועגדן פון זיך יאוש־שטימונגען און זיך האַלטן בײַם אינסטינקט פון מענטש, אַז ער וויל פאָרט לעבן און אָנווענדן אַלע מיטלען וואָס ער קען, אויפצוהאַלטן און ממשיך זײַן דאָס לעבן.

דאָס וויסן פון מענטש הייבט שוין אָן גרייכן מדרגות צו פאַרשטיין די לאָגיק און די געזעצן וואָס זײַנען פאַרהוילן הינטער זײַן פיזיאָלאָגישן און ביאָלאָגישן קיום און זוכן אויסצוגעפינען דעם סוד פון בונד און שייכותדיקייט צווישן פיזיק און גייסט פון מענטש. אָבער קודם דער לייכטערער ענין: דער סודותדיקער באַשטאַנד פון פיזיאָלאָגיע ווי דער נייטיקער אינסטרומענט פאַרן גייסטיקן אויסדרוק: וואָס און ווי אַזוי איז ער און ווי קען מען אים בעסערן בכדי אָפּצושאַפן די באַגרעניצונגען פאַר די פולע אויסדרוקן פון גייסט, וואָס אייגנטלעך ער איז דער עצם פון מענטש?

דאָס וויסן פון מענטש איז געקומען צום הסכם, אַז דאָס האָט אַ שייכות מיט די גענעטישע אייגנשאַפטן אין דער אַנאַטאָמיע פון מענטש און זיי זײַנען געבונדן הן מיט זײַן פיזישן קיום, הן מיט זײַן אינטעליגענץ. מענטש האָט זיך אויסגעלערנט — אָדער איז ווייט אַוועק אין זײַנע שטודיעס — ווי אויסצושיפרירן די גענעטישע אָנזאָגונגען, וואָס זײַנען אײַנגעהילט אין דער איצט אַנטפּלעקנדיקער מיסטעריע פון די גענען. וויסנשאַפט ווייסט שוין איצט ווי צוצוגעבן, ווי אַרונטערצונעמען, ווי צו ענדערן דעם גענעטישן באַשטאַנדטייל פון חיות, איבער וועמען זי עקספּערימענטירט, און אפילו פון מענטש גופא. וויסנשאַפט ווייסט שוין — אָדער איז שוין אויף אַ דרך צו דערוויסן זיך — ווי צונויפצוברענגען די גענעטישע סובסטאַנצן פון היפּוכדיקע באַשעפענישן און דורך דעם אַרויסברענגען אַזוינע מינים — צום ערגערן אָדער צום בעסערן — וואָס נאַטור אַליין האָט נאָך ביז איצט ניט אַרויסגעבראַכט. מענטש, אַזוי אַרום, וועט שוין באַלד שאַפן פאַר זיך די קענטשאַפט אַליין איבערצונעמען פון נאַטור דעם אָנפיר פון זײַן עוואָלוציע.

מענטש קען, בכן, מיט דער צײַט, אַנטוויקלען אַזאַ מענטשלעכן מין, וואָס וועט זיך דערהייבן צו אַ פאַנטאַסטישער גייסטיקער און פיזיאָלאָגישער מדרגה.

## מענטש און זײַן עגאָ

„מיט דער צײַט"... אָבער לעת עתה?...

און צײַט איז דאָך, לכל הדעות, רעלאַטיוו. דער איצטיקער עלטערער דור, אָט דער נאָך פון סוף 19טן י"ה, געדענקט דאָך נאָך ווען צײַט האָט זיך געצויגן זייער לאַנגזאַם און זיך שאַרף געטיילט אין שעהען, טעג, וואָכן, חדשים, און אַ פּשיטה שוין יאָרן. אָבער אַריינקוקנדיק אין געשיכטע האָט אויך דעמאָלט הענסטמאָל מענטש דערקענט, אַז צײַט איז רעלאַטיוו. דערפאַר איז אין די כתבי קודש פאַרשריבן, אַז „טויזנט יאָר איז אין דײַנע (גאָטס) אויגן ווי דער נעכטיקער טאָג, ווען ער איז פאַרגאַנגען" (תהילים צ"ו). בײַ הקב"ה טראָגט זיך צײַט מיט אומגעהייער שנעלקייט בעת בײַ מענטש ציט זי זיך זייער לאַנגזאַם.

למה הדבר דומה? — צו דעם נאַטירלעכן גאַנג פון אַ טשערעפּאַכע מיט דעם געלויף פון אַן אינד.

אָבער איצט האָט זיך דער שפּאַן פון צײַט געענדערט אויך בײַ מענטש. במקום וואָס זײַן לעבנסשפּאַן און זײַנע דערגרייכונגען האָבן זיך אַמאָל געצויגן ווי דאָס קריכעניש פון אַ טשערעפּאַכע, פליט עס איצט מיט דעם אימפּעט פון אַן אינד און נאָך שנעלער. מענטש איז אַקאָרשט — אין משך פון ניט מער פון איינעם אָדער צוויי דורות — אַריבער פון זײַן געלאַסענעם צופוס, אָדער אפילו פערד־און־וואָגן־גאַנג צו דעם קפיצת־הדרכדיקן דזשעטפּלי פון משונהדיקער שנעלקייט — איבערהויפּט ווען מ'מעסט זי מיט רעוואָלוציאָנערע סאָציאַל־עטישע אַנטוויקלונגען. עפּאָכע־מאַכנדיקע איבערקערענישן פון דורות קומען פאָר איצט טאָג־טעגלעך, און וואָס מיר רופן עוואָלוציע, וואָס איז מחייב אויסגעשפּרייטקייט פון יאָר הונדערטער, איז איצט אַזוי האַסטיק, אַז מענטש — אויב נאָר ער איז ניט אין גאַנצן

מבוהל און קען געשעעניישן באַטראַכטן אַנאַליטיש—איז געצוואונגען צו שטעלן זיך אַליין די האַרבע שאלות:

ווער בין איך?... בין איך א י ך ?... און ווו בין איך?...

און נאָך מער: ווי קען איך דערקענען זיך אַליין?... ווי זאָל איך אַריינפּאַסן זיך אין דער געזעלשאַפט?... איז מיין עגאָ געזעלשאַפטלעך אַריינפּאַסיק?... איז געזעלשאַפט אין מיין עגאָ אַריינפּאַסיק?... און וואָס פאַר אַ האַרמאָניע און צווישן־אַנאַנדיקייט איז צווישן אונדז ביידן?...

איך בין (אפשר איז עס קיין חילוק ניט און אפשר אַן אַנטשיידנדיקער חילוק) געשטאַלטיקט ווי: מאַן אָדער פרוי, פאָטער אָדער מוטער, זון אָדער טאָכטער—דער גורל האָט מיך געפירט צו לעבן אין אייגעם מיט די אָדער יענע — פרעגט זיך די האַרבע קשיה: קען מיין עגאָ, אָדער דאַרף ער, אָדער מוז, אָדער וויל, אָדער איז ער געצוואונגען, אָדער איז ער גלוסטיק אַריינגיסן זיך אין האַרמאָנישער ווילִיקייט, נייטיקייט, גלוסטונג, באַדערפטיקייט מיט די אַרומיקע עגאָס און זיך אויסשיידן אין זיי?...

אָט דאָס זיינען די האַרבע קשיות וואָס ווערן געשטעלט דעם עצם זין פון מענטש, צום זין פון זיין לעבן, צו זיין קיום, צו זיין געדאַנק, צו זיין געפיל, צו די אָפּפרעגן צי זיינע פריידן זיינען פריידן, צי זיינע ליידן זיינען ליידן, און וואָס באמת איז דער זינען פון זיין זיין?

## דער מיסטוריין פון וועלט און מענטש

יעדער מענטש האָט אין זיין געדאַנק אַ פאַרשטעלונג פון דער וועלט. דערביי איז קלאָר, אַז די דאָזיקע פאַרשטעלונג איז אייגנאַרטיק פאַר אים אַליין, בלויז פאַר אים אַליין, און פאַר קיין אַנדערן ניט אַזוי ווי פאַר אים.

דאָס ווערט אויפגעקלערט מיט דעם, וואָס די לאָגיק פון יעדן מענטש באַזונדער איז אייגנטימלעך נאָר צו אים און ניט צו קיין אַנדערן. מעג זיך דער אַנדערער אפילו זיין זיין אויטענטישער צווילינג: קוים ווערן זיי, נאָכן געבורט (און אויך אפשר פאַרן געבורט) אָפּגעשיידט פיזיש, ווערן זייערע הגיונות אויך אָפּגעשיידט.

מעג זיך איינער זיין אַ תלמיד וואָס איז לחלוטין באַאיינפלוסט פון זיין רבין; לאָמיר אפילו זאָגן, ער געפינט זיך אונטער זיין רבינס היפּנאָז; פון דעסטוועגן ווערט זיין רבינס תורה, הגם ווערטערלעך אויטענטיש, גאַנץ אַנדערש באַנומען געמיטלעך.

למה הדבר דומה? — עס קענען זיך געפינען מיליאָנען ביימער פון דעם זעלביקן מין, יעדער בוים קען זיך האָבן הונדערטער טויזנטער בלעטער, אָבער עס געפינט זיך ניט קיין איינציקער בלאָט, וואָס זאָל זיין פונקט אַזוי ווי דער אַנדערער. מ'דערקענט טאַקע אַז די אַלע בלעטער זיינען פון דעם זעלביקן מין, אָבער אין יעדן בלאַט באַזונדער איז דאָ אַן אייגנאַרטיקייט, אַן אַנדערשקייט.

די מסקנא איז, אַז קיינער קען ניט קומען און דערקלערן באַשטימט וואָס אַזוינס איז די וועלט. איז די וועלט. אין יעדן מענטש איז איינגעפונדעוועט, מפּני אַלערליי סיבות, דער באַוווסטזיין, אַז ער אַליין איז די וועלט. אין יעדן באַזונדערן איינגעפונדעוועט, צוליב אַלערליי סיבות, דער באַוווסטזיין, אַז ער אַליין איז ח י ו ק י י ם אין דער וועלט, אין דער וועלט וואָס ער דערקענט, אָבער וו אָ ס ער איז אַליין, און וואָס איז וו ע ל ט, דאָס קען זיין שכל ניט משיג זיין, ניט זיין אייגענער שכל און ניט דער שכל פון מענטש בכלל.

קען זיין אַז אַמאָל, אין דער צייט ווען מענטש איז נאָך געווען, ווי מיר רופן עס איצט, פּרימיטיוו, האָט ער מער משיג געווען די מיסטעריע פון לעבן און וועלט. זיינען זיינע מענטשלעכע חושים דעמאָלט געווען מער געפּילפּול, מער טיף־ און וויט־זעעריש, און זיינען שפּעטער, במשך דור־דורות, פאַרטעמפּט געוואָרן. „עוואָלוציע" האָט אַזוי אַרום דעם געפיל און באַוווסטזיין פון מענטש קיין טובה ניט געטאָן: דער נ ח ש , וואָס האָט, לויט דער ביבלישער לעגענדע, אונדזער מוטער חווהן איינגערעדט צו עסן פונעם עץ־הדעת, האָט דעם וו י ס ן פון מענטש

(המשך אויף זייט 26)

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

# ייִדישער נאַציאָנאַל פאָנד
# אַניואַיטי פאָנד

איר קענט האָבן

**אַן איינקונפט אין משך פון אייער לעבן**

**מיט אַ צוגאָב פון אַ בונד מיט ישׂראל**

עס איז אייער אינטערעס זיך באַלד איינצושאַפן
אַ לעבנסלענגלעכע נאַציאָנאַל-פאָנד אַניואיטי-הכנסה
און העלפן זיך אַליין דורך העלפן מדינת ישׂראל!

✡

**שנײַדט אָפּ דעם קופּאָן און שיקט עס דורך פּאָסט**
**פאַר ווייטערדיקער אינפאָרמאַציע:**

**דר. אירווינג מאָסקאָוויטש, קאַונסיל פּרעז. · נחום מוכסן, אָרג. דירעקטאָר**

— — — — — — — — — — — — — — — — —

**MR. FRED KAHAN, Executive Vice-Pres.**

# JEWISH NATIONAL FUND

**Western Region, Jewish National Fund**

**5410 Wilshire Blvd. • Los Angeles, Calif. 90036**

*Yes, I am interested in helping the Land of Israel while obtaining an income for life. Please send me more information about the Jewish National Fund Annuity Trust.*

Name..............................................................................................

Address..........................................................................................

City.......................................................Zip Code................................

(המשך פון זייט 24)

טאַקע אויסגעשפּרייט און פאַרטיפט, אָבער זיין ג ע װ י ס ן, זיינע חושים פאַרטעמפּט. מענטש האָט זיך טעכנאָלאָגיש טאַקע אַנטוויקלט, אָבער ג ײ י ס ט י ק איז ער צוריקגעשטאַנען. זיין פאַרשאַרפטע אינטואיטיווע ז ע ע ו ו ד י ק י י ט האָט זיך פון אים אָפּגעטאָן. ער איז פאַרבלענדט געוואָרן אויף אַזאַ שטייגער, אַז ער האָט אויפגעהערט פילן דעם ג ײ י ס ט, וואָס איז אין אים פאַרבאָרגן. מענטש האָט אויפגעהערט באַנעמען, אַז זיין פיזישער מצב איז ניט מער ווי דאָס געצייג פאַרן אויסדרוק פון זיין גייסט.

פון אונדזער איצטיקן סאָפיסטיצירטן קוקווינקל פון וואָס מיר רופן וויסנשאַפט, באַטראַכטן מיר דעם אַמאָליקן מענטש מיט דעם פּחיתות־הכבוד־נאָמען פּרימיטיוו. קומט אָבער פאָרשונג און ווייזט אויף, אַז אין אַט דעם „פּרימיטיוון" מענטש איז געווען מער איינגעהאַלטן די העלזעערישקייט, וואָס האָט זיך אויסגעוועפּט אין אַ היפּשער מאָס פון דעם מענטש פון איצט. באַזונדערס אויסגעוועפּט האָט זי זיך פון די מענטשן, וואָס האָבן זיך אָנגעזאָפּט מיט דער מערב־ציוויליזאַציע. אין איניקע לענדער פון אָריענט, ווו די אָקסידענט־ציוויליזאַציע איז ניט צו טיף אַריינגעדרונגען, איז זי נאָך יאָ פאַרבליבן ווו ניט ווו אין אַ היפּשער מאָס. איבערהויפּט אין די לענדער און צווישן די שבטים וואָס האָבן ניט איבערגענומען דעם מוסולמאַנישן אָדער קריסטלעכן גלויבן.

דאָס איז וואָס שייך דעם פאַרגלייך צווישן מענטש און מענטש. איצט קומט נייע פאָרשונג און ווייזט אויף, אַז אפילו אַנדערע בעלי־חי — חיות און בהמות — אפשר ניט אַלע, נאָר אַ סך פון זייערע מינים — זיינען גייסטיק מער שפּירעוודיק פון מענטש. דאָס ווערט געדרונגען דורך דעם, וואָס זייערע חושים זיינען מער פאַרשאַרפט: זייער ראיה איז מער זעעוודיק, זייער חוש הריח איז אומגעהייער מער פילעוודיק, זייערע געפילן בכלל זיינען מער פאַרטיפט און, וויסנשאַפטלעכע פאָרשונג ווייזט אפילו אויף, אַז אַ סך פון זיי, איבערהויפּט הינט, זיינען ניט נאָר מער העלזעעריש פון מענטש, זיי זיינען אפילו גייסט־זעעריש — גייסט־זעעריש בפועל ממש.

פרעגט זיך: דערקענען מיר, מענטשן, בעסער און מער פון אַנדערע בעלי־חי דעם זינען פון זין און אומזין, דעם זינען פון לעבן בכלל? מיר האָבן טאַקע מער פון זיי אַבסטראַקט דענקערישן און פּאָזיטיוו טעכנאָלאָגישן וויסן, אָבער פון וואַנען וויסן מיר און פון וואַנען קענען מיר זיין זיכער, אַז וואָס מיר רופן וויסן איז באמת וויסן און איז ניט פאַרבלענדעניש?

„די וועלט איז מיין אָנשויונג", ד"ה, זי איז די יחידישע אָנשויונג פון יעדן באַזונדערן מענטש, האָט דערקלערט דער טיפער פילאָסאָפישער דענקער, עמנואל קאַנט, אָבער וואָס באמת איז דאָס וואָס מיר פאַרצייכענען ווי וועלט, איז פון יעדן מענטש פאַרהוילן. דאָס האָט שוין אפילו איינגעזען ישעיה הנביא, נאָך מיט דריטהאַלבן טויזנט יאָר צוריק, ווען ער האָט דערקלערט: „אָכן, אתה אל מסתתר — פאַרוואָר, דו גאָט ביסט פאַרבאָרגן" — דו גאָט, הייסט עס, וואָס דו ביסט פאַר מיר, מענטש, דער סימבאָל פון וועלט, ביסט פאַרבאָרגן. דו ביסט פאַרבאָרגן פונעם פאַרשטאַנד פון מענטש, ווייל דער סאַמע עצם, וואָס מיר באַטראַכטן פאַר פאַרשטאַנד, איז דאָך אַ מיסטעריע, אַ רעטעניש, וואָס מיר קענען ניט אַנטשיידן.

## „און עס וועט זיין אין סוף פון די טעג"

בכדי אויפצוהאַלטן דעם עצם פון זיין קיום און דעם סאַמע עצם פון זיין ווילזיין, נייטיקט זיך מענטש אַריינצוקריגן די פעיקייט צו באַשטימען און אָנצונעמען אַן אַלגעמיינעם עטישן סיסטעם, וואָס זאָל זיך אַריינפּאַסן אין די באַגריפן פון יעדער מענטש, יעדער פאָלק, יעדער נאַציאָנאַליטעט און ראַסע. דערביי דאַרף פאַרשטאַנען ווערן, אַז ס'איז ניט נייטיק, אַז עס זאָל שטאַמען פון רעליגיע. ס'מוז אָבער יאָ אַריינפּאַסן זיך אין די עיקרים וואָס זיינען איינהייטלעך פאַר אַלע רעליגיעס און וואָס קיין איינציקע פון זיי פרעגט זיי ניט אָפּ: אַ סינטעז פון עטיק, עסטעטיק און וויסנשאַפט.

עס פֿאָדערט זיך דער אויפֿשטייג אויף דאָס נײַ פֿון דעם נביאישן חזיון פֿון „באחרית הימים“, ניט נאָר בכדי אײַנצושטעלן אָרדענונג אין דער אַלמענטשלעכער באַלעבאַטישקייט, נאָר אויך בכדי אויסצוהיילן די טיפֿע כראָנישע קרענק פֿון קינאה-שינאה און אַנטאַגאָניזם, וואָס פֿאַרשאַרפֿט זיך אַלץ מער צווישן יונג און אַלט, צווישן דור און דור, צווישן עלטערן און קינדער, צווישן מענער און פֿרויען, צווישן מענטש און מענטש בכלל און צווישן פֿאָלק און פֿאָלק בפֿרט, בכדי אויסצופּלאָנטערן אַלע געזעלשאַפֿטלעכע און פּאָליטישע פּלאָנטערס.

לפי דער אָנגענומענער וויסנשאַפֿטלעכער טעאָריע פֿון עוואָלוציע האָט זיך מענטש אַנטוויקלט פֿון עלטער-עלטערן, וואָס זײַנען ניט געווען מענטשיש. די מענטשלעכע פֿאַרשטעלונג פֿון גאָט איז ניט אַן אַנטפּלעקונג, נאָר אַ פּראָצעס פֿון אַנטוויקלונג. היות ווי ביי מענטש איז מאָראַל אײַנגעהאָפּטן מיט געטלעכער אמונה, זײַנען ביידע זאַכן — מאָראַל און געטלעכע אמונה — אַ פּראָדוקט פֿון עוואָלוציאָנערער אַנטוויקלונג באַגלייך מיט מענטש אַליין.

אונדזערע אור-אור-עלטערן, וואָס זײַנען געווען אין דער בחינה פֿון מאַלפּעס, אָדער אפֿשר טאַקע מאַלפּעס בעצם, האָבן, על פּי לאָגיק, עוואָלוציאָנער ניט דווקא באַדאַרפֿט ווערן מענטשלעך. אין דעם פּראָצעס פֿון עוואָלוציע האָבן זיי געקענט ווערן אַנדערע, מער אַנטוויקלטע מאַלפּעס, אָבער פּאַרט מאַלפּעס. האָט דאָך עפּעס פּאַרט משפּיע געווען אויף דעם, אַז זיי זאָלן ווערן מענטשלעך, זאָלן ווערן אַן עטישע בריאה, אין וועמען עס זאָל זיך אַנטוויקלען און אויסוויקלען אַ געפֿיל און לעבנס-אײַנשטעל פֿון עטיק — עטיק, וואָס דאָס איז דער פֿונדאַמענטאַלער פֿאָרויס-באַדינג פֿאַר זײַן אַנטוויקלונג ווי אַ בעל-חי, וואָס פֿאַרמאָגט די פֿעיקייט צו וויסן און פֿאָרויס צו זען די פּועל-יוצאס פֿון זײַנע פּערזענלעכע און פֿון אַלגעמיין-מענטשלעכע טואונגען.

דאָס קען ניט און טאָר ניט באַטראַכט ווערן ווי אַ ריין ביאָלאָגישע קוואַליטעט. ס'האָט ניט קיין זינען צו זוכן אין עטיק אַן אַנטשיידונג פֿאַר גענעטיקס. ס'איז די גענעטישע באַגאָבונג און גײַסטיקע עולמות אין זייער כוללדיקייט וואָס מאַכט מענטש מענטשלעך.

אָט די באַגאָבונג אין איר עיקרדיקייט האָט אין מענטש אַרײַנגעגעבן די פֿעיקייט פֿון לימוד — אײַנצושאַפֿן אַ סיסטעם פֿון ווערטן — אפֿילו אַזוינע ווערטן וואָס אין זייער עצם קענען זיי ברענגען אומגעהײַערן שאָדן צו דעם מענטשלעכן מין ווי אַ כּלל. ניט נאָר שאָדן נייערט אפֿילו דעם זעלבסט-אומברענג פֿון גאַנצן מענטשלעכן מין.

עקאָלאָגיש גענומען פֿאַרסמט דאָך מענטש די עצם לופֿט וואָס ער אָטעמט, דאָס וואַסער, אַלע געוויקסן וכדומה, פֿון וואָס ער ציט זײַן עצם חיונה. איז דאָס ניט גענוג?... — שאַפֿט ער אַלערליי סאָפֿיסטיצירטע כלי-זיין — אונטער-ערדישע און איבער-ערדישע, אונטער-וואַסערדיקע און איבער-וואַסערדיקע, וואָס ניט נאָר זיי קענען פֿאַרווונדיקן זײַן אַלמענטשלעכן גוף, נאָר זיי זײַנען קאַפּאַבל אומצוברענגען אים — דעם גאַנצן מענטשלעכן גוף! און ניט נאָר אים אַליין — אויך די גאַנצע פֿיזיאָלאָגישע און ביאָלאָגישע נאַטור פֿון אונדזער אַלגעמיינער אַכסניה: ערד.

די פּראָבלעם פֿון מענטש איז וואָס ער איז צעטומלט און ער מישט אויס וועלט מיט די באַגריפֿן פֿון זיך אַליין — ווי סאָפֿיסטיצירט זײַנע אייגענע באַגריפֿן, השערות און באַשטימונגען זאָלן ניט זײַן. פֿאַר מענטש בכלל איז אַלע מאָל בײַטיק צו פֿאַרשטיין און נאָכגעבן, אַז ער טראַכט אַזוי און אַזוי, און ניט אַנדערש, ניט מחמת זאַכן זײַנען באמת אַזוי און אַזוי, נייערט מחמת אַזוי האָט זיך אין אים אײַנגעשטעלט דער אַפּאַראַט פֿון געדאַנק און אַנאַליז. צי עס שטימט באמת מיט דער ווירקלעכקייט, אָדער ריכטיקייט, קען ער בשום אופֿן ניט וויסן. מענטש קען קיין מאָל ניט וויסן צי עס איז דאָ באמת אַ האַרמאָניע צווישן דעם, וואָס ער באַגרייפֿט ווי וועלט, מיט די טעטיקייטן פֿון מענטש.

אייניקע וויכטיקע געדאַנקען, וואָס מענטש דאַרף אַלע מאָל האָבן אין זינען:

די מעשים פֿון מענטש זײַנען ניט קיין אַנדער זאַך, נייערט אַ פּאַנצער קעגן די כוחות וואָס רייגלען אים אַרום.

וואָס מענטש טוט ווי מענטש, טוט ער ניט אַנדערש ווי לשם באַקוועמלעכקייט פאַר זיך אַליין, ווייל עס שאַפט פאַר אים אַ געפיל פון זיכערקייט;

וואָס מענטש טוט, קען זיך אויסזען פאַר אים ווי זייער וויכטיק, אָבער ס'איז באמת ניט מער ווי אַ פאַנצער מיט וואָס ער נאַרט זיך אַליין;

מענטש בכלל לערנט קיין מאָל ניט, אַז אַלץ וואָס ער טוט ווי מענטש, איז ניט קיין אַנדער זאַך ווי אַ פאַנצער, און ער לאָזט זיך דאָמיניִרן איבער אים.

דער פאַקט איז, אַ מענטש איז גרויליק גענאַרט מיט דעם, וואָס ער איז גענייגט צו באַטראַכטן די מענטשלעכע טאָטן פאַר אַ סך גרעסער און אַ סך וויכטיקער איידער די וועלט אַליין, איידער דעם עצם וואָס ער באַגרייפט ווי וועלט.

דער  ע צ ם — און וואָס באמת איז דער דאָזיקער מיסטעריעזער עצם? וואָס באמת איז די וועלט?

קיין פּאָזיטיוון ענטפער האָט נאָך דערווייל קיינער ניט געגעבן. אַבסטראַקט אָבער קען אָנגעצייכנט ווערן, און דאָס איז לכל הדעות, אַז די וועלט איז דאָס אין וואָס מיר זיינען איינגעצוימט: לעבן, טויט, מענטשן, חיות, צמחים און אַלץ וואָס רינגלט אונדז אַרום אויף דער ערד און די אַלערליי בעלי־חי אין די וואַסערן. הייבן מיר עס אָן פאָרשן און גרייכן די שרשים, ווערט עס פאַר אונדז אומבאַגרייפלעך. אַ ספק צי מענטש אין זיין איצטיקן מצב וועט עס ווען עס איז פאַרשטיין, ווען עס איז אַנטשיידן די סודות פון קיום און זיינע מעטאַמאָרפאָזן.

דער געוויינטלעכער מענטש פרעגט אָבער ניט קיין קשיות און זוכט ניט קיין פאַרענטפערונגען. פאַר אים איז די וועלט קיין מאָל ניט קיין מיסטעריע, און ווען ער גרייכט זיין עלטער מיט די אַלע פלאָגן וואָס באַגלייטן אים, פירט ער זיין חשבון הנפש: הכול הבלים; פאַר וואָס האָט ער געלעבט? ער האָט דאָך נאָך, אַזוי צו זאָגן, ניט אויסגעשעפּט די וועלט. די וועלט איז דאָך אַזוי סודותדיק און ער האָט גאָר אפילו ניט געוווּסט. און איצט איז ער אַליין שוין אויסגעשעפּט.

סאַראַ ביטערן אָפּצאָל צו באַצאָלן פאַר אונדזער צעטומלטקייט!

פאַראַן אָבער מענטשן פון גייסט — צווישן יידן, קריסטן, הינדוסן און אַ סך אַנדערע — וואָס זיינען באַוווּסטזיניק אויף אָט דער צעטומלעניש און זיי לערנען זיך אויס ווי צו באַהאַנדלען אָט די צעטומלעניש און ווי אויסצוּוועבן זיך פון איר. זיי טיפן זיך אַריין אין דעם ענין, אַז מענטשלעכע מאָסן קענען בשום אופן ניט זיין וויכטיקער פון דער וועלט, וויכטיק איז נאָר אַריינטאָן דעם  א י ך  אין דער האַרמאָניע פון דער וועלט, ווייל דער  א י ך  איז דאָך, און קען גאָר אַנדערש ניט זיין ווי אַ  פ ו נ ק  פון אָט דער האַרמאָניע.

## די צוויי חלקים פון עוואָלוציע

אַלערליי דענקערס האָבן אויף אַלערליי שטייגערס זיך געקליגלט אויף אַלערליי אופנים צו פּסקענען די שאלות פון לעבן און מענטש. דער סך־הכול פון זייערע אַלערלייאיקע אויספירונגען — סיי די קוהלתדיקע הבל־הבלימס, סיי די שמחה־בחלקודיקע און סיי די הפקרדיק־גלייכגילטיקע — זיי אַלע פירן סוף־כל סוף צום ענדגילטיקן  ת י ק ו.

תיקו! — פאַר די אַלע קשיות איז אין מיסתורין געוויס דאָ אַן אַנטשיידונג, און מיט דער צייט וועט מענטשנס וויסן אפשר גרייכן אַזאַ מדרגה, אַז די קשיות וועלן אויפהערן פון זיך אַליין.

און לעת עתה? — לעת עתה ווערן זיי נאָר פאַרענטפערט מיט אני־מאמינס. מיט די אני־מאמינס פון טיף־רעליגיעזע מענטשן וואָס, וואָס זייערע אויסטייטשונגען פון מענטש אין שייכות מיט גאָט און געטלעכקייט זאָלן ניט זיין, און וווּהין זייערע סברות, השערות און אפילו טיפע אמונות זאָלן ניט פירן — פרעגן זיי בשום אופן ניט אָפּ דעם תכלית פון מענטש אויף דער וועלט.

ווי אַ צוגאָב, בעסער געזאָגט, ווי אַן אויסטייטש פון אָט דער אמונה, קען און באַדאַרף איינגעשלאָסן ווערן די אמונה שלימה, וואָס איז באַגרינדעט אויף די פאַרצווייגטע פּאַראַפּסיכיאַטרישע פאָרשונגען אין די לעצטע עטלעכע דורות — ניט

נאָר וואָס שייך טעלעפּאַטיע אויף ד ע ר וועלט און השאָרת הנפש אויף י ע נ ע ר וועלט, נאָר אויך, און באַשטימט, — אין ג י ל ג ו ל ה נ פ ש.

לפי אָט דער אמונה — בעסער געזאָגט, איינזעעניש — באַשטייט עוואָלוציע אין צוויי חלקים, וואָס ווירקן אין איינעם אומצוטיילבאַר:

א) די פיזיש־ביאָלאָגיש־פיזיאָלאָגישע עוואָלוציע פון מענטש (און אפשר אויך פון בעלי־חי בכלל);

ב) די גייסטיקע עוואָלוציע פון מענטש (און אפשר אויך פון אַנדערע בעלי־חי), וואָס ווירקט דירעקט אויף זיין שטייגן צו העכערע און העכערע מדרגות פון גייסטיקן אין־סוף.

די פיזישע עוואָלוציע פון מענטש האָט אים געפירט פון זיין אַמאָליקן נעדערטאָלן מצב צו דער מאָדערנער ציוויליזאַציע;

די גייסטיקע עוואָלוציע האָט אים געפירט פון דעם, וואָס מיר רופן אָן, ווילדן פרימיטיוו צו דער מאָדערנער קולטור.

הייבט אָן פאַראַפּסיכאָלאָגיע־פאָרשונג דערקענען, אַז ס׳איז געווען און קומט־פאָר אַ גילגול־הנפש אָן אויפהער. דער נפש פון מענטש האָט זיך אַנטוויקלט גלייכצייטיק און האַרמאָניש מיט זיינע פיזישע אָרגאַנען פון אויסדרוק און באַנעם: מאָרך, נערוון וכדומה.

און דער גילגול הערט ניט אויף. ער גייט איבער פון דור צו דור, און ס׳וועט אַזוי לאַנג אָנהאַלטן, ביז משיח — ווי מ׳זאָל אים ניט טייטשן — וועט קומען און מענטש וועט אויפקומען צום תחית המתים פון כולו רוחניות.

איינס לייגט זיך באַשטימט אויפן שכל: מענטש, אין זיין געשטאַלט ווי מיר דערקענען אים איצט, וועט אויף דער ערד אייביק ניט זיין. און נאָך דעם, ווען מענטש וועט שוין אויפהערן זיין, וועלן די מיליאַרדן שטערן נאָך שיינען און די מיליאַנען גאַלאַקסיס וועלן ניט אויפהערן. וואָס מענטש זאָל ניט טאָן, וועט קיין שינוי אין אוניווערס ניט פאַרקומען. דאָס אָבער האָט קיין שייכות ניט צו גייסט פון מענטש — עס קען אפשר יאָ בלייבן, אפילו אומאָפּהענגיק פון דעם פיזישן קיום פון ערד.

אין דעם איצטיקן מצב פון דער סאָפּיסטיצירטער מענטשלעכער אַנטוויקלונג און זיין געצנדינערישער ציוויליזאַציע, ווען סטאַליניזם, פון איין זייט, און פאַשיזם־נאַציזם, פון דער אַנדער זייט, ווערן איינקוויזיטאָריש אַרויפגעצוווּנגען ווי רעליגיעס אין וועלכע דער המון־עם ווערט געצוווּנגען באַכצופאָלגן זיינע דאָגמעס און אויסדריקן אין גלויבן, אפילו ווען זיי גלייבן ניט, צו דעם בוקן זיך און דינען, — אין אָט דעם מצב פון איצט זיינען מענטשלעכע חושים אַטראָפירט געוואָרן צו אַ מדרגה צו ווערן סקעפּטיש אין דער באַציונג צו ספּיריטיזם בכלל און גילגול הנפש בפרט, ווי זיי מוזן זיין סקעפּטיש אין דער אמונה פון גייסטיקייט בכלל.

פון דעסטוועגן קען באַשטעטיקט ווערן מיט זיכערקייט, אַז ניט געקוקט אויף אַלץ מיט אַן אַנדער איז ביי לכל הפחות צווייdריטל פון דער מענטשלעכער באַפעלקערונג אויף דער ערד אינטואיטיוו איינגעפעסטיקט דער יידישער גרונט־געדאַנק פון שכר ועונש און עולם הבא, אָדער די אָריענטאַלישע און טעאָסאָפישע אמונות פון קאַרמאַ.

אמת, צום ראַציאָנאַלן געדאַנק פון מענטש לייגן זיך ניט אָט די אמונות אויפן שכל, און די אַלע פאָרשונגען וועגן זיי, אויב נאָר זיי זיינען אָביעקטיוו, ווערן זיי אָפּט מאָל אָפּגעפרעגט, אויב זיי ווערן לאַבאָראַטאָריש ניט באַוויזן. דאַרף אָבער דערביי אויפגעוויזן ווערן, אַז אין דער נאַטור געפינען זיך אַ סך אנערקענטע פיזישע אייגנשאַפטן, און אויך זיי ווייסט קיינער נישט וואָס זיי זיינען. מ׳זעט זייער אויפפיר, זייער האַנדלונג, זייער ווירקונג, אָבער וואָס זיי זיינען, ווי זיי זיינען און פאַרוואָס זיי זיינען — דאָס ווייסט קיינער ניט. למשל:

עלעקטריציטעט — מענטשלעכע טעכנאָלאָגיע ווייסט ווי צו באַנוצן זיך מיט דעם, אָבער וואָס עס איז אַזוינס, דאָס ווייסט קיינער נישט;

שטראַלן — די אַלערלייאיקע: פון דער זון, שטערן, פייער און עלעקטריציטעט, וואָס ברענגען וואַרעמקייט און ליכט, אויך אַזעלכע וואָס קיין ליכט ברענגען זיי ניט און דריקן זיך אויס אין אַלערליי אַנדערע

אופנים, ווי קאָסמישע, אינפראַ־רויטע, אולטראַ־פיאָלעטישע, רענטגען־שטראַלן און אַנדערע — ווייסט ווער וואָס זיי זיינען? — קיינער ניט;

אַזוי אויך גראַוויטאַציע — וואָס איז עס אַזוינס? אויך דאָס ווייסט קיינער ניט.

און מענטש — וואָס איז ער? אויך דאָס ווייסט קיינער ניט. דער יחיד אַליין האָט קיין באַגריף ניט וואָס זיין עגאָ איז אַזוינס. וואָס איז דאָס וואָס לעבט אין אים? וואָס דענקט אין אים? וואָס טראַכט אין אים? וואָס איז שכלדיק און וואָס איז טעמפּיק אין אים? — קיינער ווייסט ניט.

אַן אויסדרוק, אַ נאָמען פאַר דעם האָט מענטש אָבער יאָ געפונען — גייסט!

נון, מיר זען ווי עס אַרבעט עלעקטריציטעט; מיר פילן די ליכט און וואַרעמקייט פון שטראַלן; מיר ווייסן אַז גראַוויטאַציע האַלט אונדז געהאָפטן צו דער ערד, און ווער עס וויל און טוט באַטראַכטן זיך וועגן דעם, פילט אויך און ווייסט, אַז גייסט פילט אָן זיין לעבן און מאַכט אים דאָס וואָס ער איז.

און ניט קערפּער פירט אָן גייסט, נאָר גייסט פירט אָן קערפּער, און אַז קערפּער איז ניט קיין אַנדער זאַך ווי דאָס געצייג פאַר זיין אויסדרוק, פונקט ווי דער פידל איז ניט מער ווי דאָס געצייג פאַרן אויסדרוק פון מוזיק.

און מיר האָבן אויך אָנזאָגן, אַז גייסט האָט אַ קיום אויך ווען עס שיידט זיך אויס פון גוף.

און דערביי קומט דער געדאַנק ניט נאָר פון השאָרת הנפש, נאָר אויך פון גילגול הנפש.

דער גלויבן אין גילגול הנפש איז עלטער פון דער רעקאָרדירטער מענטשלעכער געשיכטע. שוין אין אַלטן גריכנלאַנד האָט דער באַרימטער סקולפּטאָר פּיטאַגאָראַס, וואָס האָט געלעבט אין דער צייט פון אונדזער תנכישן אליהו הנביא (הגם זיי האָבן בלי שום ספק ניט געוווסט איינער פון דעם אַנדערן), ד״ה, מיט אַרום 2700 יאָר צוריק — דערקלערט, אַז ער איז געווען אַ גילגול פון יופאָרבוס, וואָס האָט געלעבט אַ סך יאָרן פריער. אין דער בהאַגאַוואַד־גיטאַ סאַנסקריט־פּאָעמע פון מוהאַבאַרומו פון דער בראַהאַמינישער טעאָלאָגיע פון אינדיע (פאַרפאַסט מיט, לפי ערך, 2500 יאָר צוריק) איז פאַרצייכנט ווי איינער פון די עיקרים פון אמונה, אַז —

„ווי אַ מענטש, וואָס וואַרפט אַוועק אַן אויסגעטראָגענעם מלבוש, קליידט זיך אָן אין אַ נייעם, אַזוי טוט אויך דער וואָס וווינט אין קערפּער — ער וואַרפט אַוועק די אויסגעטראָגענע קערפּערס און טוט זיך אַריין אין קערפּערס וואָס זיינען ניי. עס קען ניט זיין אַנדערש ווי דער טויט פון איינעם, וואָס ווערט איצט ווידערגעבוירן און דער ווידער־געבורט פון דאָזיקן וואָס איז געשטאָרבן; זאָלסטו דערפאַר זיך ניט מצטער זיין איבער דעם וואָס איז אומפאַרמיידלעך.“

וואָס שייך דעם גלויבן פון שכר ועונש, אַז סיי דער שכר און סיי דעם עונש פאַר גוטע און שלעכטע מעשים באַקומט מענטש אויף יענער וועלט — איז טאַקע אַן עיקר אין דער יידישער אמונה, אָבער יידיש־אייגנאַרטיק איז ער ניט: אונטער דער באַצייכענונג קאַרמאַ ווערט ער אויך באַשטימט ווי אַן עיקר אין די טעאָסאָפישע אויפקלערונגען, וואָס שטאַמען פון די רעליגיעזע אמונות וואָס זיינען אָנגענומען אין אָריענט. אַזוי, למשל, איז וויכטיק צו וויסן, אַז לפי די דאָקטרינען און לימודים פון די בודיסטן, ווי אויך פון די בראַהמאַ־גלייביקערס, אַז קיין מענטש קען זיך ניט באַפרייען פון אַחריות פאַר זיינע מעשים — ער צאָלט פאַר זיי אויף יענער וועלט. דערצו ווערט צוגעגעבן, אַז ווען ניט גילגול הנפש — ד״ה, אַז די ציקלען פון מענטש קומען פאָר דורך דור־דורות — איז דאָס לעבן פון מענטש אָן אַ צוועק און האָט ניט קיין זינען.

אין דער יידישער געשיכטע, בעת דער עפּאָכע פון בית שני, זיינען באַקאַנט די כיתות פון די איסיים, וואָס האָבן געלעבט אין קאָמונעס שטרענג נזיריש־גאָטספאָרכטיק, און דער עיקר פון זייער אויפפיר איז געווען מאָטיווירט אין זייער אמונה אין השארת הנפש און די גילגולים וואָס דער נפש פון מענטש איז באַשטימט איבערצוקומען שפּעטער נאָך דעם אומקום פון זיין איצטיקן קיום.

דאָס איז געווען אַמאָל. אָבער אויך לעצטנס און אויך איצט האָבן זיך געפונען און געפינען זיך אַ סך, טאַקע זייער פיל, פראָמינענטע מענטשן, פאָרשערס פון פאַראַפסיכאָלאָגיע, וואָס האָבן דעם ענין געפאָרשט און זיי גלייבן באמונה שלימה — ניט נאָר אין השאָרת הנפש נאָר אויך איין גילגול הנפש. צווישן זיי געפינען זיך באַרימטע פאָרשערס איבער אַלערליי געביטן פון וויסנשאַפט, פילאָסאָפן, דענקערס, קינסטלערס און אַזוי ווייטער און ווייטער.

פרעגט זיך: אויב מיר האָבן געלעבט פריער — אײדער אונדזער איצטיקן לעבן, פאַרוואָס געדענקען מיר עס ניט?

ווערן איבערגעגעבן פאַקטן און באַווייזן אַז אַ סך געדענקען עס יאָ. צייטונגען, ביכער, פסיכישע פאָרשערס פון אַ סך לענדער און פון הונדערטער אוניווערסיטעטן איבער דער וועלט — אַריינגערעכנט אפילו די קאָמוניסטישע לענדער, וואָס מאַטעריאַליזם איז דער גרונט־פרינציפ פון זייער אמונה — זיי אַלע האָבן רעקאָרדירט אָן אַ שיעור פאַלן און אויפווייזן וועגן קינדער, וואָס האָבן כסדר געטענהט, אַז זיי זיינען ניט וואָס זיי זיינען, נאָר זיי זיינען עמיצער אַנדערש, און זיי דערציילן אויספירלעך וועגן לעבנסשטייגערן פון געגנטן, ערטער און אויפפירונגען וואָס, לפי זייערע איצטיקע דערפאַרונגען, דאַרף זיי זיין לחלוטין אומבאַקאַנט. דערנאָך אָבער, ווען זיי ווערן דערוואַקסן, ווערט עס אויסגעלאָשן פון זייערע זכרונות.

עס זיינען דורכגעפירט געוואָרן — און עס ווערן אויך איצט כסדר דורכגעפירט — אַ סך פאָרשונגען מיט סענסיטיווע מענטשן, וואָס ווען זיי קומען אַריין אין אַ כמו־היפנאָטישן טראַנס, דערמאָנען זיי זיך אויטענטיקירטע און באַעכטיקטע געשעענישן פון זייערע קינדהייטן און דערנאָך, ווען זיי ציען זייערע איבערלעבענישן צוריק און צוריק, צו זייער גאָר אַמאָליקן אַמאָל, לעבן זיי זיך ווידער אַריין אין זייערע דעמאָלטיקע לעבנס און דערפאַרונגען, און ניט נאָר זיי גיבן איבער, נאָר דורך זייערע אויסדרוקן דערקענט מען, אַז ממש זיי לעבן איבער עפּיזאָדן פון זייערע דענסטמאָליקע איבערלעבענישן. אייניקע פון זיי הייבן אפילו אָן צו ריידן אין די פרעמדע לשונות, וואָס זיי האָבן דעמאָלט גערעדט, וואָס איצט זיינען זיי צו זיי לחלוטין ניט באַקאַנט.

פרעגט זיך: איז עס וויכטיק פאַר ווער מען צו וויסן צי ער האָט יאָ אָדער ניט ווען עס איז פריער געלעבט?

דער ענטפער איז: יאָ! מחמת אויב ס'איז איצט ניט אונדזער ערשט לעבן, וועט עס מן הסתם ניט זיין דאָס לעצט לעבן.

געדרונגען פון דעם, און אויך דער שכל איז צו דעם מחייב דעם אמת פון דער אמונה פון חז"ל פון אַלע דורות, אַז פאַר יעדן מענטש איז באַשטימט אַן עולם הבא: גיהנום פאַר רשעים און גן־עדן פאַר צדיקים. דאָס איז אַ באַשטימטער אמת, וואָס איז שוין אַ סך אויסגעפאָרשט און אַנטפּלעקט געוואָרן, אָבער נאָך פיל מער איז נאָך אַלץ פאַרהוילן — עס ווערט געפאָרשט אָבער דערווייל איז עס נאָך ניט דערפאָרשט געוואָרן.

אַנטראָפאָלאָגיע — די וויסנשאַפט פון מענטש לערנט אונדז, אַז איינשטיינס פיזישע רעלאַטיוויטעט־טעאָריע האָט אַ גייסטיקע צופאַסונג און האָט אַנדערע דעפיניציעס אין אַנדערע ערטער: שטח שטימט ניט מיט יוקלידישער געאָמעטריע; צייט איז ניט אַ כסדרדיקער שטראָם אין אַן איינזייטיקער ריכטונג; סיבה שטימט ניט מיט אַריסטאָטעלישער לאָגיק; די עיקרדיקע וויכטיקייט פון מענטשלעכן איבערגאַנג אין דער אַנדער וועלט באַשטייט אין דעם פאַקט, אַז דערפאַרונג פירט אונדז צו דער מסקנה אַז אונדזער שיפלותדיקע וועלט איז אויך אַ גייסטיקע קאָסמאָגאָניע.

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

# א הסתדרות
# אניואיטי טראסט־קאנטראקט

פון דער

## ישראל הסתדרות־פונדאַציע

אינקאָרפּאָרייטעד

פאַרזיכערט אייך און אייער פרוי

- אַ יערלעכע הכנסה פון 8.5%

און

- באַדייטנדיקע איינשפּאָרונגען

הכנסה־שטייער, ירושה־שטייער, „פּראָבעיט״־הוצאות, ווי אויך פונעם „קאַפּיטל־געינס״־שטייער אויף סעקיוריטיס, וואָס איר האַלט לענגער ווי 6 חדשים.

זייט איר פאַראינטערעסירט . . .

אין העלפן זיך אַליין דורך העלפן ישראל ?

אויב יאָ . . . טוט זיך אַליין אַ טובה און דערקונדיקט אייך וועגן דעם נייעם 8.5 פּראָצענט הסתדרות אַניואיטי טראָסט־קאָנטראַקט.

שניידט אוים דעם קופּאָן און שיקט צו דורך פּאָסט:

**HISTADRUT ANNUITY TRUST**
**of the ISRAEL HISTADRUT FOUNDATION, Inc.**
**7250 Beverly Blvd., Los Angeles, Calif. 90036 — Tel. 938-3201**

APPLICATION for Histadrut Annuity Trust Agreement

To be issued to....................................................................

Address..............................................................................

Date of Birth.............................Soc. Sec. No............................

Principal Amount $...................................................................

Date........................Signature of Applicant..................................

# דער
# אַרבעטער רינג

פּראָגרעסיווע פּראַטערנאַלע
יידישע אַרבעטער און
פאָלקס-אָרגאַניזאַציע

## איבער זיבעציק יאָר

אַ זייל פון יידישן געזעלשאַפטלעכן
לעבן אויף אַלע שטחים און גע-
ביטן אין אַמעריקע און מעבר לים

שיקט זיינע ניי-יאָר ברכות
צו אַלע זיינע מיטגלידער,
פריינד און כל ישראל.

פאַר איינצלהייטן שרייבט אָדער טעלעפאָנירט :

## אַרבעטער רינג קולטור צענטער

1619 סאַוט ראָבערטסאָן בולוואַרד — לאָס אַנדזשעלעס

טעלעפאָן : 276-7007

אברהם גאָלאָמב

# אַ מאָנומענטאַל ווערק וועגן לשון יי

(ד״ר מאַקס ווײַנרייך: געשיכטע פון יידישער שפּראַך; פיר
אַרויסגעגעבן פון ייוואָ, ניו־יאָרק, 1973)

דער העברעישער עלעמענט אין יידיש האָט אַ ספּעציפישן אויפגאָב, ער דערהייבט דעם באַגריף צו אַ העכערער מדרגה. שולחן איז טיש, אָבער ווייט ניט יעדער טיש דערגרייכט צו דער מדרגה פון צו זיין אַ „שולחן"; ספר איז אַ בוך, אָבער ווייט ניט יעדער בוך דערגרייכט צו מדרגה צו זיין אַ „ספר". אַז מיר וועלן זאָגן אויף אַ בוך אַז עס איז אַ ספר, מיינען מיר מיט דעם צו זאָגן, אַז דאָס בוך האָט דערגרייכט צו דער מדרגה צו זיין אַ „ספר". אַז מיר וועלן זאָגן אויף אַ בוך אַז עס איז אַ ספר, מיינען מיר מיט דעם צו זאָגן, אַז דאָס בוך האָט דערגרייכט אַ העכערע מדרגה, אַ מער ווערטיקייט. אַ בוך איז צום לייענען, אַ ספר — צום לערנען. אַ בוך האָט זיין צייט. — אַוועק זיין צייט איז אַוועק זיין ווערטיקייט; אַ ספר פאַרלירט ניט זיין ווערט מיט דער צייט. פאַרקערט, אָפט ווערט אַ ספר מיט דער צייט גאָר חשובער, ווערטיקער.

איז געננוג פאַר מיר צו זאָגן, אַז ד״ר מאַקס ווײַנרייכס בוך וועגן דער געשיכטע פון יידיש לשון איז אַ ספר, אַ חשובער ספר אין דער יידישער ליטעראַטור. איך בין זיכער, אַז וואָלט ד״ר ווײַנרייך געלעבט, וואָלט ער דאָס פיר־בענדיקע בוך נאָך ניט געלאָזט דרוקן. ער האָט איבער דעם ווערק געאַרבעט לאַנגע יאָרן און אַלץ עס ניט געענדיקט. עס איז אַ לעבנסווערק פון אַ געטרייען געלערנטן, וואָס האָט אַ לעבן געאַרבעט, אַ לעבן געפאָרשט און אַ לעבן געשריבן.

דאָס ווערק איז ניט די געשיכטע פון יידיש בלויז, עס איז — דאָס יידישע פאָלק און זיינע שפּראַכן. מיר זיינען אַן אַלט פאָלק. אַ סך שפּראַכן האָבן יידן גענוצט. וואָסערע עס זיינען פאַרגעסן געוואָרן, זיינען פאַרגעסן צוזאַמען מיט די שבטים וואָס האָבן זיי גענוצט, און די שפּראַכן וואָס זיינען געבליבן אין באַנוץ

פון פאָלק, אין זכרון פון
מען אָנגענומען ווי אַ כלל,
זיינען געבליבן און די שבט
זיי גענוצט זיינען געבליב
שפּראַכן וואָס יידן האָבן
לענדער ווו דאָס הויפּט־פאָ
גערעדט די דאָזיקע שפּראַך

געבליבן זיינען העברעיש
אָדער יידיש און לאַדינאָ.
איז געוואָרן אַ שפּראַך פאַר
סלאַווישע לענדער; לאַדינאָ
אַ שפּראַך פאַר זיך אין די
שפּאַנישע יידן האָבן אַר
נאָכן גירוש. דאָרטן אָבער
האָבן גערעדט די זעלביקע
די אַלגעמיינע באַפעלקערונג
די שפּראַך איז געווען די
יידן און ניט־יידן, דאָרטן
געוואָרן אַ שטאַפּל צום אונט

מיר אונטערשיידן צווייער
פון יידישע שבטים: פאַראַ
פרעמדע רוצחישע הענט און
— אָן דער אַריינמישונג פון
בערישע הענט. דאָס קענען
און אונטערגאַנג — אומקום
רציחה און אונטערגאַנג —

די פּראָצעסן פון אונטער
מאָל געשפּילט אַ גרויסע ראָ
צעס פון שפּראַך־אַסימילאַ
תמיד געווען די התחלה פון
נען געווען יידישע ישובים
אין קליין־אַזיע און אויך
ישוב אין אַלעקסאַנדריע של
מערקווירדיק דאָס גאַנצע
און די גאַנצע היינטיקע ייד
ביז אונדז ניט פון מצרים
בבל, הגם ס׳איז ווייטער פון
אָפּגעטיילט מיט אַ גרויסן
מצרים איז גאָר נאָענט און
איז אָן שוועריקייטן. פון די
די גאַנצע יידישקייט פון אי

רעקטער המשך פון בבל. שווער אָנצוווייזן אויף עפּעס אין שטייגער, אין לעבן, אין שריפטן, וואָס זאָל שטאַמען פון מצרים און ניט פון בבל. פון דעסטוועגן האָט דער תלמוד בבלי ווייט אַריבערגעשטיגן דעם תלמוד ירושלמי אין פאַרשפּרייטקייט און אין וויסן פון פאָלק.

די שפּראַך פון יידן אין בבל (אַראַמיש) איז געבליבן ביי יידן כמעט אַזוי ווי העברעיש, אין דאַוונען און אין לערנען. קדיש און כל נדרי, וואָס הייבט אָן די תפילות פון דעם הייליקסטן טאָג ביי יידן — יום־כיפּור — ווערן ביז היינט געזאָגט אין דער שפּראַך פון בבלישע יידן, אין אַראַמיש. בעת די יידישקייט פון מצרים האָט אונדז אין דירעקטן שטייגער פון פאָלק גאָרניט געלאָזן. באַרימטע יידן פון בבל האַלטן דאָס פאַר אַ גרויסן גליק עולה צו זיין אין ארץ ישראל (אין אַ סך ערטער אין תלמוד) בעת אַ באַרימטער ייד פון מצרים, פון גרויסן יידישן יחוס (פילאָנס אַ פלימעניק) איז געווען אַ גענעראַל אין דער אַרמיי וואָס האָט חרוב געמאַכט ירושלים.

גאַנץ מעגלעך אַז דער אונטערשייד שטאַמט פון דעם פאָלק: אין בבל האָבן יידן געהאַט זייער שפּראַך, אין מצרים האָבן יידן גערעדט די זעלביקע שפּראַך וואָס די גאַנצע אַרטיקע באַפעלקערונג. יידיש איז געוואָרן אַ יידישע שפּראַך דווקא אין מיזרח־אייראָפּע, ווו די אַרטיקע באַפעלקערונג האָט גערעדט אַן אַנדער שפּראַך, און יידיש איז געוואָרן דער סימן מובהק פון יידישקייט.

וויינרייך באַהאַנדלט די אַלע אַנטוויקלונגען אין זיין פירבענדיקן בוך „געשיכטע פון דער יידישער שפּראַך", אין משך פון מער ווי אַנדערהאַלבן טויזנט זייטן, מיט זייער אַ געווינטלעכער שפּראַך ווי „פאַרזיכנדיקע, מאַסנדיקע, לאַגאָדנע, פאַקטנדיקן אָנשפּאַר" (257) און נאָך און נאָך.

יידן נעמען נוצן אַ שפּראַך, קען זי ווערן סיי לחיים און סיי למות — צי זיי זיינען אָפּצושיידן יידן פון אַנדערע אַרטיקע איינוווינערס אָדער צו פאַרבינדן, צו באַהעפטן. אָט איז אַ גוטער באַווייז אין דער יידישער געשיכטע: יידן נעמען נוצן אַראַמיש. אין ישעיהס צייטן, מיט עטלעכע דורות פריער, האָבן די יידן אפילו ניט פאַרשטאַנען קיין אַראַמיש און די פאַרשטייערס פון יידישן מלך בעטן רבשקהן ער זאָל ריידן צו זיי אַראַמיש, דאָס פאָלק זאָל ניט פאַרשטיין. און שפּעטער, אין עזראס צייטן, דאַרף מען שוין די תורה איבערזעצן פאַר יידן אין אַראַמיש. און אַראַמיש איז געבליבן די צווייטע הייליקע שפּראַך — ריכטיקער, די צווייטע שפּראַך פון הייליקייטן: „לשון הקודש", די שפּראַך פון הייליקייטן (ניט לשון קדושה — הייליקע שפּראַך!). דער נאָמען „עברית" איז גאָר ניט אָנגענומען געווען. (פאַראַן אַ גמרא, אַז מען האָט געלייענט די מגילה אין „עברית" איז מען ניט יוצא. און רש"י דערקלערט: „לשון עבר הנהר". מגילה יח, א).

ד"ר נאָבעל האָט אין אַ רעפעראַט פאַרגליכן וויינרייכס ווערק צום רמב"םס „משנה תורה", וואָס איז געקומען אין 1180 יאָר. כ'מיין אַז מען דאַרף ניט קיינע פאַרגלייכן. עס איז אַ ווערק וואָס סומירט אַ גאַנצע, אַ לאַנגע תקופה פון דער יידישער געשיכטע — די געשיכטע פון אשכנזישן יידנטום. יידיש איז אַ שפּראַך וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט אין אייראָפּע אַליין געשאַפן, אַליין פאַרמירט און אויסגעבויט. יידן האָבן גערעדט אַ סך שפּראַכן, אָבער געשאַפן האָבן יידן נאָר דעם באַזונדערן דיאַלעקט פון העברעיש, דאָס לשון סורסיש (דער יידישער דיאַלעקט פון אַראַמיש) און יידיש — די איינציקע שפּראַך וואָס האָט דעם זכות צו טראָגן דעם נאָמען פון פאָלק — יידיש פאָלק און יידיש. מען דאַרף שוין גאָר ניט צוגעבן דאָס וואָרט „לשון" — עס איז קלאָר פאַר אַלעמען אַז יידיש מיינט יידיש לשון. אויף דעם לשון האָט גערעדט דער ווילנער גאון און, להבדיל, די יידישע גנבים פון ווילנער „ברודער פאַריין". דאָס וואָס די משכילים האָבן „אויסגעלומרט" אויף יידיש, איז מער ניט ווי אַ באַווייז ווי טיף יידיש לשון איז געווען איינגעוואָקסן אין יידישן לעבן, ווייל וואָס נאָך האָבן משכילים אַזוי פיינט געהאַט ווי אַלץ וואָס עס איז יידיש?...

אין דער יידישער געשיכטע זיינען אָבער פאַראַן קולטור־תקופות. מיר קענען זיי רעכענען:

די תנ"ך־תקופה מיט איר סיום, ווען די תקופה האָט זיך געענדיקט. שפּעטער האָבן מיר די משנה־תקופה, די תקופת התלמוד און די משנה תורה פון רמב"ם. מיט דער חתימה פון איין תקופה ענדיקט זיך ניט די שעפערישקייט פון יידישן פאָלק. קלאַפּט אין האַרצן אַ ספק: צי איז ניט וויינרייכס ווערק אַ סיום פון דער תקופת יידיש אין דער יידישער געשיכטע? יעדער אַזאַ סיום־התקופה קאָסט זייער פיל דעם יידישן פאָלק. מיר ווילן זיך אָבער אויף די פאָרויסזעונגען און פאָרויסטראַכטונגען דאָ ניט אָפּשטעלן.

## מאַקס וויינרייך און דער ייוואָ

וויינרייך אַליין איז געווען אַ „געקומענער" צו יידיש. (דאַכט זיך אַז זיין מוטערשפּראַך איז גאָר געווען דייטש. ער האָט געשטאַמט פון קורלאַנד). זיין צוגעבונדנקייט צו יידיש האָט געשטאַמט פון ווילנע, וווּ ער האָט געלעבט עטלעכע יאָר נאָך פאַר זיין שטודירן אין דייטשלאַנד. אַזוי איז ער געבליבן אַ ווילנער, אַן אײדעם פון ד"ר צמח שאַבאַד און אַ געטרייער פאַרשער פון יידיש אויף זיין גאַנץ לעבן.

געקומען צוריק פון דייטשלאַנד איז וויינרייך אין 1923 און זיך באַזעצט אין ווילנע. אַ באַזונדערן איינדרוק פלעגט אויף מיר מאַכן זיין רייכע ביבליאָטעק, וואָס האָט פאַרנומען דעם גאַנצן זאַל פון זיין גרויסער דירה. ער האָט גענומען אַרבעטן אין דעם העכסטן לערן־אַנשטאַלט וואָס דער יידישער שולוועזן האָט פאַרמאָגט — אין דעם לערער־סעמינאַר אין ווילנע. די אַרבעט אָבער איז ניט געווען באַפרידנדיק, אויך די מיטאַרבעט אין ניו־יאָרקער „פאָרווערטס" האָט ניט געקאָנט אים באַפרידיקן. זיין אַרבעטלוסט איז געווען גרעסער.

איז עס געווען ווי צוגעפּאַסט דער גענויער בריוו פון נחום שטיף, וואָס איז דעמאָלט געווען אין בערלין, וועגן גרינדן אַ וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין ווילנע. פאַרוואָס ווילנע? עטלעכע מאָטיוון האָבן געקענט זיין:

ווילנער יידן זיינען געווען ניט אַזוי צעטיילט אין פּאַרטייען, גרופּעס און גרופּקעס. האָט עס אין ווילנע געקענט זיין מער אַן אַלגעמיין־יידישע אינסטיטוציע ווי ערגעץ אַנדערש־וווּ; ווילנע האָט דעמאָלט פאַרמאָגט עטלעכע גימנאַזיעס אויף יידיש. די העכסטע בילדונגס־אינסטיטוציעס. זיינען געווען די נייטיקע וויסנשאַפטלעכע כוחות; ווילנע איז אויך געווען אַ ראַיאָן מיט עטלעכע גלייכע קולטורן, ניט געווען קיין הערשנדיקע אין קולטור איבער אַלע אַנדערע, ווי דאָס איז געווען וואַרשע, למשל, וווּ עס האָט געהערשט פּוילישע קולטור און שפּראַך איבער אַלע אַנדערע. נאָך איין „מעלה" האָט געהאַט ווילנע: ניט געווען קיין גראָשן געלט מיט וואָס אָנצוהייבן די אַרבעט. אָבער וואָסער אינסטיטוציע האָט יאָ געהאַט מיט וואָס צו לעבן? מיט וואָס זיך צו דערהאַלטן? אַלע אינסטיטוציעס לעבן אָן פאָנדן, פון האַנט אין מויל אַריין, וועט זיין נאָך איינע. אַז עס וועט זיין אַן אינסטיטוציע, וועט זי שוין זוכן די מיטלען. און וויפל מיטלען דאַרף עס אַן אינסטיטוציע אין ווילנע. היינט בכלל האָבן יידן אין פּוילן דעמאָלט געלעבט אויף צדקה פון אַמעריקע, וועט זיין נאָך אַן אינסטיטוציע ...

אַזוי איז מען געקומען צו דער גרינדונגס־זיצונג אין דירה פון צב"ק (צענטראַלער בילדונגס קאָמיטעט). (אגב, דער שרייבער פון דעם אַרטיקל איז דער איינציק־געבליבענער פון אַלע וואָס זיינען געווען אויף יענער זיצונג). האָט מען וועגן מיטלען לגמרי ניט גערעדט. די פראַגע האָט אין ווילנע ניט עקזיסטירט: וואָסער אינסטיטוציע האָט דען יאָ געהאַט מיטלען? אַט, מען לעבט: אַ ביסל קומט פון אַמעריקע, פון „פּיפּלס רעליף"; אַ ביסל הונגערט מען צו, זאָל ניט אויסגערעדט זיין, און מען לעבט ...

די גרינדונגס־זיצונג איז פאָרגעקומען אין דירה פון צב"ק, ביים טיש פון צב"ק, אונטערן פאָרזיץ פון ד"ר צמח שאַבאַד, ביי דער אַנוועזנהייט פון אַלע מיטגלידער פון צב"ק און עטלעכע ספּעציעל פאַרבעטענע מענטשן. וויינרייך האָט געלייענט דעם בריוו פון נחום שטיף. קיין לאַנגע דעבאַטן זיינען ניט געווען. כ'מיין, וואָס איז דאָ צו דיסקוטירן? דאָס איז געווען

אין יוני 1925. מען דאַרף מאַכן אַ ברכה און צוטרעטן צו דער אַרבעט.

די ערשטע מיטאַרבעטער זיינען געווען די דריי: מאַקס ווײַנרייך, זלמן רייזען און זעליג קאַלמאַנאָוויטש.

אַ דירה? — דערווייל די דירה פון צב"ק — צוויי צימערן, וואָס זיינען בייטאָג דאָך ליידיק.

אַ גאַנצן טאָג האָט געאַרבעט בלויז קאַלמאַנאָוויטש. מיר דאַכט זיך אַז ער איז אויך געווען דער איינציקער וואָס האָט געקראָגן געצאָלט. ווײַנרייך און רייזען האָבן בייטאָג געאַרבעט פאַר זיך. און אַרבעטזאַם איז מען געווען. די ערשטע אַרבעט איז געווען פּראָפּאַגאַנדע און קריגן מיטגלידער. דערצו האָבן געדינט די אָפּטע אויסגאַבעס פון ייוואָ. די ערשטע אויסגאַבעס זיינען געווען די „ידיעות פון ייוואָ" און די „ייוואָ־בלעטער" וואָס זיינען אַרויס, דאַכט זיך, אַלע חודש. באַלד האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען אַלע צייטונגען וואָס זיינען דעמאָלט אַרויסגעגאַנגען, און וואָסער שטאָט און שטעטל אין פּוילן האָט עס דעמאָלט ניט געהאַט קיין אייגענע וואָכנבלאַט? עס האָבן אויך אָנגעהויבן אָנצוקומען פון אַלע שטעט און שטעטלעך פאָלקלאָריסטישע מאַטעריאַלן. יידישע יוגנט אין שטעט און שטעטלעך האָט ניט געהאַט קיין אַרבעט, האָט מען זיך דערפרייט צו קענען נוציק זיין מיט זאַמלען פאָלקלאָריסטישן מאַטעריאַל און שיקן אין ייוואָ. כמעט אין יעדן שטעטל האָט דער ייוואָ געהאַט קאָרעספּאָנדענטן. גלייך האָט דער ייוואָ געמוזט אָנשטעלן אַ ספּעציעלן באַאַמטן פאַר דער זאַמל־אַרבעט.

עס האָט זיך אויך איינגעשטעלט די פּסיכאָלאָגיש־פּעדאַגאָגישע סעקציע מיט לייבוש לעהרער אין ניו־יאָרק און א. גאָלאָמב אין ווילנע. די אַקטיווסטע סעקציע איז, פאַרשטייט זיך, געווען די פילאָלאָגישע מיט די דריי הויפּט־טוער: ווײַנרייך, רייזען און קאַלמאַנאָוויטש. דער הויפּט־טוער פון דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער סעקציע איז געווען, פאַרשטייט זיך, יעקב לעשטשינסקי, דעמאָלט אין בערלין.

אין גאַנצן צופעליק איז ווײַנרייך ניט געווען אין פּוילן ווען די צווייטע וועלט־מלחמה מיטן חורבן האָבן זיך אָנגעהויבן, און ער איז געראַטעוועט געוואָרן פון חורבן, און ווײַנרייך האָט אָנגעהויבן צו בויען דעם ייוואָ פון דאָס ניי אין אַמעריקע. אים איז אויך געלונגען צו ברענגען די פרוי מיטן ייִנגערן זון פון ווילנע.

ווען איך בין געווען אין ניו־יאָרק אין 1943 און מיר איז אויסגעקומען איין נאַכט צו נעכטיקן ביי די ווײַנרייכס, איז מען צו פרישטיק אין דער פרי געזעסן אויף הילצערנע קעסטעלעך פון אַ קראָם אָנשטאָט בענקלעך. גאַנץ מעגלעך אַז די קישן וואָס מען האָט מיר געגעבן האָט עמיצן געפעלט... און אַזוי האָט ווײַנרייך אָנגעהויבן צו בויען דעם ייוואָ אין ניו־יאָרק, אין אַ ווינקל, דאַכט זיך, אין „האַיאַס", ביי אַ פענצטער. מען האָט געדאַרפט האָבן מוט און ענערגיע, מוט און גלויבן צו בויען.

דעמאָלט איז אויך פאַרטראַכט געוואָרן די „געשיכטע פון דער יידישער שפּראַך." ווילנע איז גאָר גיך חרוב געוואָרן, פון ייוואָ איז גאָר ניט געבליבן, רייזען און קאַלמאַנאָוויטש זיינען אומגעקומען, ווײַנרייך מיט נייע מענטשן, אייגנטלעך, אַלע געקומען, ניט קיין אַמעריקאַנער געבאָרענע, האָט אויפגעבויט דעם ייוואָ פון היינט. דער ייוואָ בכלל איז אַ שטיק מיזרח־אייראָפּע אין אַמעריקע.

## דאָס ווערק פון לשון יידיש

דאָס בוך בכלל הייבט ניט אָן פון יידיש, נאָר עס באַהאַנדלט די יידישע וואַנדערונגען בכלל — ביז יידיש אויך. דאָס יידישע פאָלק איז געגליכן צו אַ בוים: צווייגן דאַרן אָפּ, פאַלן אָפּ, צווייגן נייע וואַקסן אָן. פאַראַנען ביימער וואָס אַ צווייג נעמט איבער די ראָל פון הויפּטשטאַם. יידישע שבטים האָבן זיך צעשפּרייט. אָנשטאָט דעם פּסוק „מציון תצא תורה ודבר ה' מירושלים" איז געווען „מבבל תצא תורה". עס איז אפילו דערגאַנגען ביז „מקיעוו תצא תורה". יידן האָבן זיך פאַרשפּרייט אין אייראָפּע. עס איז אַוועק דער גלאַנץ פון יידישע ישובים אין בבל, אין צפון־אַפריקע. דעמאָלט זיינען אויפגעקומען די צוויי גרויסע שבטים — ספרד און אַשכנז, שפּעטער אויך כנען (סלאַווישע לענדער). היפּשע יאָרהונדערטערס

האָט ספרד געשפּילט די הויפּט־ראָל, ערשט שפּעטער איז די ראָל אַריבערגע־גאַנגען צו אַשכנז.

מען קען די תקופות אין דער יידישער געשיכטע פאַרטיילן אַזוי:

גייסטיקע פאַרזיכיקייט מיט פּאָליטי־שער פאַרזיכיקייט (ליטעראַרישע ירושה — דער תנ״ך). שפּעטער קומט די גייס־טיקע פאַרזיכיקייט, אָן פּאָליטישער, קליין־אַזיע און צפון־אַפריקע (די גרויסע ליטע־ראַרישע ירושה — דער תלמוד). ערשט שפּעטער קומט די גייסטיקע פאַרזיכיקייט אין אייראָפּע מיט די צווײ גרויסע שבטים — ספרד און אַשכנז. די גייסטיקע פאַר־זיכיקייט ברענגט צו דעם, אַז די שפּראַכן פון די הויפּטפעלקער ווערן ביי יידן פאַר־זיכיקע שפּראַכן. ווערט ביי יידן אין ספרד געבוירן „לאַדינאָ״; ווערט ביי יידן אין אַשכנז געבאָרן יידיש. די קאָמפּאָנענטן פון יידיש — גערמאַניש, העברעיש, אויך רעשטלעך פון אַנדערע שפּראַכן, אין באַ־נוץ פון יידן, און שפּעטער זיינען צוגעקו־מען עלעמענטן פון סלאַווישע שפּראַכן.

פאַר מיר איז אינטערעסאַנט דער פאַקט: דער רייכער און מעכטיקער ישוב פון יידן אין העלעניזירטן מצרים האָט גערעדט גריכיש, ווי די הויפּט־באַפעלקערונג. אין בבל האָבן יידן גערעדט אַראַמיש (סורסיש — אַ דיאַלעקט פון אַראַמיש). איז פון גריכיש אין יידישן לעבן ניט געבליבן גאָרניט; פון אַראַמיש אָבער איז געבליבן גאָר אַ סך אין דאַווענען און אין לערנען. אין מצרים איז געווען אפילו אַ פאַרזיכי־קער בית המקדש, דער תנ״ך אין גריכיש; און גאָר נישט איז געבליבן. איך מיין אַז דאָס איז טאַקע די סיבה: צופיל זיך פאַרגריכישט. איז מיטן אונטערגאַנג פון לאַנד־ישוב איז אַוועק זיין געשיכטע אָן השפּעה. אַנדערש אָבער אין בבל. עס איז אין גאַנצן ניט קענטיק די קולטור פון לאַנד, פון לאַנדפאָלק. ווי אַזאַ וואָלט גאָרניט געווען. זיין השפּעה אין תלמוד איז כמעט לגמרי ניט קענטיק.

ווי אַ כלל קען מען אָננעמען, אַז ישובים וואָס האָבן כמעט אין גאַנצן זיך פאַרבונדן מיט דער לאַנד־קולטור, קומען אום צו־זאַמען מיט דעם אומקום פון יידן אין דעם לאַנד. יידן אין ישובים, וואָס האָבן זיך געהאַלטן ווייטער פון די לאַנד־קולטורן, האָבן געקאָנט וואַנדערן פון לאַנד צו נייע לענדער און זיי האָבן זייער אייגע־נע קולטור מיטגעטראָגן. איז דער ישוב אין מצרים אונטערגעגאַנגען אָן ירושה, ניט מחמת אַ פּאָגראָם, ווי עס שרייבט ער־געץ ד״ר קאַפּלאַן, נאָר מחמת זייער צוגע־בונדנקייט צו דער אָרטיקער גריכיש־מצרישער קולטור. בבלישע יידישקייט איז ניט אונטערגעגאַנגען ווייל אייגנטלעך האָבן דו יידן גאָרניט גענומען פון דער אָרטיקער קולטור.

מיר דאַכט זיך, אַז דער כלל גילט אויך אין דער היינטיקער געשיכטע פון יידן און פון יידישקייט: ישובים דויערנדיקע — די וואָס זיינען דערווייטערט פון דער אָרטיקער לאַנד־קולטור; ישובים קורץ־דויערנדיקע—די וואָס זיינען צופיל פאַר־בונדן מיט דער אָרטיקער לאַנד־קולטור. דער כלל איז ווערט מען זאָל אים געדענ־קען. יידיש לשון איז די איינציקע שפּראַך וואָס יידן האָבן געשאַפן, און נאָר יידן באַנוצן עס. ניט אומזיסט איז דער נאָמען פון לשון דער זעלביקער וואָס פון פאָלק — יידיש פאָלק און יידיש לשון.

די געשיכטע פון יידיש לשון צעטיילט וויינרייך אויף עטלעכע תקופות: די ערש־טע, „בראשית־יידיש״, הייבט זיך אָן, מס־תמא, גלייך מיט דער אַריינוואַנדערונג פון יידן איז אַשכנז. קיין דאַטע פאַרן אָנהייב יידיש קען מען ניט אָנגעבן, ווייל עס איז ניט קיין ווילקער, באַוווסטזיניקער אָנ־הייב. בכל אופן זיינען שוין די שפּראַצונ־גען פון יידישער שפּראַך געווען אין טויזנט יאָרהונדערט. פון 1250, רעכנט וויינרייך, די תקופה פון אַלט־יידיש וואָס ציט זיך ביז 1500. שפּעטער קומט די תקופה פון מיטלאַלטער יידיש ביז 1750, ווען עס הייבט זיך אָן די תקופה פון ניי־יידיש.

אַזוי אַרום איז יידיש דורכויס אַן אייראָ־פּעישע שפּראַך, מסתמא צוגלייך מיטן יידישן גלות־אייראָפּע, וואָס איז געווען דער שווערסטער, דער טראַגישסטער פון אַלע גלותן. — גירושים, אינקוויזיציעס, שמד און „הייליקע פייערן״ מיט ברענען לעבעדיקע יידן — דאָס איז די רציחה **פון אייראָפּעישע פעלקער: גאָט לכבוד מעג מען ברענען לעבעדיקע מענטשן און**

האָבן הנאה. קיינע פעלקער האָבן ניט באַוויזן אַזאַ בלוטדאָרשטיקייט ווי די אייראָפּעישע. יידן האָבן געלעבט פאַר זיך ביז דאָס איז געוואָרן ביי אייראָפּעישע פעלקער די באַרימטע געטאָ. און דערוויל פורעמט זיך אַ פאַרזיכיקע יידישע שפּראַך.

וויינרייך באַהאַנדלט פּרטימדיק די אַנטוויקלונג פון דער יידישער שפּראַך. פאַרשטייט זיך, אַז ביי די משכילים אין די אויגן איז יידיש געווען גאָר אַ „זשאַרגאָן", און זיי האָבן נאַיוו געגלייבט, אַז דאָס יידישע לשון און די יידישע קליידונג זיינען כלומרשט די סיבות פון די רדיפות אויף יידן. איז דאָס יידישע לשון ביי זיי געווען אַ „צעקאַליעטשעטער דייטש", בעת יידיש איז געווען אַ פאַרזיכיקע שפּראַך מיט אַלע אייגנשאַפטן פון אַזאַ.

אין דער באַציונג פון דער אינטעליגענץ צו דער יידישער שפּראַך אין בבל און אין אייראָפּע זעען מיר די שטאָלצע אַכטונג צום פאָלק און צו זיין לשון מצד דער אינטעליגענץ אין בבל און די פאַלשע, נעבעכדיקע באַציונג פון דער אינטעליגענץ אין אייראָפּע — צום פאָלק און צו זיין שפּראַך. נאָר מיר פאַרנעמען זיך דאָ ניט מיט דער השכלה און מיט אירע טעותים. פאַר אונדז איז דאָ אינטערעסאַנטער די באַציונג פון יידן צו דער קריסטלעכער רציחה.

עס קענען זיין צווייערליי באַציונגען: צו נאַטור־קאַטראַסטראָפעס קען זיין וויטאַג, אָבער עס איז אין גאַנצן ניט שייך קיין באַליידיקונג. ניט שייך צו באַליידיקן זיך אויף אַן ערדציטערניש, למשל. אין דער „רייכער" יידישער קינה־ליטעראַטור אויף יידישע צרות, איז ניטאָ דער עלעמענט פון באַליידיקונג, דירעקט אויף די שלעגערס. ניט שייך זיך צו באַליידיקן זיך אויף אַ היישעריק, למשל. אין דער זעלביקער בחינה זיינען אויך ביי יידן אין די אויגן די גוים מיט זייער בלוטיקער רציחה. אַזוי ביז ביאַליקס „פון צער און צאָרן", ביז טשערניכאָווסקיס „ברוך ממגענצא" (אין יידישער איבערזעצונג פון י. י. שוואַרץ ניטאָ). גויישע רציחה איז פאַר יידן געווען כמו אַ נאַטור־קאַטאַסטראָפע — אַן אומגליק, אָבער ניט קיין באַליידיקונג. גענוג אַ מאמר פון גמרא: „גאָט ווייסט אַז יידן קענען ניט אויסהאַלטן די גזרות פון אדום (די קריסטלעכע פעלקער) דערפאַר האָט ער זיי פאַרטריבן קיין בבל" (גטין יז, א).

יידיש איז ניט שטאַרק פאַרבונדן מיט אַלט־גערמאַניש און האָט זיך שטאַרק אַנטוויקלט אין מיזרח־אייראָפּע. לאַדינאָ פון ספרדישע יידן איז צו שטאַרק פאַרבונדן מיט שפּאַניע, דערפאַר איז זי געוואָרן אַ יורדת צוזאַמען מיט דעם גאַנצן שבט יידן גלייך פון דעם גירוש אָן.

אַ דאַנק דער יידישער צעשפּרייטקייט, די יידישע וואַנדערונגען, איז יידיש געוואָרן אַ וועלט־שפּראַך, איז יידיש געוואָרן די שפּראַך פון קולטור־אויפלעב, די שפּראַך פון גרויסער פאַרמערונג אין 19טן י"ה, די שפּראַך פון אַלע נייע ישובים אין דער גאַרער וועלט, פון אַלע נייע באַוועגונגען, וואָס זיינען אויפגעקומען נאָך ביים יידיש־ריידנדיקן שבט. יידיש איז געווען די שפּראַך פון די יידישע שטעטלעך, וואָס אין זיי האָט זיך אויפגעהאַלטן דאָס לעבן פון יידישן פאָלק בכלל. וויפל מען פאָרשט זיינען נאָך אַלץ ניט אויסגעפאָרשט די אוצרות פון יידישקייט שבעל פה פון יידיש.

* * * * *

**אין יידישן לערער־סעמינאַר אין ווילנע זיינען אין משך פון זיין קיום (1921-1931) געווען די ווייטערדיקע לערערס:**

סאָפיע גורעוויטש, ראָזע סימכאָוויטש — די גרינדערינס, ערשטע לערערינס; זלמן רייזען, מאַקס עריק, מאַקס וויינרייך, משה קולבאַק און פאָלק היילפּערין — יידיש און יידישע ליטעראַטור; פאָלק היילפּערין — העברעיש; אַרקאַדי קרעמער, דוד לובאַצקי, יצחק פיין, לייב ראָזענשטיין און אַברהם ריינהאַרץ — מאַטעמאַטיק, פיזיק און כעמיע; משה העלער — אַלגעמיינע געשיכטע; גרשון פּלודערמאַכער — יידישע געשיכטע; נפתלי וויינריק — פּויליש — שפּראַך און ליטעראַטור. פריילין הייניק און יוסף

משה שקליאַר

# לידער

## לאָמיר שטיל זיין

לאָמיר שטיל זיין איצטער, שטילער, שטיל,
הערן בלויז דעם רויש פון בלעטער.
מיט דעם שטערנטוך אַרומגעהילט
די נאַכט שלאָפט איין אין שויס פון געטער.

די נאַכט שלאָפט איין, נאָר ס׳ליד פון גריל
לאָזט אונדז די אויגן נישט פאַרמאַכן —
לאָמיר שטיל זיין איצטער,שטילער, שטיל,
די רו פון אונדזער נאַכט באַוואַכן.

## אַ טרייסט

וואָס וועט זיין פון מיר,
וואָס וועט זיין פון מיר?
ליבסטע זאָג —
אַזוי פיל שוין פאַרלוירן און כ׳פאַרליר
טאָג נאָך טאָג.

דער הימל הענגט שוין אויף אַ האָר,
באַלד וועט ער פאַלן אויף מיין קאָפּ.
און דאָס וועט זיין דער סוד און גאָר—
דער לעצטער עול אַראָפּ.

דער לעצטער? אפשר נאָך נישט, אפשר ניין?
ווער ווייסט, ווער ווייסט?
עס קאָן דאָך אויבעט אין פאַרגיין
זיין אַ טרייסט.—

## אַלע וואונדער

אַלע וואונדער פון דער וועלט
האָב איך נאָך נישט באַוואונדערט,
האַלב איז נאָך פון מיר פאַרשטעלט,
די צווייטע העלפט — פאַרשוואונדן.

פון איין זייט היץ, פון צווייטער—קעלט—
די הויט פון מיר געשונדן.
נאָר איך גיי אַלץ אַהין, ווו ס׳העלט,
און בלייב אין מיטן — אָפּגעזונדערט.

---

אַראָנאָוויטש — געאָגראַפיע פון פוילן (געמוזט געגעבן ווערן דווקא אין פויליש); יעקב גערשטיין — געזאַנג; גליאָט — גימנאַסטיק ייִנגלעך, און בעלאַ העלער־ביבער — גימנאַסטיק מיידלעך; ראַשאַל — האַנט־אַרבעט, טשאסטראָוו — צייכענען; ישראל ביבער און אברהם גאָלאָמב — דירעקטאָרן; ביבער— נאַטור־וויסנשאַפט; גאָלאָמב — אַלע פעדאַגאָגישע לימודים, ווי פסיכאָלאָגיע, פעדאַגאָגיק און געשיכטע פון דערציונג ביי פעלקער און ביי ייִדן, מעטאָדיק פון אַלע לימודים (אויסער מאַטעמאַטיק, וואָס עס האָט געלערנט לובאַצקי) און אויך די פּראַקטישע אַרבעט פון סעמינאַריסטן אין פאָלק־שול אויפן נאָמען פון לייזער גורוויטש.

פון די אַלע לערערס לעבן בלויז בעלאַ העלער־ביבער (ווילנע) און אברהם גאָלאָמב.

---

אונדזער טיפער מיטגעפיל און מיט טרויער צום טויט פון די צוויי פאַרלעצטע לערערס פון ייִדישן לערער־סעמינאַר אין ווילנע :

**ד״ר רעגינע שאַבאַד - ווײַנרייך און אברהם ריינהאַרץ**

**די גאָלאָמבס**

איש יאיר / מאָנטרעאָל

# עמאָציע

אַן אָקעאַן,
וואָס לעקט דאָס בריענדיקע זאַמד
אונטער מיינע טאַפּיענדיקע פיס.

שוים־באַקרוינטע כוואַליעס
קאַרבן זיך און הייבן, צערענען און רעשן,
גרייט, געשפּאַנט צום שפּרונג,
צו טאָן אַ שלונג די שאָל,
מיין ווייניקייט,
די ליידיקייט,
מיין „איך".

אַ זאַק, געפּלאַצט,
זיפּט־אויס זשמעניעס זאַמד
דורך שמאָטעדיקע גלידער,
שפּיצפינגער— פּאַרקוילט —
פון פּורפּל־זון וואָס שווימט
אין קופּער־ים, דעם הימל
פון העלישן חצות.

הענט — אַרויפגעשאָסן.
פינגער—איינגעקאַרבט.
ווי משה, אויפן סיני,
האַלט די לוחות צוויי,
אַזוי האָב איך, פאַררִיסן,

צו דער ליידיקייט באַוויזן
די פּורפּל־זון פון חצות.

די טויבקייט — אומעטום.
אַן ווידערקול — די שטום.
אַרויס רייס איך די פּורפּל־זון,
די איינגעווייד פון הימל.

געשליידערט כ׳האָב דעם פּורפּל־דיסק
אויף פעלדזיקע קינזשאַלן —
ס׳האָט צעשפּליטערט זיך, צעבליצט,
אַ שוואָם, אַ העליש פלאַם.
ס׳האָט געזויגן מיך, געצויגן,
וויסטער ווינט, צום תהום —
אויסגעשפּיגן מיך, געשליידערט,
צו דעם ברעג פון ים.

איך פאַרוויאַנע און צעטריף זיך
פאַר דעם אָנפּלייץ פון געפּלייץ,
פאַר די שוים־באַגקרוינטע קאַרבן
וואָס פּאַליען זיך צערייצט;
זיי צערענען און רעשן,
פרעסן פריסיק־זאַמד,
אונטער וואַקלענדיקע פיס,
פאַרשווינדנדיקן גרונט...

---

ברכה קודלי

# איינזאַמקייט צוזאַמען

שטיקלעך טאָרט אויף אַ טעלער
מיט צימעריג באַשפּרינקלט,
גאָלדיקער טיי אין דינע גלעזער פינקלט;
ביים טיש חברים דריי
צעשניידן מיט זייערע רייד
די שטילקייט אין די ווינקלען.
אַן אומרואיקע פרויען־האַנט
מישט אַ באַנד מיט לידער,
זי ווערט וואָס אַמאָל מער און מער געשפּאַנט,
בלענדעניש פאַרשווינדט
און שפּילט ווידער.
אין קאַמין לעשן זיך די לעצטע פלאַמען,
קלינגען רייד וועגן פערזן מיט גראַמען
— טרינקען דריי חברים
איינזאַמקייט צוזאַמען.

משה שטאַרקמאַן / ניו־יאָרק

# אַ בוך נאָוועלעס פון חיים גראַדע

חיים גראַדע: די קלויז און די גאַס. 4 דערציילונגען. אַרויסגעגעבן דורך די ברידער שולזינגער (ניו־יאָרק תשל״ד־1974). שערבלאַט געצייכנט פון צירל וואַלעצקי. 365 זייטן.

אַקדמות מילין: אײדער איך הייב אָן די רייד וועגן חיים גראַדעס סאַמע נייעסטן בוך — „די קלויז און די גאַס" —, איז כדאי צו אונטערשטרייכן: א) אין דער יידישער ליטעראַטור געהערט ער צו די גאָר וויניקע יורשים, וואָס זענען אין דער זעלביקער צייט מייסטערס אי אין אונדזער פּאָעזיע, אי און אונדזער פּראָזע; ב) אַז מען שאַצט אָפּ גראַדעס דיכטונג און ניט זיין בעלעטריסטיק, אָדער זיין דערצייל־קונסט און ניט פּערזון־קונסט; מיינט דאָס, אַז מען שאַצט בלויז אַ העלפט פון זיין ביישטייער צו אונדזער וואָרט־שאַפן בכלל; ג) רעדט מען נאָר וועגן אײן בוך זיינס — אין אונדזער פאַל וועגן דעם סאַמע נייסטן בוך פּראָזע פון זיין פּרוכפּערדיקער פּען — באַרירט מען נאָר אַ קליינעם טייל פון זיין יצירה; ד) צוריקגעשמועסט: איטלעכער טייל פון גראַדעס שאַפן איז וויכטיק פאַר זיך גופא, ווייל יעדער ניי בוך פון זיין פּעדער איז מוסיף נייע שטריכן צו זיין שרייבעריש געשטאַלט און העלפט אונדז בעסער דערקענען זיין קינסטלעריש־שריפטשטעלערישע פּערזענלעכקייט אין אַלגעמיין...

* * * * *

חיים גראַדעס ניי בוך אַנטהאַלט אַ סך מער ווי ס'ווערט אָנגעזאָגט אינעם נאָמען און אינעם צוגאָב־טיטול פון דער דאָזיקער פּראָזע־זאַמלונג. ס'ווערן צווישן די טאָוולען געשילדערט ניט נאָר די קלויז און די גאַס, נייערט אויך די שטוב און דער הויף. די קלויז און די גאַס זענען בלויז די צענטראַלע לייוונטן פון דער ברייטער קאַנווע, וואָס אויף איר מאָלט גראַדע דאָס ברעכן און קרישלען זיך פון לאַנג־איינגעפונדעוועטע יידישע לעבנס־פאָרמען אין ווילנע און אין ליטע בכלל. די פיר שאַפונגען אין בוך זענען ניט קיין קורצע דערציילונגען, נאָר לענגערע נאָוועלעס, וואָס די ערשטע און קלענצטע צווישן זיי פאַרנעמט 36 זייטן, און די לעצטע און לענגסטע צווישן זיי שפּרייט זיך אויס אויף 128 זייטן. פונקט ווי די פאַרשיידענע כאַראַקטערן און טיפּן אין יעדן סיפּור באַהעפטן זיך צו זיין די אַקטיווע און זייטיקע פיגורן אין דער שלימות פונעם סיפּור המעשה, אַזוי באַהעפטן זיך די פיר באַזונדערע נאָוועלעס צו זיין אַ פילפאַרביקע גאַלעריע פון לומדים, בעלי־בתים און המונישע יידן אין אַ וועלט פון גייסטיקע דערהייבונגען, וואָכעדיקע ירידות — אַלץ פאַרבונדן מיט זייערע ראַנגלענישן, מיט צרות פון דרויסן און פון אינעווייניק — אויך מיט פּראָבלעמען, וואָס זיי, אַלע שיכטן יידן, האָבן איבער זיי קיין שליטה.

וואָס איז שייך די קאַמפן צווישן באַזונדערע השקפות אָדער באַשטימטע דורות, דערקענט מען אַז דעם מחברס סימפּאַטיעס זענען אויף דער זייט פון דעם עלטערן דור און אפשר האָט מען דעם דאָזיקן איינדרוק ווייל אין פאַרגלייך מיט די אייגנשאַפטן, שטריכן, שטרעבענישן און בענקשאַפטן פון די כאַראַקטערן, וואָס געהערן צום עלטערן דור, קומען אַרויס די מעשים, רייד און השגות פון די אַנדערע ווי קליינלעכע טואונגען און דערוואַרטונגען פון יחידים צי פון שיכטן, וואָס זייערע הימלען זיינען צו־שמאָל, אַז זיי זאָלן קאָנען האָבן ברייטערע האָריזאָנטן. אויך די ווייבער פון עלטערן דור זענען ביי גראַדען על פּי רוב פרויען מיט שטאַרקע ווילנס און געבענטשטע מיט ניכטערקייט, בעת די „היינטוועלטיקע" ווייבספאַרשוינען זענען היפּשלעך ווייט פון די ברכות, גליקן און קענטענישן, וואָס די „נייע צייט" האָט זיי געזאָלט געבן.

ס'וואָלט פאַרנומען צופיל אָרט און ס'איז אויך ניט נייטיק, איבערצוגעבן דעם תוכן פון די פיר נאָוועלעס אין גראַדעס

ניי בוך. אין קינסטלערישער פראָזע איז דער עיקר — ניט דער סיפור־המעשה, ניט וואָס ס׳דערציילט דער מחבר, נייערט ווי אַזוי ער דערציילט. וועלן מיר דעריבער בלויז מרמז זיין אויפן אינהאַלט פון יעדער יצירה אינעם בוך „די קלויז און די גאַס“, האָבנדיק אין זינען הויפטזעכלעך דעם מחברס אויפטועך, זיינע קינסטלערישע דערגרייכונגען.

אין זיין דיכטונג איז חיים גראַדע אַ דערציילערישער פאָעט, אַן עפישער ליריקער. אין זיין פראָזע, ווידער, איז ער לירישער און מאָלערישער דערציילער — ווי דאָס קומט צום אויסדרוק אין זיין בעלעטריסטיק דורך די רייד פון באַשטימטע יחידים צווישן זיינע כאַראַקטערן, דורך זיינע אופנים פון שילדערן נאַטור־דערשיינונגען, לאַנדשאַפטן, סעזאָנען פון יאָר, אָדער צייטן פון מעת־לעתן.

ליריש־מאָלערישע פאַראַגראַפן פון שטאָטישער סביבה־שילדערונג, אין דעם אָנהייב פון באַשטימטע שאַפונגען אָדער ביים עפענען באַזונדערע קאַפיטלעך זייערע, זענען פאַרן געניטן לייענער גראַדעס אָפט דער אָנדייט, אַז דאָס איז געגליכן צו דער שטילקייט פאַר אַ שטורעם, אָדער צום אַן אָנגעצויגענעם שווייגן פאַרן אויסברוך פון אַ גרימצאָרן. דאָס מאָלערישע, דאָס סטאַטישע אין גראַדעס בעלעטריסטיק איז, בכן, אַ באַשטאַנדטייל פון זיין דערציילערישער דינאַמיק.

אין גראַדעס פראָזע־יצירות זענען ניטאָ קיין איבעריקייטן און צופאַלן. ער איז אַ מייסטער פון דערציילערישער אַרכיטעקטאָניק. אַלץ גיט דעם איינדרוק, ווי לכתחילה פלאַנירט כדי צו דערגרייכן דעם פאַסיקן קלימאַקס דורך שאַפן דעם קינסטלעריש־לאָגישן סוף אין אַ מאָזאַיק פון בילדער, געשטאַלטן און געשעענישן. פונקט ווי גראַדע שילדערט יעדע סביבה אין איר פולקייט, אַזוי מאָלט ער יעדן העלד און טיפ לויט זיין באַזונדערן אויסזען און לויט זיינע ספעציפישע אייגנשאַפטן, כדי צו ווירקן דורך קאָנטראַסט, וואָס ס׳טיילט זיי אָפ, טייל מאָל כדי אָנצודייטן, וואָס ס׳ציט איינעם צום אַנדערן, אָדער וואָס ס׳דערווייטערט איינעם פונעם אַנדערן.

די אייגנאַרטיקסטע פיגורן אין גראַדעס פראָזע זענען גדולי תורה, וואָס ווילן ניט טראָגן די לאַסטן פון רבנות, כדי פריי זיך אָפצוגעבן מיט לערנען תורה, און פרומע אידעאַליסטן בכלל. זיין רעאַליזם איז תמיד באַפליגלט מיט דער אינספיראַציע פון אַ קינסטלער. ער איז געוואַרעמט דורך זיין נאָגנדיקער בענקשאַפט נאָך די שיינקייטן פון אַ יידיש לעבן, וואָס איז נישטאָ מער אויף דער וואָר, אָבער ס׳האָט יאָ אַ קיום אין אונדזער בעלעטריסטישער קונסט און אין געדעכעניש פון די אָנגעהעריקע צום דור, וואָס זיינע זין און טעכטער זענען געווען אויגן־עדות פון דעם דריטן חורבן אָדער איבערגעלעבט דעם חורבן פון־דער־ווייטנס.

* * * * *

כאָטש די קאַרגע ערשטע צוויי זייטן פון דער ערשטער דערציילונג — „זיידעס און אייניקלעך“— וועגן די איבערגעבליבענע זקנים אין ווילנער קלויז ישן און זייער באַמיונג צוציען צו יידישקייט קינדער, וואָס קענען אפילו ניט לייענען קיין שייטל עברי און זייערע אייגענע אייניקלעך זענען דערווייטערט פון זיי — כאָטש די דאָזיקע קאַרגע צוויי זייטן זענען בלויז דער אָנהייב פון דער ערשטער און קלענצטער נאָוועלע אין בוך, זענען זיי סימבאָליש פאַר די צוזאַמענשטויסן אָדער צעריסנקייטן צווישן אַלט און ניי און צווישן באַזונדערע שיכטן אין די אַנדערע דריי נאָוועלעס:

„אונטער די קאַלטע שטיינערנע געוועלבן פון קלויז זיצן זקנים ביי דעמבענע שטענדערס. די שפיצן פון זייערע בערד, געוועבט פון זיידענע פעדעם, באַרירן, גלעטן און צערטלען פאַרגעלטע ספרים־בלעטער. פון די גערונצלטע פאַרמעטענע פנימער, פול מיט נעצן־קנייטשעלעך, שמייכלען אַרויס גוטמוטיקע אויגן און זשמורען זיך קעגן דער זון. אירע שטראַלן פלייסן זיך בחינם צו צעשמעלצן דעם שניי פון די ווייסע בערד און פאות.

קיצלען זונשטראַלן די בינטלעך האָר אין די פאַרוואַקסענע נאָזלעכער און אין די אויערן פון די זיידעס, אַקוראַט ווי די זיידעס האָבן ליב צו קיצלען

די אייניקלעך. איי די אייניקלעך! כל זמן זיי זיינען קליינינקע, שרעטעלעך, און שפילן זיך מיט זיידנס בערד און פאות, צופן אים אויס די שטעכיקע הערעלעך אויף דער באָז און שלעפן אים ביי די אויערן, אַזוי לאַנג קען זיי נאָך דער זיידע אַריינבאַרן מיט אַ צוקער־לעקעכל אים נאָכצוזאָגן אַ ברכה. אָבער ווען די אייניקלעך ווערן מיט אַ פּאָר יאָר עלטער, דערשמעקן זיי גלייך, אַז דעם זיידן דאַרף מען ניט פאָלגן; פאָלגן דאַרף מען די דינסט אין שטוב. טאָמער זעט די שנור, אַז דער שווער פאַרעט זיך אַרום איר מוזיניקל און וויל דער תכשיטל איינרעדן אָנטאָן אַ יאַרמולקע, אַן ארבע־כנפותל, זאָגט די שנור: „שווער, מוטשעט ניט דאָס קינד, ער'ט ניט זיין קיין רב.“

נאַרישע ווייבער! און אַז ניט קיין רב, דאַרף אַ יידיש קינד זיך האָדעווען אַ גוי? די זקנים באַהאַלטן זיך הינטער די שטענדערס, אויך די זון באַהאַלט זיך הינטער אַ וואָלקן, אַ באַטריבטע פאַר די אַלטע לייט און זייערע אומעטיקע מחשבות: אַז דאָס יינגערע אייניקל וועט בעזרת השם האַלטן ביים בר־מצווה ווערן, וועט מען פאַר אים דינגען אַ מלמד פון די היינטיקע אויפגעקלערטע, ער זאָל מיט אים לערנען מפטיר און האַלטן אַ דרשה. נאָך דער דרשה, סעודה און שמחה וועט דאָס בר־מצווה יינגל אפשר אַ פּאָר מאָל אָנמעסטן די תפילין — און געענדיקט. דער זיידע וועט דעמאָלט שוין לאַנג ליגן אונטער אַ בערגל ערד, נאָר קיין רו וועט ער ניט האָבן. ער וועט אפילו אויפן עולם האמת וויסן, אַז דאָס אייניקל לייגט ניט קיין תפילין.

און די זין זענען בעסער? — מורמלען ברוגזלעך צו זיך די גרייז־גראָע יידן און באַוועגן זיך הינטער די שטענדערס, עלעהאַי פאַרוויאַנעטע קוסטעס בעת דער ווינט טרייסלט זייערע פאַרדאַרטע שטענגלעך. שוין איינמאָל זין! יינגלוויז אין די חדרים האָבן זיי געלערנט גאַנץ בישקשהדיק. אויך בחורוויז און גלייך נאָך דער חתונה; ווען די בנים זענען ערשט אַריין אין די געשעפטן, האָבן זיי נאָך יעדן פרימאָרגן אָנגעפּאַסט די תפילין, שבת געגאַנגען צום דאַווענען. נאָר וואָס מער זיי האָבן מצליח געווען אין די געשעפטן, אַלץ מער האָבן זיי פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דעם עול פון מצוות.

אויך די שניר האָבן די ערשטע צייט נאָך דער חתונה אָנגעטאָן אַ קאָפּטיכל פון אָפּשיי פאַרן שווער, דעם באַלעבאָס פון שטוב און קלייט. אָבער זינט די פרנסות זענען ביסלעכווייז אַריבער אין גאַנצן צו די קינדער, און זיי אַליין האָבן שוין אויך דערוואַקסענע קינדער, ווילן די פעט־געוואָרענע שניר איינע די אַנדערע איבערשטייגן אין שיינע דירות און די מאַנסבילן לויפן זיי נאָך ווי לאָשיקלעך. זיי פירן דאָך די ווייבער אפילו אין די צירקן, ווו חיות גייען אויף צוויי פיס ווי מענטשן, און מענטשן גייען אויף אַלע פיר, שפרינגען און קוליען זיך, ווי די חיות. אַן עולם הפקר.“ (ז״ז 9־10).

אין אַ באַשטימטן זינען איז גראַדעס „זיידעס און אייניקלעך“ אַ ליד אין פּראָזע, אַן עלעגיע אויף דער שקיעה פון יידישן טראַדיציאָנעלן שטייגער אין ווילנע, ירושלים דליטע, פאַרן אומקום פון איר גאַנצער עדה.

* * * * *

די צווייטע נאָוועלע: „לייבע לייזערס הויף“, האָט עטלעכע צענטראַלע געשטאַלטן, און איטלעך געשטאַלט רעפּרעזענטירט אַן אַנדער מעמד און אַן אַנדערע מענטשלעכע כאַראַקטעריסטיק. אָבער דעם אויבנאָן צווישן אַלע געשטאַלטן פון הויף און זיינע איינוווינערס פאַרנעמען ר' יואל ווינטרויב, דער קליין־שטעטלדיקער רב, וואָס איז אַוועק פון זיין קהילה און פון זיין רבנות, ווייל ער האָט ניט קיין כוח אַרויסצוגעבן קיין פּסק־דין, וואָס זאָל עמיצן וויי־טאָן, און דער למדן־שלאָסער, ר' חזקיה, מיט זיין באַזונדערן גורל.

אין דער אמתן איז פאַראַנען אַ גורל־פאַרבינדונג צווישן די באַזונדערע יחידים אין לייבע־לייזערס הויף — אַ פאַרבינדונג וואָס איז אָפט מאָל אַנטפּלעקט און טייל מאָל פאַרבאָרגן.

גראַדע שילדערט בפרטות איטלעכנס באַזונדערע פּראָבלעמען, צרות און ראַנגלענישן. ער גיט יעדן כאַראַקטער, טיפּ און העלד זיין אייגענע אינדיווידועלקייט, פּונקט ווי זיין אייגן יחידיש ל ע ב ן איז באַגלייט דורך באַזונדערע איבערלעבענישן.

* * * * *

די עצם־טעמע פון דער דריטער נאָוועלע, „די שבועה“, איז ניט קיין נייע; דאָס ראַנגלען זיך פון די לעבעדיקע ביים דורכפירן אַ צוזאָג, וואָס מ׳האָט געגעבן אַ שוין־פאַרשטאָרבענעם בעת ער איז געלעגן אויפן גסיסה־בעט. דער זון פון אַ תבואה־סוחר מוז איבערן צוזאָג צום טאַטן אויפגעבן דאָס לערנען אַגראָנאָמיע און לערנען ש״ס ופוסקים ביי אַ רב אַ גרוש; די טאָכטער דאַרף חתונה האָבן מיט אַ לערנער, לויטן פאָטערס אָנזאָג, נאָר די בת־יחידה ווערט גאָר דאָס ווייב פון אַ קאָמוניסט. — זיי האָבן געמוזט אַנטלויפן קיין פּאַריז; דער זון האָט חתונה מיט זיינס אַ געשוועסטערקינד, וואָס ער האָט זי אויסגעקליבן בעת ער האָט געוווינט ביים פעטער, דעם לאַנדווירט, און די מוטער, דעם תבואה־סוחרס אַלמנה, האָט חתונה מיטן געגטן רב, וואָס האָט פריער אויסגעביטן רבנות אויף אַ שפּייז־קרעמל כדי זיך ניט מפרנס צו זיין פון דער תורה.

יעדן טיפּ אין דער דאָזיקער נאָוועלע גיט גראַדע ניט בלויז אַן אייגענע און אייגנאַרטיקע כאַראַקטעריסטיק, נאָר אויך מעשים, וואָס פּאַסן זיך צו זייערע באַזונדערע אייגנשאַפטן — אַלץ געמאָלן און אַלץ רעזשיסירט דורך אַ קינסטלערישער האַנט און מיט טיפער פּסיכאָלאָגישער פאַרשטענדעניש.

* * * * *

אין דער העלדן־גאַלעריע פון די מייסטער־בעלעטריסטן אין דער יידישער ליטעראַטור קען מען אפשר געפינען טיפן און כאַראַקטערן, וואָס מ׳וואָלט זיי געקענט באַטראַכטן ווי נאָענטע אָדער וויטע קרובים פון גראַדעס דערציילערישע פיגורן — אָבער די העלדינע פון דער פערטער, לעצטער און לענגסטער נאָוועלע אין בוך — „די רביצן“ — וועט מסתמא בלייבן אויף תמיד איינציק־אַרטיק אין דער יידישער פּראָזע פון אַלע שטאַנדפּונקטן. זי איז אַ קליין־שטעטלדיקע רביצן, אַ מאַמע פון שוין חתונה־געהאַטע צוויי זין און אַ טאָכטער.

זינט אירע מיידלשע יאָרן טראָגט זי אין האַרץ אַ ביטערן פּאַרדרוס אויפן ערשטן חתן, וואָס האָט איר צוריקגעשיקט די תנאים, און מיט דער צייט איז ער געוואָרן אַ רב אין אַ גרעסערער שטאָט, אַ וועלט־באַרימטער גדול בישראל. די רביצן פּערעלע מאַנעווירט אַזוי לאַנג ביז דער מאַן גיט אויף דעם כסא הרבנות אין קליינעם שטעטל און זיי ציען זיך אַריבער אין דער גרעסערער שטאָט, מיטן תירוץ, אַז זי וויל זיין לעבן די קינדער און אייניקלעך, וואָס וווינען דאָרט; אָבער אין דער אמתן, ווייל דאָרט זיצט אויפן רבנות־שטול דער גאון, וואָס איז געווען איר ערשטער חתן. דורך איר קנאה און אירע מאַנעוורעס צעפלאַקערן זיך מחלוקתן אין דער קהילה. ס׳דערגייט אַזוי ווייט, אַז דער אָרטיקער רב קלייבט אויס צו זיין גיכער אַ ראש־ישיבה, און זיין חלום צו זיין אַ תושב אין ירושלים ווערט צעשטערט איבער זיין ווייבס קעגנערשאַפט און ווייל אַ האַרץ־קראַנקהייט דערנענטערט זיין פּטירה. קיינער פאַרשטייט זיך ניט אַזוי גוט אויף דער רביצן פּערעלע ווי איר טאָכטער סערל:

> „פּערעלע האָט - - - געגעבן סערלען גערעכט. זי דאַרף גיין אַהיים צו די קינדער. זי וועט אונטערן רעגן ניט צעגיין, זי איז ניט פון צוקער.
>
> „ווי קען איך זיין פון צוקער, אַז איך בין דיין טאָכטער? אַ דאַנק גאָט, אַז איך בין ניט אַזאַ האַרטער ביטערער רעטעך ווי דו ביסט“, האָט סערל אַריינגעשריען דער מאַמען אין פּנים און איז אַרויסגעלאָפן פון שטוב.“ (ז׳ 363).

חיים גראַדע איז אַ לאַנג־אָטעמדיקער דערציילער און אַ בפרטותדיקער מאָלער־שילדערער. אמת, דער רביצן פּערעלעס מעשים זענען אפשר די אַקס פון דעם גאַנצן סוזשעט, אָבער גראַדע איז ניט מוותר אויף קיין שום איינצלהייט, וואָס איז שייך די פּנימער, אייגנשאַפטן און טואונגען פון די אַנדערע אָנטיילנעמערס און איטלעכנס באַזונדערע ראָלע אין דעם גאַנג פון די געשעענישן.

ווען מ'זאָל ביי אונדז אַרויסגעבן עטלעכע אַנטאָלאָגישע בענד פון מוסטער־ און מייסטער־נאָוועלעס אין דער היינטצייטיקער בעלעטריסטיק, וואָלט „די רביצן" געקענט זיין רעפּרעזענטאַטיוו פאַרן „נוסח גראַדע" אין אונדזער פּראָזע־שאַפן בכלל. גראַדעס פאַרגלייכן זענען ניט סתם קינסטלערישע באַפּוצונגען פאַר זיין אופן דערציילן, נאָר וועזנטלעכע טיילן פונעם דערציילטן, פונקט ווי ס'איז זיין שילדערן נאַטור־דערשיינונגען. דורך אַ צאָל שורות, למשל, וועגן וואַלד, שילדערט ער אַ משפחה, און דורך אַ משפחה־שילדערונג האָבן מיר פאַר זיך שאַרפער דעם אויסזען פון אַ וואַלד:

„די פאַרצווייגטע משפחה פון פאַרצייטיקן האָראָדנער 'חבר', דער בעל היסוד, האָט אויסגעזען ווי אַן אַלטער נאָדל־וואַלד. דורכן גאַנג פון דורות און געטראָפענע פון דונערס, ווערן דעמבעס איינגעבראָכן, סאָסנעס קרימען זיך אויס, שטיקער קאָרע וואַלגערן זיך לעבן אָפּגעשיילטע שטאַמען, וואָס זעען אויס ווי אַרומגעריסענע עלנטע מענטשן. אַנשטאָט גריבגראָז שפּרייט זיך אַ זילבערנער מאָך און באַגעגנט זיך מיט אויסגעקראָכענע טרוקענע וואָרצלען. אין דער זעלבער צייט רוישט שוין אויף די ראַנדן פון אורוואַלד דער יונגער נאָכוווקס, צוגעקומענע ניס־ביימלעך, אָלכעס און בעריאָזקעס. זיי פינקלען מיט אַ פרישער שוואַרצלעך־זילבערנער קאָרע און סודען זיך וועגן הונדערט־יאָריקע ביימער, די יחסנים אין פאַרבאָרגענער געדיכטעניש פון וועמען זיי שטאַמען אָפּ. נאָר צו יענער געדיכטעניש גופא קען די זון ניט צוקומען. דאָרט געוועלטיקט שטילקייט, אַן אומעט און פאַרטונקלעניש אויך אין זוניק־האַלבן טאָג. אַט אַזוי האָבן די זייטיקע אָפּצווייגן פון בעל־יסוד, ר' אַלכסנדר זיסקינד זיך ברייט צעוואַקסן, בעת די גלייכע שורה פון זיינע קינדער און קינדס־קינדער איז געוואָרן אַלץ איינגעשרומפּן. שרה רבקה איז שוין געווען אַ בת־יחידה ביי איר טאַטן, ר' יצחק אייזיקל, ווי ער איז געווען אַ בן־יחיד ביי זיין טאַטן, ר' שמואל סענדער. — — — (ז' 293).

אגב, וואַלד און ביימער געהערן בכלל צו חיים גראַדעס אַלוזיעס, צו זיינע דערציילערישע פאַרגלייכן און מאָלערייען.

* * * * *

שוין אין פריערדיקע פּראָזע־בענד האָט אונדז גראַדע אַריינגעפירט אין די ספירות־ספערעס פון ליטווישע רבנים און תלמידי חכמים, אין זייערע רעיונות, מחשבות און בענקענישן. אין דעם נייעם באַנד פון פיר נאָוועלן האָט ער אונדז אויך געגעבן אַ טיפן אַריינבליק אין דער וועלט פון רביצנס און דיינטעס — אין דער פּסיכיק פון ווייטער, וואָס כאָטש זייער וואַזשנעקייט דרינגט אַרויס פון דער חשיבות פון זייערע מאַנסלייט, זענען זיי אָבער גדלותדיק און הערשעריש, איטלעכע לויט איר אייגענעם געפיל צי יחוס, און ווערדליג איר אייגענעם כאַראַקטער, מיט אַן אייגענעם פאַרמעגן פון שאַרפע אַריינזאָגעכצער און ביטערע אָנצוהערענישן.

ווי אין זיינע פריערדיקע פּראָזע־ווערק, אַזוי האָט אויך חיים גראַדע פאַראייביקט אין באַנד פון די פיר נאָוועלן דעם רעד־נוסח, שפּראַך־ניגון און די לאָקאַליזמען פון ליטווישן יידיש בכלל און דאָס יידיש־רעדן פון רבנים, תלמידי חכמים און יודעי ספר.

דורכן באַנד „די קלויז און די גאַס" איז די רייכע חיים גראַדעס פּאָליצע און אַלמער פון דער יידישער פּראָזע נתעשר געוואָרן מיט אַ גאָר־וואָגיקן צוגאָב.

צום מזל־טוב וואָס מען דאַרף אָפּגעבן דעם מחבר, דאַרף מען אויך מוסיף זיין אַ יישר־כוחכם צו צירל וואַלעצקי פאַרן שער־בלאַט; צו דער אַמעריקאַנער אַקאַדעמיע פאַר יידישער פאָרשונג און צו דער ליטאַוער־פונדאַציע פאַר דערמעגלעכן אַרויסצוגעבן דאָס בוך, און צום פאַרלאַג פון די שולזינגער ברידער פאַרן שיינעם דרוק, פּאַפּיר און איינבונד. יעדער יידיש־לייענער וועט פון גראַדעס נייעם באַנד האָבן גרויסן עסטעטישן גענוס און באַצירן זיין אייגענע ביבליאָטעק מיט אַ שיינע זאַמלונג פון 4 פּראַקטיקע נאָוועלעס.

**לילי בערגער / פּאַריז**

# אַ באַגעגעניש אין מעטראָ

**(דערציילונג)**

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער קעגנאיבערדיקער באַנק. איך האָב דערפילט ווי זיינע אויגן האָבן זיך אָנגעהאנגען אין מיר. זיינע בליקן האָבן געשטאָכן, דאָ האָבן זיי געבלאנקעט איבער מיר, דאָ ווידער אומבאַוועגלעך זיך איינגעביסן. כ'האָב איינגעגראָבן טיפער דעם קאָפּ אין בוך.

אין דער צייט איז דער מעטראָ כמעט ליידיק. מיר זענען געווען די איינציקע אויף די צוויי קעגנאיבערדיקע בענק. פון דער צווייטער זייט איז געזעסן אַן אַלטע קלאָשאַרן־פרוי מיט אַ צעאַקערט, צעקניטשט פּנים. די ווייסע האָר צעפלאַשעט, ווי זיי וואָלטן זיך געקריגט צווישן זיך, געשפּרונגען איינע די אַנדערע צו די אויגן. ביים סוף פון וואַגאָן איז געשטאַנען אַ יונג פּאָרל אַרומגעאַרעמט, צוגעוואַקסן איינער צום אַנדערן.

כ'האָב אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון בוך און זיך אָנגעשטויסן אין זיינעם אַ שאַרפן קוק. כ'האָב דערזען פּאַר זיך אַ פּאָר ברענענדיקע אויגן, וואָס זענען געלאָפן אין די אויגן־לעכער, ווי זיי וואָלטן געוואָלט פון דאָרט אַרויסשפּרינגען. דאָס אויסגעצויגענע, נערוועזע פּנים איז באַגאָסן געווען מיט יענעם וויבּרירנדיקן אומרו פון מענטשן, וואָס האָבן נישט ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן. צווישן די צעשפּרייטע ליפּן האָט זיך איינגעשניטן אַ פאַרחידושטער אומהיימלעכער שמייכל. כ'האָב אָפּגעקערט דעם קאָפּ. זיינע אויגן האָבן מיך באַגלייט, זיי האָבן זיך נישט געוואָלט אָפּרייסן פון מיר, געזוכט מיר צו קוקן גלייך אין פּנים. זיין קוק איז געוואָרן אינטענסיווער, שטעכיקער. כ'האָב מער געפילט ווי געזען, אַז זיין שמייכל האָט זיך צעשפּרייט, צעגאָסן זיך איבערן פּנים. אַזאַ שמייכל וואַרפט אָן אַ מורא.

כ'האָב זיך אַרומגעקוקט אין וואַגאָן צו פאַרזיכערן זיך, אַז איך בין נישט אַליין. כ'האָב אויף אַ ווילע צוריק איינגענורעט די אויגן אין בוך, נישט צו לייענען, נאָר נישט אויסגעשטעלט צו זיין אויף די שפּיזן פון זיינע בליקן. אָט־אָט האָב איך געזאָלט זיך אויפהייבן און איבערזעצן זיך אויף אַן אַנדער באַנק. דער וועג איז אַ לאַנגער. איך דאַרף דורכשניידן כמעט גאַנץ פּאַריז. פּלוצלונג האָט אין מיינע אויערן אָנגעקלאַפּט אַ צעפּלאַמטע שטימע. דער פּלאַם פון די ווערטער איז איינגעלאָשן געווען דורכן מעטראָ־גערויש. די פאַרטויבטע קלאַנגען זיינען דערגאַנגען צו מיר ווי אַ סקריפּנדיקער אָפּקלאַנג בעת אַ צוזאַמענשטויס פון פאַרראָסטן אייזנוואַרג:

— איך קען אייך. איך געדענק נישט אייער נאָמען, נאָר אייך געדענק איך.

דאָס יידישע לשון האָט אָפּגערוקט די שרעק. ווער און וואָס ער זאָל נישט זיין, אָבער אַ ייד, אַ יידישער גזלן ..

— כ'האָב אייך באַלד דערקענט, פון אָנהייב נישט געווען אין גאַנצן זיכער, איר האָט זיך אַ ביסל געענדערט, נאָר אַז איך האָב זיך גוט איינגעקוקט האָב איך אייך דערקענט.

— פון וואַנען? אַדרבא, דערמאָנט איר זיך!

— איך דערמאָן מיר נישט.

— פון וואַרשע! פון אַנדערע ערטער אויך. באַלד, באַלד וועל איך אייך זאָגן ווי איר הייסט.

ס'איז קענטיק געווען, אַז דער מוח אַרבעט, וויל עפּעס אַרויסציען פון זכרון. ער האָט האַסטיק צוגעלייגט די האַנט צום שטערן, ווי ער וואָלט געוואָלט מיט געוואַלד פון דאָרט עפּעס אַרויסציען.

— אַ צרה, איך פאַרגעס נעמען. ס'ליגט מיר אויפן צונג און קאָן נישט אַרויסזאָגן. וואָרטס, וואַרטס, שוין, איך דערמאָן מיך, איר זענט דאָך.. איר הייסט... נישט אמת?

— און ווער זענט איר? ווי הייסט איר?

— ווער איך בין? ווי איך הייס? אַלץ איינס, ס'איז נישט אינטערעסאַנט. מיין נאָמען האָט נישט קיין באַדייטונג. ביי די דייטשן האָב איך אין גאַנצן נישט געהאַט קיין נאָמען, נאָר אַ נומער. איר זעט, אַ נומער.

ער האָט פאַרשאַרט דעם אַרבל פון דער מאַרינאַרקע (רעקל) און געוויזן אַ שורה ציפערן, איינגעקריצט אין דער הויט.

— איצט גלייבט איר שוין? אַ נומער געהאַט, נישט קיין נאָמען. כ׳האָב שוין געהאַט פאַרגעסן מיין נאָמען.

— איר האָט דאָך צוריק אייער נאָמען.

— וואָס קומט אַרויס פון דעם? מיט אַ נאָמען, אָן אַ נאָמען, אַלץ־איינס. די וועלט דאַרף נישט מיך, נישט מיין נאָמען, נישטאָ פאַר מיר אין ערגעץ קיין אָרט. אַן איבעריקער מענטש. זינט איך בין אַרויס פון אוישוויץ. דאָרט בין איך געווען צווישן נומערן, היינט דריי איך זיך אַרום אויף דער וועלט צווישן אַנדערע נומערן. די ביוראָען, די קאַבינעטן פון די מענטשן האָבן נומערן. מען זאָגט אייך נישט גיי צו דעם, צו יענעם מענטש, נאָר צו דעם און יענעם נומער פון ביוראָ, פון פענצטערל. איר ווייסט צו וויפל נומערן איך בין שוין ווידער געגאַנגען? איך דערצייל אייך, ווייל איך קען אייך. איר האָט מיר געהאַט אַ ביסל איינגעשפּאָרט צו גיין צו נומערן.

— ווו איז דאָס געווען? ווען?

— איר געדענקט אין דער שרודבוראָ־וויאַנקע? איר האָט מיך דעמאָלט נישט געשיקט צו קיין נומערן, איר האָט געזאָגט: גייט צו דעם מענטש, טרעט אים נישט אָפּ, איר זענט אַליין אויך פאַר מיר געגאַנגען.

זיין פאַרעלטערט פּנים איז מיר געוואָרן קענטלעך. באַקאַנטע שטריכן האָבן אָנגעהויבן אַרויסקוקן פון דער פאַרוועלקטער הויט. דורכן געענדערטן, לייטישן הולך האָט זיך געצייכנט אַ באַקאַנטע, הויכע געשטאַלט מיט אַן איינגעבויגענער פּלייצע. איך האָב זיך איינגעקוקט אין אים און אין דמיון האָבן אָנגעהויבן אויפשווימען בילדער. וויפל יאָר איז דאָס שוין? פופצן? צוואַנציק? ס׳זעט אויס ווי יאָרהונדערטער וואָלטן פאַרביי. און דאָס אָרט איז אַזוי ווייט, ווייט, ערגעץ הינטער די הרי חושך.

ס׳איז געווען אין יידישן אָפּרו־הויז הינטער וואַרשע. אַ יונגער מענטש נאָך דעמאָלט געווען. ער איז געקומען פון דער פּראָווינץ, געוואָלט בלייבן אין דער הויפּט־שטאָט, צווישן אַ... אַ סך יידן. ער האָט געוואַנדערט פון איין שטאָט אין דער צווייטער, האָט אין ערגעץ זיך נישט געקאָנט געפינען קיין אָרט. מ׳האָט געזאָגט, אַז אין לאַגער האָט זיך צעבראָכן עפּעס אַ קלעפּקע ביי אים אין קאָפּ. ער האָט גערעדט אָן אַ שיער, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אָפּנעמען פאַר די לאַגער־יאָרן שווייגן. ער האָט אַרויסגעוואָרפן פון זיך רייד, ווי ער וואָלט אַרויסגעוואָרפן פון זיך די אַמאָליקע עינויים. די פריערדיקע וועלט איז פאַר אים איינגעזונקען צוזאַמען מיט אַלע זייניקע. ער האָט זיך אַרומגעדרייט אויף דער ערד ווי אין אַ תוהו ובוהו, געווען צעקריגט מיט אַלץ און אַלעמען. קיין שום זאַך איז אים נישט געפעלן. ער האָט געהאַט טענות צו די דאָקטוירים, וואָס ווילן אים פאַרסמען מיט די „פּראָשקעס" צו די נערוון, מיט איינשפּריצונגען.

צוויי זאַכן, האָט ער דעמאָלט געזאָגט, וואָלטן אים געקאָנט ראַטעווען: אַ צימער אין וואַרשע און אַ ווייב. אַ צימער ווי אַ צימער, נאָר אַ ווייב האָט ער געדאַרפט ס׳לעבן. אפשר ווייס איך צי ס׳איז פאַראַן ערגעץ אַ שדכן? ניין? די דייטשן האָבן פאַרברענט אַלע יידישע שדכנים. אַמאָל האָט ער קיין שדכן ניט געדאַרפט, ער האָט חתונה מיט דער שענסטער מיידל פון זיין שטאָט. ער ווייסט צומאָל נישט ווו איר געביין איז אַהינגעקומען. ער איז אַליינטשיק. ווי אַזוי לעבט מען איינער אַליין אויף דער וועלט?

קיין ווייב האָב איך אים דעמאָלט נישט געהאָלפן זיך איינצושאַפן, כ׳האָב אָבער מיט אויפמערקזאַם אויסגעהערט זיינע מעשיות. און ס׳איז געווען וואָס צו הערן. זיין אויג האָט דערזען יעדע אויסקרימעניש. אין אַ קראַנקן מוח קאָנען זיך דרייען געזונטע געדאַנקען, לעבנס־אמתן. די קאָנטראָל, די צענזור האָט נישט קיין שליטה איבער זיי. דאָס מויל זאָגט אַרויס דאָס, וואָס אַנדערע האָבן מורא אַרויסצוזאָגן. ער האָט פאַר קיינעמען און פאַר קיין שום זאַך נישט מורא געהאַט חוץ פאַר דער אַליינקייט, פאַר דער איינזאַמקייט. אַ בענקשאַפט האָט געצויגן דאָס האַרץ, די עלנטקייט האָט געגאָגט, נישט

געגעבן אים קיין מנוחה. וואָלט ער געהאַט משפּחה, פריינד, וואָלט מסתמא אָפּגעטראָטן דער אַנגסטיקער אומרו, וואָס האָט געפרעסן זיין האַרץ. מענטשלעכע וואַרעמקייט, אַ צערטלעך וואָרט וואָלטן מער געהיילט דעם קראַנקן קאָפּ ווי די מעדיצינישע רפואות.

ער האָט מיר איבערגעריסן דעם פאַרביילופנדיקן פילם פאַר די אויגן, פאַרטריבן די דערמאָנונגען.

— אַ צרה דאָ מיט דער מעטראָ. עס צעלעכערט דעם קאָפּ. מ'דאַרף זיך אויסרייסן דאָס האַרץ צו רעדן מיט אַ מענטשן אַ וואָרט. דאָס גאַנצע פּאַריז געפעלט מיר נישט. מ'האָט געמאַכט דערמיט אַ גאַנצן צימעס. אַ משוגעים הויז. אַ רויש, אַ טומל, אַ געפּילדער. מ'איז נישט זיכער מיטן לעבן. מ'קאָן דערהרגעט ווערן אַריבערגייענדיק אַ גאַס. מ'האָט מיר געזאָגט, אַז די אויטאָס דערהרגענען מער מענטשן אויף די וועגן ווי אַ מלחמה. צו־וואָס טויג אַזאַ לעבן?

— איר זענט שוין לאַנג אין פּאַריז? — האָב איך געפרעגט.

— פאַר מיר איז דאָס לאַנג, צו לאַנג, שוין עטלעכע חדשים ווי איך זיץ דאָ. כ'רייס אָפּ יעדן טאָג די שוועל ביים פּוילישן קאָנסולאַט; כ'האָב געמיינט אַז פון דאַנען וועט גרינגער זיין, אַזוי האָט מען מיר געזאָגט. גייט הערט וואָס מענטשן זאָגן אייך!

— ווו זענט איר ביז איצט געווען?

— ווו בין איך נישט געווען? אַרומגעוואַלגערט זיך איבער דער וועלט. ווען גאָמולקאַ ימח שמו האָט געמאַכט די שוואַרץ־חתונה, בין איך אַוועק קיין דענעמאַרק, פון דאָרט אַריינגעשמעקט קיין שוועדן. אַ משוגעת געווען צו אַנטלויפן. געלאָזט זיך אַריינגאַרן אין זאַק. כ'האָב מורא געהאַט פאַר אַ לאַגער. מ'האָט דען נישט גערעדט, אַז מ'וועט שיקן אין אַ לאַגער? נישט געוואָלט ווערן אויס מענטש און צוריק ווערן אַ נומער. בין איך געלאָפן ווי אַנדערע, געוואָרפן זיך אַהער, אַהין, אַז וואָרפן זאָל זיי אין קדחת. גאַמולקאַ האָט געדאַרפט פריער איינעמען אַ מיתה משונה, וואָלט איך נישט געדאַרפט זיך אַרומוואַלגערן. אַז מ'האָט קיינעמען נישט איז אומעטום שלעכט. אַ מענטש קאָן אַליין נישט לעבן. אדמען וואָלט אפילו אין גן־עדן געווען שלעכט צו לעבן אַליין. גאָט האָט דאָס איינגעזען. ווען נישט, נאָך וואָס דען וואָלט ער באַשאַפן חוהן? איר הערט וואָס איך זאָג אייך? אַ מענטש אַליין . . .

אַ שאַרפער סקריפּנדיקער גערויש פון מעטראָ־צוג האָט אים אויף אַ ווײַלע פאַרהאַקט דאָס לשון און אַרויסגערופן אַ ווײַטיקלעכע גרימאַסע אויפן פּנים. ער האָט מער אויסגעבויגן די פּלייצע, אויסגעצויגן דעם קאָפּ צו מיר און אָנגעהויבן צו רעדן העכער:

— נישט גוט, נישט גוט צו זיין אַליין. אומעטום דאָס זעלבע. כ'האָב געמיינט ערגעץ־אַנדערש זענען מענטשן אַנדערש. זיי זענען נאָר אַ ביסל אַנדערש אָנגעטאָן, עסן אַנדערש, רעדן מיט אַן אַנדער לשון, מער גאָרנישט. היטלער האָט אין ערגעץ גאָרנישט אָנגעלערנט.

— דערפאַר זענט איר אַוועקגעפאָרן פון דענעמאַרק?

— ווער זאָגט דען אַז דערפאַר? איך זאָג דען עפּעס שלעכטס אויף דענעמאַרק? אויף שוועדן? איך בין דאָרט סיווי נישט געווען מער ווי צו עטלעכע וואָכן. איך רעד איצט וועגן דער וועלט און נישט וועגן דענעמאַרק. זי איז אַ קורבה די וועלט. זי האַנדלט מיט מענטשן, מיט לענדער. ס'וואָלט זיך ערגעץ געפונען אַ היטלער, וואָלט ער געקאָנט אָפּטאָן דאָס זעלבע ווי אַמאָל. די וועלט וואָלט אים געזאָגט: נאַ, פרעס דיך אָן מיט עטלעכע לענדער, מיטן ביסל יידן און לאָז אונדז צו רו. אין דייטשלאַנד האָב איך געלייענט יעדן טאָג די צייטונגען, כ'האָב געזען וואָס ס'טוט זיך.

כ'האָב אָנגעהויבן אַריינוואַרפן עטלעכע ווערטער, שטעלן פראַגן. ער האָט תיכף ומיד אויפגעכאַפּט אין וואָס מיר גייט און אַריינגעפאָרן מיר אין די רייד:

— פון וואַנען כ'האָב זיך גענומען קיין דייטשלאַנד? געפאָרן אַהין אָפּנעמען אַ חוב, אַ גרויסן חוב. אָפּגעווען דאָרט אַ צוויי־דריי יאָר. זיי האָבן מיר געדאַרפט באַצאָלן פאַרן לאַגער, פאַר אַלץ. איך בין פון גאַליציע, בין איך. ס'הייסט ביי זיי,

אַז איך בין פון דייטשער קולטור, איך רעד גוט דייטש, כ׳האָב שטודירט דייטשע ליטעראַטור, בין איך פון דייטשער קולטור. איר הערט, דייטשע קולטור. כ׳האָב זיי אין דר׳ערד מיט זייער קולטור. נאָר מ׳דאַרף זיי שענקען? זיי האָבן נאָך קיין הונדערט חלק נישט אָפּגעגעבן. די בעבעכעס דאַרף מען אַרויסציען פון זיי. איך בין געפאָרן נישט נאָר נאָך געלט. איך האָב זיי געוואָלט דערמאָנען. זיי האָבן שוין פאַרגעסן. די וועלט האָט אויך פאַרגעסן. אַלע האָבן פאַרגעסן. איך האָב געוואָלט זיי דערמאָנען, בין איך אַוועק מאָנען געלט.

נאָר צו וואָס טויג מיר דאָס געלט, אַז מ׳לאָזט מיך נישט אַריין צוריק קיין פּוילן. צוליב דעם געקומען קיין פּאַריז. מ׳האָט מיר געזאָגט, אַז פון דאַנען איז לייכטער. גיי איך יעדן טאָג אין קאָנסולאַט, איך רעד און רעד, לייג זיי אַוועק פאַר די אויגן באַשטעטיקונגען פון דאָקטוירים, אַז פאַר מיר איז צום בעסטן דאָרט, ווו איך האָב עמיצן און אַ רואיקע שטוב. ס׳איז ווי גערעדט צו דער וואַנט. ס׳איז נאָך נישט דורך קיין צען יאָר. צען יאָר דאַרף מען וואַרטן צו קאָנען צוריקפאָרן. איר פאַרשטייט? צען יאָר. זיי זאָגן דאָס איך העפלעך. אַז איך טרעט נישט אָפּ, שיקט מען מיך פון איין נומער צום אַנדערן. די פרוי דאָרט לייגט איין וועלטן. זי האָט מיר געשיקט אַן איינלאַדונג כ׳זאָל קומען דערוויל אויף דריי חדשים. אַ פרוי אַ ברילּיאַנט, נישט קיין יידישע, נישט קיין יונגע שוין, אָבער אַ גאָלדן האַרץ. זי האָט אויך אַרויסבאַקומען אַ באַשטעטיקונג פון אַ דאָקטער, אַז איך פאַרטראָג נישט קיין גערויש. ביי איר איז שטיל אַ מחיה. גיי איך מיט די פּאַפּירן פון איין ביוראָ צום אַנדערן, פון איין נומער צום אַנדערן. און זיי—מ׳דאַרף דורכגיין צען יאָר צו קאָנען צוריקפאָרן. אין צען יאָר קאָן זיך די וועלט צען מאָל איבערדרייען, זאָג איך זיי. ס׳העלפט ווי אַ טויטן באַנקעס. פאַרוואָס איך בין אַוועקגעפאָרן? פרעגן זיי. זיי האָבן שוין פאַרגעסן פאַרוואָס. אַלע קרענקען זיי אויפן זיכרון: די דייטשן, די פּאָליאַקן — אַלע פאַרגעסן. איך האָב אַ גוטן זיכרון, איך פאַרגעס נישט. כ׳זאָג זיי, כ׳האָב נישט געקאָנט אויסהאַלטן די שוואַרץ־חתונה, איצט וויל איך צוריקפאָרן. איך בענק צו מיין שטוב, צו דער פרוי, זי האָט מיך צוגעהיט; אַרום דער שטוב אַ גאָרטן; זומער נאָענט צום וואַלד; ווינטער אַ בלישטשענדיקער שניי. איך זאָג זיי, איך גיי אויס פון בענקשאַפט, כ׳בין אַליין, זי איז דאָרט אויך אַליין, זי לייגט איין וועלטן איך זאָל צוריקקומען; איך זאָג אייך, אַ פרוי אַ ברילּיאַנט, נישט קיין יונגע שוין, אַ גאָלדן האַרץ, איר הערט, כ׳האָב געפונען אַ . . .

דער מעטראָ האָט זיך געהאַט אָפּגעשטעלט. כ׳האָב דערזען מיין סטאַציע, ווו כ׳האָב געדאַרפט אויסשטייגן. כ׳האָב זיך אויפגעריסן און נישט דערהערט דעם סוף פון זיינע רייד. נאָר פאַרשטאַנען האָב איך, אַז ער האָט פאַרט אַ ווייב געפונען און... צוריק זי פאַרלוירן.

לכל בית ישראל ומדינת ישראל — ולחברינו בחברת „מורשה“ ו„המשך“ בפרט — ברכות נאמנות לשנת תשל״ה ולשנים הבאות אחריה.

זאב סאליס ורעיתו רבקה

## זלמן שלאָסער

# צווייגן געריסן פון שטורעמס

„צווישן שטורעמס" פון לילי בערגער, פאַרלאַג „פריינדשאַפט" בוענאָס איירעס־פּאַריז, 1974.

ס'איז כדאי צו באַקענען זיך מיט די ליטעראַטור שאַפונגען פון דער יידישער שרייבערין לילי בערגער. זי שרייבט דערציילונגען, קריטישע עסייען און אַרטיקלען וועגן קונסט און ליטעראַטור אירע שאַפונגען דרוקן זיך אין „די צוקונפט", טיילמאָל אין „חשבון" און אויך אין אַנדערע זשורנאַלן. איצט וווינט זי אין פראַנקרייך. פריער האָט זי געוווינט אין פּוילן, וווּ זי האָט איבערגעלעבט די מלחמה און די היטלער־יאָרן און אויסגעהאַלטן מיט ווירדע און העלדישקייט די פּראָבע פון פייער. נאָך דעם זיך באַטייליקט אין דעם פאַרמעסט צוריק אויפצושטעלן כאָטש אַ סימן פון יידיש לעבן אין דעם חרובן פּוילן. ווען ס'איז מיר אַ סך שווערער מי און מאַטערניש קלאָר געוואָרן, אַז דאָס בויען איז אויף זאַמד און יידישע קברים, איז זי פונקט ווי די אַנדערע יידן פון דעם „פרייען סאָציאַליסטישן" לאַנד קוים אַנטלאָפן אַ לעבעדיקע.

אין אירע דערציילונגען שילדערט זי דאָס דאָרטיקע יידישע לעבן פון אָט דער טראַגישער צייט. אַ שטילער צאַרטער טאָן, אַן אײַדעלער מאַניער, אַ געפיל פאַר אָרדענונג און קלאָרער און שאַרפע חושים צו זען און הערן לאָזן זיך לייכט דערקענען אין אירע שאַפונגען. זי דערציילט ניט פּאַסיוו, פון אַ זייט, נאָר אַקטיוו און דירעקט. אירע פאַרביקע שילדערונגען זיינען ניט קיין לאַנגע און ווייטע דיגרעסיעס פון דער עצם מעשה, וואָס זי וויל דערציילן. און ווען זי דערפילט אַז די דערציילונג ווערט איבערגעלאָדן מיט רייד און דיאַלאָג, שטעלט זי זיך אָפּ אויף אַ רגע און ווייזט אָן אויף אַ לאַנדשאַפט, וואָס שיינט אויף פאַר די אויגן:

„די זון האָט זיך דורכגעריסן דורך די וואָלקנס און באַשטראַלט די שיינע וואַלדיקע געגנט. דער ווינט האָט צעריסן דאָס גרויע שפּינוועבס איבערן הימל און שטיקער בלויקייט האָבן אַראָפּגעקוקט צו דער יונגער ערד. עס האָט זיך געפילט דער אָנקומענדיקער פרילינג. דער זאַפט פון די ביימער הייבט אָן צו צירקולירן שוין סוף פעברואַר. שענקט די זון אַ ביסל וואַרעמקייט, וואַרפן די נאָדל־ביימער גיך אַראָפּ פון זיך דעם ווינטערדיקן לבוש, הייבן אָן אַרויסצושיקן ווינטערדיקע ריחות."

אַזאַ קורצע פּראַקטיקע דיגרעסיע פאַרלייכטערט דאָס געמיט און די אָנגעשטרענגטע שטימונג, און מ'כאַפּט דעם אָטעם, מען דערפרישט זיך און דער אינטערעס צו לייענען ווייטער ווערט באַנייט. פונקט אַזוי איינפאַך און מיט טאַלאַנט מאָלט לילי בערגער מענטשן אין פאַרשיידענע מאָמענטן און סיטואַציעס. די מענטשן ווערן אונדז נאָענט און ליב דורך זייערע מ ע ש י ם, דורך זייער מענטשלעכקייט. זי כאַפּט אויף און באַנעמט זייער כאַראַקטער אפילו דורך קליינע צופעליקייטן וואָס זי באַמערקט און ברענגט דאָס נאָך דעם אַרויס בולטער און קלאָרער אין דעם פּאַסיקן מאָמענט. איך קורצער אַריינפיר, למשל, פון עטלעכע שורות צו דער טראַגישער שרייבער־אסיפה אין וואַרשע וועגן דעם מאָרד פון די בעסטע סאָוועטיש־יידישע שרייבערס איז זייער כאַרקטעריסטיש.

„אַרום צוזאַמענגעשטעלטע טישן, וואָס ציען זיך אין דער לענג פון זאַל, זיינען אויסגעזעצט אַ דריי צענדליק מענטשן; אייניקע מיט אומעטיקע פּנימער און פאַרביסענע ליפּן, אַנדערע מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, ווי זיי וואָלטן זיך געשעמט מ'זאָל זיי קוקן אין די אויגן. נאָך אַנדערע זיצן מיט אָנגעשטעלטע אויערן, זיי וואַרטן מיט נייגיר. ביי אַלע פילט זיך צעטומלטקייט, אויפגעבראַכטקייט. די לופט איז אָנגעלאָדן, אָנגעגליט

ווי פאַר אַ שטורעם. ס'קאָן באַלד אָנהייבן דונערן און בליצן.“

איר שאַרף אויג און לייכטע האַנט צו מאָלן מענטשן דערהייבן אירע סקיצן און דערציילונגען צו אַ קינסטלערישער הויך. איר ניי בוך „צווישן שטורעמס“ איז פון גרויס פאַרנעם. עס איז אַ נאָוועלע וועגן דעם יידישן לעבן אין פוילן נאָך דער מלחמה. ס'איז פאַרשטייט זיך נישט קיין געשיכטע אין פאָרמעלן זין. נאָר יעדער נאָוועליסט איז אין דער אמתן אַ שרייבער פון געשיכטע. וואָרעם בעת דער היסטאָריקער גיט אונדז דאָס אויסערלעכע בילד פון דער צייט, גיט דער נאָוועליסט דאָס אינערלעכע פנים, דאָס געשטאַלט פון דער צייט, די חלומות און אילוזיעס, די געפילן און באַגערן פון מענטשן טיף־טיף אין זייערע נשמות. דער פאַרמעסט צוריק אויפצושטעלן דאָס פאַרשניטענע יידישע לעבן האָט זיך, ווי באַקאַנט, אָנגעהויבן מיט גרויס געפילדער און אויפגעבלאָזענע האָפענונגען. עס האָט זיך אָבער גיך פאַרענדיקט גאָר טראַגיש — שוין ביים סאַמע אָנהייב האָבן די פאָליאַקן באַנייט די אַלטע פאָגראָמען, און לסוף האָט מען אפילו די געטרייסטע, אין קאַמף־אויסגעפרוּווטע יידישע קאָמוניסטן אַרויסגעטריבן פון לאַנד ווי פאַרשטעלטע „ציוניסטן־פאַשיסטן“. אין „צווישן שטורעמס“ שילדערט לילי בערגער אויף אַ פשוטן, רעאַליסטישן אופן דאָס אינערלעכע געשטאַלט פון אָט דער באַנייונג.

אין צענטער פון דער שילדערונג שטייט אַ יונגע פרוי, אַנעט, וואָס האָט זיך געראַטעוועט אין די באַהעלטענישן פון די וועלדער און וואָס סימבאָליזירט דעם יידישן ווידערשטאַנד. די נאָוועלע הייבט זיך אָן עטלעכע יאָר נאָך דער מלחמה, ווען אָנשטאָט אַרויסצורייסן זיך פון דעם פאַרבלוטיקטן פוילן, ווי דאָס האַרץ האָט איר געזאָגט, פאָרט אַנעט גאָר איצט קיין וואַרשע דאָרט אָנצוהייבן אויפסניי איר לעבן שוין דעם וויפלסטן מאָל, און דאָס איז דער אָנהייב:

„דער צוג איז אָנגעקומען אויפן וואָקזאַל מיט אַ גרילצנדיקער סאָפעניש. אַנעט האָט געקוקט דורכן פענצטער פון וואַגאָן. דער צופאַלנדיקער אָוונט איז געווען אַ שוואַרצער, אַ נאַסער. אין דער פינצטערניש האָבן געצאַפלט אָרמעטיק־רויטלעכע ליכטער. ס'האָט זיך איר געדוכט, אַז דאָס קאַרגע עלעקטרישע ליכט ווערט זיך קעגן דער פינצטערניש, זי זאָל עס נישט איינשלינגען. זי האָט דערפילט אַ פייכטע קעלט אין די ביינער. דער פאַרטריבענער אומרו קומט צוריק; ווי וועט עס איצט זיין? וועט זי דאָ קענען אָנהייבן אויפסניי?“

דער שטילער טאָן און די איינגעהאַלטענע שילדערונג אין אַ פראָסטיקן בין־השמשות פאַרכאַפן דער נייגיר און האַלטן אָן די שפאַנונג ביים לייענער. „פון דער פייכטער קעלט אין די ביינער“ דערפילט מען, אַז אַנעטס גורל צו פאַרבלייבן „צווישן שטורעמס“ איז ווייט איבער אירע שוין אָפגעשוואַכטע פאַרלאָרענע כוחות נאָך פונעם ערשטן שטורעם. אַן איבערגעברענט האַלעוועשקע פון דעם שוידערלעכן חורבן — ווי וועט זי זיך קאָנען פאַרמעסטן מיט די נייע שטורעמס וואָס דערוואַרטן איר? דער פאַרטריבענער אומרו פלאָגט אויפסניי: „וועט זי דאָ קאָנען אָנהייבן אויפסניי?“

דאָס בוך אָטעמט מיט נייעם לעבן וואָס שטעלט זיך איין. די אויפגעבלאָזענע פראָפאַגאַנדע פונעם ווידעראויפבוי האָט געוועקט האָפענונג און גלויבן. פון די לאַגערן און וועלדער, פון די באַהעלטענישן און פאַרטרייבונג האָבן טייל געראַטעוועטע יידן זיך געריסן צוריק צו זייערע פאַרברענטע היימען. אפשר, ווער ווייסט, אפשר קאָן נאָך די וועלט בעסער ווערן?

אַנעט, די העלדין פון ראָמאַן, קריכט אַרויס פון די באַהעלטענישן גלייך נאָך היטלערס מפלה און נעמט זיך קודם אויפצוזוכן איר פיצל קינד, וואָס זי האָט געבאָרן מיט איבער צוויי יאָר צוריק און עס דאַן באַהאַלטן אויף דער „אַרישער זייט“ ביי אירער אַ געוועזענער לערערין פון פראַנצויזיש. דאָס קינד, ווען זי געפינט עס, איז אויסגעדאַרט, נערוועז, טראַכיטיש־קרענקלעך. ווו וועט זי מיט דעם איצט גיין? לובלין איז די ערשטע באַפרייטע שטאָט. אַהין שטראָמען יידן פון די לאַגערן און באַהעלטענישן. פאַרוואָר־

לאָגטע יידישע קינדער, וואָס וואַלגערן זיך אויף די וועלדער, פאַרלייזיקטע פאַראָבקעס ביי פוילישע פויערים אין די שטאַלן מיט חזירים און בהמות — אַלע ציען זיי קיין לובלין. אַזוי פיל צעפייניקטע יידישע גופים און נשמות, און אַלע דאַרפן הילף! אַנעט ווערט אַריינגעצויגן אין דער הילפסאַרבעט פאַר די פאַרוואָרלאָזטע יידישע קינדער. לובלין ווערט אָבער שנעל אַן אומזיכערער פלאַץ פאַר יידן. מען וואַרפט שטיינער אויף יידישע קינדער אין דעם „באַפרייטן" לובלין! מען מוז אַריבערפירן דאָס יתומים־הויז אין אַ מער זיכער אָרט, ערגעץ אין אַ נידערשלעזישן שטעטל. אַהער קומען איצט די נייע אויפגעזוכטע קינדער. אַנעט איז פאַרטאָן אין דער נייער רעטונגס־אַרבעט פאַר קינדער. זי אַרבעט איבער די כוחות. דאָס האַרץ זאָגט איר, אַז אויך דאָ איז מען נישט זיכער מיטן לעבן. זי אַליין וואָלט אויך געוואָלט אַנטלויפן. נאָר צוליב די פאַרוואָרלאָזטע קינדער, צוליב איר אייגן פאַריתומט און קראַנק קינד, איז זי נישט אַוועקגעפאָרן.

אויף אַ ווייל האָבן די שלעזישע שטעטלעך באַקומען אַ יידיש פנים. עס רוישט און קאָכט זיך מיט אַ ניי לעבן. יידישע קאָאָפעראַטיוון, לאַנדווירטשאַפטן, קלובן, שולן; מען בויט יידישע אינסטיטוציעס, מען שפילט יידיש טעאַטער, און דאָס אַנטלויפן האָט זיך אָפגעשטעלט. יידן אָרדענען זיך איין, מען פאַרמעסט זיך אויף גרויסע זאַכן. אַנעט שטוינט, דאָס האַרץ קוועלט: אַן אויסגעקוילעט, פאַרברענט פאָלק איז אויפגעשטאַנען תחית המתים! „האָט זי דען נישט קיין חלק אין דעם? ס'איז דען נישט ווייל איר קאָמוניסטישער אידעאַל ווערט דאָ אין פוילן פאַרווירקלעכט?" פאַרוואָס וויל זי אַנטלויפן פון דאַנען? וואָס שרעקט זי? זי ווייסט אַז דאָס וואָס אירע אויגן האָבן צוגעזען גייט איר נאָך ווי אַ געשפענסט. פאַרוואָס קאָן זי זיך נישט באַפרייען פון אָט די געשפענסטער? אָט וויל זי אַנטלויפן און אָט לייגט זי זיך איבער, אַז זי וועט בעסער וואַרטן.

דערווייל האָט זיך אָפגעזוכט איר געוועזענער מאַן און חבר, וועלכער איז פאַרשוווּנדן געוואָרן בעתן שפאַנישן בירגערקריג. זיי זיינען ביידע דאַן געווען אַקטיווע קאָמוניסטן אין פאַריז — ער פון אַן אַסימילירטער משפחה אין וואַרשע און זי פון אַ משפחה קאָצקער חסידים אין וואַרשע, אַ יונג מיידל, וואָס האָט זיך געוואָרעמט ביי די פייערן פון די ציש"א שולן, איז געווען ליידנשאַפטלעך פאַרליבט אין יידישער ליטעראַטור, געשיכטע און קולטור. און ביידע צוזאַמען האָבן טיף געגלייבט, אַז נאָר אין מאָסקווע שיינט די זון און אַז נאָר פון דאָרט וועט קומען די גאולה פאַר אַלע מענטשן.

פאָרט אַנעט איצט מיט איר פינף יעריק יינגל קיין וואַרשע זיך צו טרעפן מיט מאַרעקן, איר אַמאָליקן מאַן און חבר. די באַגעגעניש איז זייער אַ צאַרטע. צוועלף יאָר נישט געהערט איינער פון אַנדערן. אַזוי פיל צו דערציילן און אַזוי פיל צו פרעגן. זי שטייט פאַר אים מיט אַ פינף יעריק יינגל, וואָס האַלט זיך ביי איר קלייד. ער שטייט פאַר איר מיט אַ צעפייניקט פנים, פאַרעלטערט, און אַ צען יעריק יינגל ביי דער זייט. צוויי מענטשן וואָס האָבן פאַרן מבול זיך שטאַרק געליבט שטייען איצט ווידער אַרומגעאָרעמט, צוגעדריקט איינער צום צווייטן, מיט אַ שטאַרקער פרייד אין די הערצער נאָר מיט ווייניק ווערטער און אַ סך פאַרשטענדעניש. ער, מאַרעק, אַ מענטש מיט אַ סך בילדונג, אַ כעמישער אינזשענער, אַן אַלט־גלייביקער קאָמוניסט, וואָס איז זינט דער שפאַנישן בירגערקריג געווען פאַרשיקט פון סטאַלינען אין די סיבירער שקלאַפן־לאַגערן פאַר אַן אומזיסטן חשד, פונקט ווי צענדליקער טויזנטער אַנדערע גלייביקע קאָמוניסטן. — ער איז נישט לאַנג צוריק „רעהאַביליטירט" געוואָרן און איז „גליקלעך" דאָ אין וואַרשע צו קענען ווידער „בויען" דעם סאָציאַליזם.

ער איז אין גאַנצן אַסימילירט, אינטעגרירט און איז נאַטירלעך גלייכגילטיק צו אַלץ וואָס גיט זין און אינהאַלט צו אַנעטס לעבן, צו יידיש לשון און יידישע קולטור. דאָך איז דאָ עפעס, וואָס בינדט זיי צוזאַמען. זאָל דאָס זיין די יונגע סטודענטן־יאָרן אין וואַרשע און נאָך דעם פאַריז, ווען ביידע זיינען געווען פאַרכאַפט און

אַקטיוו באַטייליקט אין דער „באַפרייאונג" פון אַרבעטער קלאַס? מסתמא יאָ. נאָר איצט זיינען ביידע סיי ווי סיי גליקלעך צו זיין צוזאַמען נאָך אַזוי פיל יאָרן פון בענקשאַפט. נאָר די צוויי יינגלעך שטייען איצט פאַרלאָרענע, אָפגעזונדערט, פרעמד, אָן אַ געמיינשאַפטלעך לשון. אַנעטס אייגן יינגל, קלאָד, אַ נאָמען נאָך זייערס אַ געמיינשאַפטלעכן חבר פון אַמאָל איז פאַריז, רעדט יידיש, קאָן אַ ביסל פראַנצויזיש און פאַרשטייט פויליש. „זיין" יינגל, יורי, אַ נאָמען אויך נאָך זייערן אַ געמיינשאַפטלעכן חבר פון אַמאָל, רעדט נאָר רוסיש און ווייסט נישט פון קיין יידיש וואָרט. און אָט די פיר וועלן איצט דאַרפן בויען אַ משפחה — זי, די מאַמע פון איין קינד און ער — גאָר נישט קיין לייבלעכער טאַטע פון די צוויי. נאָר די וואַרעמקייט און שפעטער די ליבשאַפט, וואָס שטעלט זיך איין צווישן די פיר זיינען גובר אַלע שטערונגען און די זעלטן שיינע משפחה־דיקייט האַלט אָן ביז יעדער איינער פאַרלאָזט דאָס „באַפרייטע" פוילן.

פון דעם אופן ווי לילי בערגער שילדערט אָט די אייגנאַרטיקע משפחה און בפרט אַנעטן, שיינט אַרויס אַזוי פיל זאָרג און צוגעבונדקייט צום יידישן שורש, אַזוי פיל מי און שטאַרקער ווילן, אַז די משפחה זאָל דאָך בלייבן אַ יידישע טראָץ אַלע נעגאַטיווע כוחות. אַנעט בלייבט דער שענסטער קינסטלערישער סימבאָל פונעם נייעם יידישן אינטעלעקטואַל, וואָס פוילן האָט צווישן ביידע וועלט־מלחמות אַרויסגעגעבן, דער אינטעלעקטואַל וואָס קעמפט פאַר זיין יידיש נאַציאָנאַלער רעכט, וואָס קאָן זיך מקריב זיין פאַר זיין יידישער קולטור, פאַר זיין יידיש לשון און פאַר זיינע פאָליטישע איבערצייגונגען.

עס איז אַ זעלטענע פרייד צו פילן אָט דעם גייסט אויף די בלעטער פון בוך, דעם גייסט פון די קדושים מאיר באַלאַבאַן און עמנואל רינגלבלום. אמת, אָט דעם גייסט סימבאָליזירט נאָר אַנעט אין דירעקטן קאָנטראַסט אפילו צו איר מאַן און קינדער. דערפאַר טאַקע איז איר סימבאָלישקייט אין דעם פרט נאָך בולטער, נאָך שטאַרקער. מיט איר קינסטלערישן חוש פאַרשטייט לילי בערגער די שווערע סיטו־אַציעס אין וועלכע איר פראָטאַגאָניסטין, אַנעט, ווערט אַריינגעצויגן אין איר נייער ראָלע אין וואַרשע סיי ווי אַ געטרייע ווייב און סיי ווי אַן איבערגעגעבענע מוטער צו ביידע קינדער, ביידע יתומים, און זי קאָנצענטרירט איר טאַלאַנט מער אויף שילדערונג ווי אויף פאָלעמיק. געוויס קומען פאָר אָפטע צוזאַמענשטויסן בנוגע אָט דעם יידישן גייסט — אַ משפחה פון פיר און רעדן דאַרף מען אויף פיר שפראַכן און שפעטער דורכקומען מיט פיר באַזונדערע מיינונגען! דער קאַמף איז אָבער איבער אירע כוחות. אַלץ גייט קעגן אַנעטן: די היים, די סביבה, די לאַנדפאָליטיק, אפילו אירע יידישע פריינד. און דאָך איז איר ווירקונג דורך איר פערזענלעכקייט, דורך איר שטאַרקן גייסט, דורך איר וויסן און אַרבעט, אָנגעזען און אנערקענט. זי איז, לויט דער שילדערונג, פעסט אין כאַראַקטער, אַנטשלאָסן, שטאַנדהאַפטיק און קלאָר אין איר ציל צו פרעזערווירן אַלץ וואָס איז יידיש.

מיט אַלע אברים איז זי פאַרבונדן מיטן יידישן שורש. איר קלאָרער, ווייטער בליק, אַז מיטן בייטן יידישע נעמען אויף פויליש, ווי די מאָדע איז געוואָרן, און זיך אינטעגרירן אין דער אַנטיסעמיטישער סביבה, וועט מען נישט העלפן בויען דעם סאָציאַליזם, נאָר גיכער צוגרייטן דעם וועג צו שמד; און איר שטאַרקער געפיל נאָך פון אָנהייב, אַז זי מוז פון אָט דעם לאַנד אַנטלויפן, האָט מיט דער צייט נאָך מער באַליבט געמאַכט אַנעטן ביי איר משפחה און פריינד.

פון דעסטוועגן דאַכט מיר, אַז עס פעלט דאָ אין דער קינסטלערישער שילדערונג אַ טיפערער אַריינבליק אין דער טאָג־טעגלעכער השפעה פון יידיש לשון און גייסט אויף אָט דער קאָמוניסטישער יידיש־אָפגעפרעמדטער משפחה. לערנט אַנעט זיי אויס רעדן יידיש? ווייסן זיי וועגן אַנעטס שטודיעס, וואָס מען טאָר ניט דרוקן ניט אין יידיש און אַוודאי ניט אין פויליש? און וואָס טראַכטן זיי וועגן דעם? מיר קאָנען זיך בלויז אָנשטויסן אויף די ענטפערס. געוויס, דרויסנדיקע פאַקטאָרן, ווי צום ביישפיל, אַרויסגעוואָרפן צו ווערן פון די אַרבעט־פאָסטנס,

קריגן פיזישע קלעפּ און נאָך דעם אַריינגעוואָרפן צו ווערן אין תפיסה, ווי עס איז געשען סיי מיטן מאַן און סיי מיט ביידע קינדער, ווירקן אויך אויף אָנגענומענע מיינונגען. און סוף כל סוף האָבן די גויישע דיקטאַטאָרישע רעזשימען אויך אַ חלק אין דער פאָרמירונג פון יידישער געשיכטע און גורל.

אַזאַ משפחה ווי אַנעטס איז אין נייעם פוילן געוויס נישט געווען קיין אויסנאַם. דאָס גאַנצע יידישע לעבן דאָרט איז געווען פול מיט דרויסנדיקע און אינערלעכע קאָנפליקטן און אַנטוישונגען. פסיכאָלאָגישע פאַרטיפונג וואָלט דאָ אפשר געקאָנט שטאַרקער באַשטראַלן די גאַנצע שילדערונג. ס'איז אָבער אַ רעאַליסטישער ראָמאַן און לילי בערגער מיידט בכיוון אויס אויסגעטראַכטע סיטואַציעס און צוגעטראַכטע שילדערונגען. אָנשטאָט פסיכאָלאָגיע גיט זי אונדז פרעכטיקע שילדערונגען פון אַנעטס אינערלעכן דראַנג צו קעמפן פאַר אירע קאָמוניסטישע איבערצייגונגען, וואָרים זי איז דאָך אַן איבערצייגטע קאָמוניסטקע אין היסטאָרישן זין. איר דראַנג צו בישטערן און זוכן אין די אַרכיוון, צו געפינען לעבעדיקע עדות פון דעם טראַגישן חורבן און צו שרייבן און פאַרעפנטלעכן אירע שטודיעס. זי זוכט צווישן די קברים און מצבות אויף די טיילווייז איבערגעבליבענע יידישע בית־עולמס, וואָס ווערן ביסלעכווייז באַרויבט און געשענדט. זי פאָטאָגראַפירט, פאַרנאָטירט וואָס עס איז פאַרבליבן פון אַמאָליקן רוישיקן לעבן. זי האָט אויסגעשפרייט פאַר זיך אַ לאַנגע רשימה און אָט איז זי ביי איין בית־עולם:

„יעדע פאַרוויסטעניש האָט איר באַזונדערן, אייגענעם פנים. דאָ זיינען די קברים נאַקעטע. דער בית־עולם איז נאָך נישט אָפגעווישט, די בערגלעך ערד נאָך נישט אויסגעגלייכט, די קאָנטורן פון די קברים זענען דייטלעכע. די האַנט פון צעשטערונג און לעסטערונג האָט זיך אַראָפגעלאָזט אויף די מצבות. ס'זענען פאַרבליבן בלויז צייכנס נאָך זיי. דאָ און דאָרט קוקט אַרויס פון גראָז אַן איבערבלייבעניש פון אַן אויסגעריסענער מצבה. דאָ און דאָרט וואַלגערן זיך שטיקער און שטיקלעך קאַלכשטיין, שפליטערן פון מאַרמאָר, סימנים פון אַ שחיטה איבער מצבות. ווער האָט דאָס געמאַכט? קיינער ווייסט נישט צו דערציילן. דער געשענדעטער בית־עולם דערציילט אָבער אַליין. די איינציק פאַרבליבענע, פאַרווונדעטע מצבה שטייט ווי אַ האַרבער עדות. פון אירע ווונדן טריפט נאָך בלוט. זי זעט אויס ווי אין ווייטיק־קראַמפן. זי וואָרנט: מ'וועט זי אויך אומברענגען... אַנעט האָט זיך אָנגעבויגן, צוזאַמענגענומען עטלעכע שטיקלעך קאַלכשטיין מיט איינצלנע, צעדראַפעטע יידישע אותיות און אַריינגעלייגט אין בייטל. אפשר וועט מען דאָס ערגעץ קאָנען לאָזן לזכרון אַ שטעטל יידן.”

מעגלעך, אַז דאָס איבערשטייגט פסיכאָלאָגישע פאַרטיפונג. דאָס בילד רעדט פאַר זיך אַליין. קיין פאַרטיידיקונג איז דאָ נישט נייטיק.

אַנעטס נאַטירלעכער פאַרלאַנג צו פאַרעפנטלעכן דעם אמת פון דעם וואָס זי האָט געזען, דעם אמת פון העלדישן יידישן ווידערשטאַנד, וועגן די פוילישע שמאַלצאָווניקעס, ברענגט איר אין קאָנפליקט מיט דער אָפיציעלער קאָמוניסטישער שעדלעכער פאָליטיק צו מינימיזירן דעם יידישן אָנטייל און צו איגנאָרירן די פוילישע רישעות און קאָלאַבאָראַציע מיט די דייטשן קעגן די יידישע קעמפערס. מען דערלויבט איר נישט צו דרוקן נישט אין יידיש און אַוודאי נישט אין פויליש. זי מיידט אויס אַרעסט און תפיסה און גייט ווייטער אָן מיט איר אַרבעט צו פאָרשן און צו באַשרייבן די יידישע איינגעוואָרצלטקייט אויף דער פוילישער ערד.

די אימהדיקע רעאַליסטישע שילדערונגען פון עטלעכע היסטאָרישע מאָמענטן, ווי דער אָפרוף אויפן בילבול מיט די „יידישע ווייסע כאַלאַטן”, די טרויער־פאַרזאַמלונגען און די טרויער־מאַניפעסטאַציע אין וואַרשע נאָך סטאַלינס טויט; די אסיפה פון יידישע שרייבערס און קינסטלערס וועגן מאָרד פון די סאָוועטיש־יידישע שרייבערס; די אַנטיסעמיטישע

חיים גראַדע / ניו־יאָרק

# אונדזער בעל־יובל ר׳ זאב סאַלעס

ר׳ זאב סאַלעס, וואָס איז איצט געוואָרן אַ בן־שמונים, איז אַ מוסטער־ייד פון אַ דור ייִדן, וואָס תורה און השכלה איז ביי זיי געגאַנגען צוזאַמען. ווען מען פאַרברענגט מיט אונדזער בעל־יובל אין דברי תורה און שיחת חולין; ווען מען קוקט זיך צו פון דער נאָענט צו זיין איידלקייט און תמימות; ווען מען געפינט זיך אין זיין מחיצה און מען זעט ווי ער שטראַלט אַרויס פון זיך עניוות און קלוגע הנהגה — שטייט אויף פאַר אונדז דער אַמאָליקער צאַרטער טיפּ פון אַ משכיל, ביי וועמען די תורה און די וועלט האָבן געלעבט בשלום. אַזאַ איינער האָט זיך ניט געפירט לויט דעם משורר יל״גס ווערטל: זיי אַ ייד אין דיין געצעלט און אַ מענטש אין וועלט! ר׳ זאב סאַלעס געהערט צו יענעם סאָרט אויפגעקלערטע ייִדן, וואָס האָבן זיך ניט געטיילט אין צוויי געשטאַלטן: אַן אַנדערער אין שטוב און אַן אַנדערער אין גאַס. זיי זיינען געווען מענטשן אויך אין שטוב און ייִדן אויך אין גאַס.

וואָס פאַר אַ פאַרקריפּלטע און פאַלשע פאָרשטעלונג מיר האָבן זיך עס געמאַכט פון משכיל. אונטער דער השפעה פון דער פּאָלעמישער ליטעראַטור און דורך די שילדערונגען פון שרייבער, וואָס האָבן געקענט אויבנאויפיק, אָדער בלויז פון דרויסן סיי דעם רב און סיי דעם משכיל, סיי דעם חסיד און סיי דעם מתנגד. דעריבער איז דער תלמיד־חכם געשילדערט געוואָרן אָדער דורכאויס נעגאַטיוו, אָדער דורכאויס פּאָזיטיוו, אָדער דעקאָראַטיוו, אָדער אידעאַליסטיש, נאָר זייער זעלטן רעאַליסטיש. דער משכיל ווידער — נאָך אַ קורצער תקופה ווען מען האָט אים אי־

---

וואַקכאַנאַליע נאָך ישראלס זעקס־טאָגיקן קריג מיט די אַראַבער; די פּאָגראָמען אויף ייִדישע סטודענטן און נאָך דעם די אַרעסטן — דאָס זיינען איינדרוקספולע, רעאַליסטישע שילדערונגען, וואָס דעקן אויף טיפע ייִדישע געפילן און האָפענונגען, וואָס דער סטאַליניזם און די קאָמוניסטישע אויסראָטונגס־פּאָליטיק קעגן די ייִדן האָבן ניט געקאָנט אויסוואָרצלען ניט אין פּוילן און ניט אין ראַטן־פאַרבאַנד. די „פאַרשטעלטע" ציוניסטן, בונדיסטן, ייִדישיסטן — „אַגענטן" פון אימפּעריאַליזם און פאַשיזם — שיינען אַרויס מיט זייער ווייטיק און הילפלאָזיקייט.

אַנעט, די שטאָלצע אידעאַליסטישע קעמפערין, זיגט. ענדלעך רייסט זי זיך אַרויס פונעם יאָמערטאָל, ווי לכתחילה געהאָפט — מיטן מאַן און די איצט שוין דערוואַקסענע ייִנגלעך. די זייער אייגנאַרטיקע, „צונויפגעשטוקעוועטע" משפּחה פון פיר — איצט שוין פינף — עס קומט צו אַ גויאישע שנור — לאָזט זיך אין וועג אַריין. צוליב לעגאַלע סיבות, ניט אַלע צוזאַמען — די קינדער באַזונדער, פריער, און די עלטערן נאָך דעם. וווהין? קיין ישראל? די באַן פירט זיי בלויז ביז ווין. ערגעץ ווו וועלן זיי אָנקומען צו זייער לעצטער סטאַנציע, צום לעצטן האַפן, וועט דער פאַרטריבענער אומרו פון אַמאָל צוריקקומען מיט דער שרעקנדיקער פראַגע: „וועט זי דאָ קאָנען ווידער אָנהייבן אויפסניי?" אָדער אפשר טראָגן זיי אַלע אין זיך די זוימען פון אַנעטס ייִדישן המשך און דער נייער אָנהייב וועט זיין אַ טרייסט און ניט קיין דערדריקנדיקער עול?

„דער צוג האָט גערירט, ריטמיש פאַרשנעלערט דעם גאַנג. אַנעט און מאַרעק זענען געגאַנגען צו זייערע ערטער מיט וואַקלדיקע טריט, ווי שיכורע. זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף זייערע ערטער, צוגעטוליעט צו זיך, ווי צוויי פאַרלוירענע קינדער. ס׳האָט זיך זיי געדאַכט, אַז דער צוג לויפט מיט אַן אויסטערלישער גיכקייט, פירט זיי אין אַן אומבאַקאַנטער וועלט, ערגעץ העט־ווייט, ווייט."

פאַרכאַפּנד! כ׳האָב עס געלייענט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. אַ נייע וועלט האָט זיך פאַר מיר געעפנט. איז אויך די וועלט שוין מער נישטאָ? די צוויגן ווערן געריסן פון שטורעמס, נאָר זיי בליען פאָרט, ווי אויף צו להכעיס אַלע שונאים.

דעאַליזירט — איז געוואָרן דער צילברעט פון חוזק, דער בליץ־אַפּלייטער פון צאָרן. די מאָדערנע־וועלטלעכע און רעוואָלוצי־אָנערע בעלי־תשובה האָבן פון משכיל אַפּגעלאַכט פון זיינע, מ׳שטיינס געזאָגט, „רעפאָרמען": מען זאָל לערנען ביי יידן מלאכה, זיך בילדן, אָנטאָן אַ קירצערע קאַפּאָטע און לערנען תנ"ך מיט מענדעלסאָנס ביאור. די פרומע און פאַרפרומטע האָבן אויפן משכיל אויסגעגאָסן דעם גאַנצן שפוך המתך און אים באַשולדיקט, אַז ער האָט דערפירט צו אַסימילאַציע, אַזש צום שמד.

מיט איבער אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק, ווען איך בין געקומען קיין אַמעריקע, האָט אויך אין דער היגער יידיש־ליטעראַרישער וועלט געהערשט אַ שטימונג פון האַס קעגן דער השכלה. די קולטור־טוער און פובליציסטן — אַמאָל אַליין הייסע קעמפער פאַר פּראָגרעס און עולם־הזה אין יידישן לעבן — האָבן ניט געוואָלט וויסן און געדענקען, אַז ווען ניט די תקופה פון השכלה, וואָלט ניט געקומען צו די נייע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַוועגונגען ביי יידן, וואָלט ניט געווען קיין אויפשוואַנג פון אַ העברעישער און יידישער ליטעראַטור. אָט די קריטיקער פון דער השכלה האָבן ניט געוווסט, אָדער ניט געוואָלט וויסן, אַז אויסער די משכילים, וואָס האָבן געקעמפט פאַר רעפאָרמען אין דער טראַדיציאָנעלער יידישקייט, איז ביי אונדז אויך געווען דער געבענטשטער טיפ פון אַ שיינעם ייד אַ משכיל, וואָס האָט געהאַלטן אי פון תורה אי פון בילדונג.

אָט די פרידלעכע משכילים, וואָס האָבן געהאַלטן „התורה והפילוסופיה אחת היא!" די פאַרליבטע סיי אין תנ"ך און סיי אין חז"ל, אין מדרשים און אין דיקדוק, אין מוסר־ספר און אין דער העברעישער מליצה, אין היסטאָריע און פילאָסאָפיע — זיי האָבן געהאַט וויכטיקע געלערנטע און אַ סך נאָכגייער אין דייטשלאַנד, אין גאַליציע און וואָלין, אין פוילן און ליטע. איך האָב אין מיין היים־שטאָט ווילנע געקענט אַזעלכע. מיין טאַטע ע"ה איז געווען איינער פון זיי. נאָך יאָרן פון מלחמה און נע־ונד בין איך געקומען קיין אַמעריקע און דאָ באַגעגנט אַזאַ מלומד — ר׳ זאב סאַלעס.

דעמאָלט, מיט איבער אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק, ווען איך בין געקומען קיין אַמעריקע און געבענקט עד כלות הנפש נאָך מיין חרובער היים אויף יענער זייט ים, האָב איך זיך ניט פאַרגעשטעלט, אַז ס׳וועט נאָך קומען אַ צייט און איך וועל בענקען נאָך דער אַמעריקע וואָס איך האָב דאָ געטראָפן און אָפט מאָל קריטיקירט. אין אַ סך שטעט זיינען נאָך דעמאָלט געווען גרעסערע יידישע קולטור־צענטערן און קינדער־שולן. ס׳זיינען נאָך אַרויס דריי טעגלעכע יידישע צייטונגען, אויסער די קאָמוניסטישע. די גאַנצע אומגעגנט פון איסט־סייד איז נאָך געווען אַ דורכויס יידישע. גרויסע און קלענערע געשעפטן פון מוכרי ספרים—אויף טריט און שריט.

ס׳האָבן נאָך געלעבט גרויסע יידישע שרייבערס, וואָס פלעגן קומען אין די רעדאַקציעס אויף איסט־בראָדוויי און זיי זיינען דאָרט געזעסן אין די קליינע רעסטאָראַנען אַרומגערינגלט פון נאָכגייערס און פאַרערערס. איך האָב מיטגעלעבט מיט אָט דער שרייבערישער סביבה, נאָר אין דער זעלבער צייט האָב איך געזוכט אַן אַכסניא פון תורה און השכלה. איך האָב זיך ווייניק־וואָס גערעכנט מיט די „ליטעראַרישע בעלי־תשובה", וואָס זידלען די השכלה אין זייערע אַרטיקלען, אָדער ביי די קאָפּע־טישלעך. איך האָב ניט צוריקגערופן אין מאמרים צו אַלטער היימישער יידישקייט, נאָר געזוכט אויף אַן אמת אַ ווינקל וווּ איך זאָל געפינען די אַטמאָספער פון מיין ליטווישער ווילנער היים— און האָב עס געפונען אין ביכער־געשעפט פונעם גאַליציאַנער ר׳ זאב סאַלעס.

דאָרט האָב איך זיך דערפילט ווי איך וואָלט צוריק אַריין אין ווילנער שטראַשון ביבליאָטעק, ווו אויף די ווענט זיינען געהאַנגען פאָרטרעטן פון ראַבינערס און סופרים ביי וועמען די חכמת התורה און השכלה האָבן געהויזט בשלום: דער מחבר פון „קריה נאמנה"—אַ באַרימטער ספר וועגן אַלטן ירושלים דליטא — ר׳ שמואל יוסף פין, אין אַ יאַרמלקע און שפּאַקולן, מיט אַ קורצער האָרטער באָרד צעקעמט אויף צוויי העלפטן; דער מחבר פון די הגהות אויף ש"ס, דער רש"ש—ר׳ שמואל שטראַשון, מיט אַ מיטעלער באָרד, און

זיין זון, ר׳ מתתיהו שטראַשון, מיט אַ לאַנגער צעפּלאָשעטער באָרד און אַ פולער ברוסט רוסישע מעדאַלן, נאָר מיט אַזאַ אויסטערלישן באַגייסטערטן פּנים פון אַ מתתיהו כוהן גדול, דער חשמונאי. אין ספרים־געשעפט פון ר׳ זאב סאָלעס אויף דער ניו־יאָרקער איסט־סייד האָט ניט אויסגעזען פּונקט אַזוי. אָבער אַ ביסל פון דער אַטמאָספער אין אַ שטראַשון־ביבליאָטעק איז דאָרט געווען.

ר׳ זאב, אַ קלוגער סוחר, אַ גרויסער ספּעציאַליסט אין זיין פאַך, האָט נאָך געהאַנדלט מיט ספרים אין דייטשלאַנד. אויסער דעם, האָבן גרויסע ביבליאָטעקן און יחידים אויסגענוצט זיין קענטעניש ביים אָפּשאַצן און איינקויפן ספרים־אוצרות. ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין אַרויסגעבן וויכטיקע ספרים, אַ שטייגער, עטלעכע ספרים פון דעם „בעל־האוצרות״ — אייזנשטיין. אָבער דער מקח־וממכר אין סאָלעסעס בוך־געשעפט איז געווען אַ צוגאָב צום עיקר — זיך טרעפן דאָרט מיט בני־תורה און העברעישע לערער, אָפּשטיין שעהן־לאַנג און שמועסן וועגן מחברים און זייערע חיבורים. דערביי האָט זיך כמעט תמיד געפונען ר׳ זאבס אשת־חיל, רבקה, וואָס האָט זיך מיט אַ צעשטראַלט פּנים צוגעהערט צו די דברי־תורה און אַ מאָל אויך אַריינגערעדט אין וויכוח. בעת איך האָב געקויפט ביי אים אַ ספר, האָב איך דערביי געהערט אַן אָפּשאַצונג וועגן תוכן און ווערט פון ספר. אָפט מאָל האָט ער זיך אויף מיר געבייזערט הלמאי איך בין אין מיין תאווה צו ספרים אַזוי ניט איבערקלייבעריש און קויף ביי אים אויך אַזעלכע ספרים, וואָס זיינען ניט אָריגינעל און געשריבן כאַפּ־לאַפּ. האָט שוין ווער געזען אַזאַ ערלעכקייט פון אַ מוכר־ספרים? שטענדיק ווען איך קוק אויף די חיבורים, וואָס איך האָב ביי אים איינגעהאַנדלט, דערמאָן איך זיך אויך זיינע באַמערקונגען וועגן זיי.

אָבער אויסער די ספרים האָט אונדז פאַרבונדן נאָך עפּעס, וואָס איז פאַר מיר געווען ניט ווייניקער וויכטיק: סאָלעס און זיין פרוי האָבן שטענדיק געלייענט מיינע דערציילונגען אין צייטונג, פריער אין „מאָרגן־זשורנאַל״, שפּעטער אין „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל״. ווען איך פלעג אַרייַנקומען אין ספרים־געשעפט, פלעג איך הערן זייער מיינונג וועגן מיין דערציילונג.

ר׳ זאב סאָלעס „זינדיקט״ נאָך עד היום שטילערהייט מיט שרייבן פון צייט צו צייט אַ שיר אין לשון־קודש און זעצט אויך איבער פון דייטש. האָט ער זיין אייגענעם צוגאַנג צו ליטעראַטור. איין מאָל מיט יאָרן צוריק האָט ער מיר עפּעס געזאָגט, וואָס האָט מיך אַזוי איבערראַשט, אַז איך געדענק עס נאָך ביז היינט. איך האָב זיך פאַר אים געקלאָגט, אַז איך בין געקומען אין דער יידישער ליטעראַטור שפּעט, זייער שפּעט, ביי נעילת שער. האָט ער מיר געענטפערט: „איר זייט דווקא געקומען אין צייט. ווען איר קומט מיט אייערע דערציילונגען וועגן תלמידי־חכמים און בית־מדרש־לעבן מיט יאָרן פריער, איז ווער וויסט צי די יידישע ליטעראַטור מיט איר דעמאָלטיקע פרייע טענדענצן וואָלט אייך אַריינגענומען און אנערקענט.״ ר׳ זאב סאָלעס האָט מיט זיין ענטפער אַריינגעטראָפן אין קאָרב. אין די דרייסיקער יאָרן אין פּוילן, ווען די יידישע ליטעראַטור האָט געבליט און געהאַט אַ גרויסע צאָל לייענער, איז געווען אין דער מאָדע די רעוואָלוציאָנערע טעמע, ניט קיין נאָוועלן וועגן ישיבות און רבנים.

אַט אַזוי האָט זיך מיין פריינדשאַפט מיט די סאָלעסעס געצויגן ווי לאַנג זיי האָבן געוווינט אין ניו־יאָרק. כאָטש איך בין ביי זיי אין דער היים קיין מאָל ניט געווען, איז זייער בוך־געשעפט געווען פאַר מיר אַ מקדש מעט פון חכמת היהדות. איז בעת מר סאָלעס האָט מיר דערציילט, אַז ער פאַרקויפט דאָס געשעפט און פאָרט אַריבער קיין לאָס אַנדזשעלעס צו זיינע קינדער, בין איך געבליבן שטיין שטאַרק צעטומלט וואָס אויך מיין שטראַשון־ביבליאָטעק אין ניו־יאָרק ווערט צוגעמאַכט... אָבער מיט אַ פאָר יאָר שפּעטער האָב איך ווידער געטראָפן מיין פריינד אין לאָס אַנדזשעלעס מיט אַן אייגן גרויס הויז און נאָך אין אַ געהויבענער בחינה.

אויך אין ניו־יאָרק האָט סאָלעס געלערנט מיט יידן תנ״ך אין זיין פרייער צייט. איך געדענק נאָך זיינע שאַרפע באַמערקונגען אין אונדזערע שמועסן וועגן

די ביבל־קריטיקער און וועגן די איבערזעצונגען פון תנ"ך. אין לאָס אַנדזשעלעס איז לערנען מיט יידן תורה לשמה געוואָרן זיין איינציקע „באַשעפטיקונג", אויסער אַ צווייטע אַרבעט, זיין אַן עסקן בצרכי ציבור. איטלעך מאָל ווען איך קום קיין לאָס אַנדזשעלעס גיי איך צו זיינעם אַ שיעור וועגן יידישער פילאָסאָפיע פון מיטלאַלטער, וואָס ער לערנט מיט אַ געקליבענעם קרייז פון צוהערערס. אויף אַזאַ אופן זיינען ער און זיינע נאָכגייערס שוין דורכגעגאַנגען תקופות אין פילאָסאָפיע פון ימי הבינים, אַזש פון ר' סעדיה גאון ביז צו ר' יוסף אַלבו.

מיט קאַרגע צוויי יאָר צוריק, בעת מיינעם אַ באַזוך אין לאָס אַנדזשעלעס, בין איך ווידער געווען אויף זיינעם אַ שיעור. אויסער וואָס איך האָב זיך צוגעהערט, האָב איך זיך אויך צוגעקוקט צו זיינע תלמידים—עלטערע און אַ ביסל יינגערע. מאַנסלייט און אויך פרויען. אַלע דערפאַרענע מענטשן, באַשאָנקען מיט קינדער און קינדס־קינדער, נאָר אין זייער דאָרשט צום קוואַל פון וויסן — יינגער פון זייערע קינדער און אויף אַזוי פיל קליגער. אַ טייל פון זיינע תלמידים, וועלטלעך־נאַציאָנאַלע יידן, זיינען דורך זיינע שיעורים אין יידישער פילאָסאָפיע, צוריקגעקומען און צוגעקומען אַ ביסל נעענטער צום קוואַל פון יידישקייט.

איך האָב זיך צוגעקוקט צום געלאַסענעם אופן ווי ער לערנט און פאַרטייטשט, און ווי אַזוי ער, דער לערער, קען אַ פערטל שעה שפּעטער זיך אַליין פאַרוואַנדלען אין אַ תלמיד, זיך צוהערן מיט אינטערעס און שפּאַנונג, בעת אַ צווייטער רעדט און מאַכט זיינע באַמערקונגען. אויף צוריקוועג פון שיעור האָב איך אים געזאָגט, אַז ר' יוסף אַלבו, דער מחבר פון ספר העיקרים, וואָס ער לערנט איצט, איז אפילו ניט קיין עכטער סכאָלאַסטיקער, וואָס פּרוּווט צו דערווייזן זיין טעאָסאָפיע אויף „על־פי שכל"; ר' יוסף אַלבו דרשנט בלויז פסוקים. ר' זאב סאַלעס האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן גאַס, מיך אָנגעקוקט אי אַ ביסל באַליידיקט אי דערשטוינט, און געענטפערט:

„און איר זייט זיכער אַז די בייע 'ריינע' פילאָסאָפיע ווייסט שוין דעם גאַנצן אמת? וואָס שייך מיר, האָב איך גאָר ניט קיין פּרעטענזיע צו פסקענען ווער פון די טעאָלאָגן איז גערעכט און צי זיי זיינען בכלל גערעכט. איך וויל בלויז מיינע צוהערער באַקאָנען מיטן געדאַנקען־גאַנג פון יהדות און יידישע גדולים, זיי זאָלן וויסן וואָס דער רמב"ם האָט געזאָגט און וואָס רבי יהודה הלוי האָט געזאָגט. אָבער איך ווייז קיינעם ניט אָן מיט אַ פינגער ביי וועמען דער אמת שטייט איין."

אָט דער פרידלעכער צוזאַמענלעבן פון תורה און השכלה, פון מסורה און חקירה, איז ביי ר' זאב סאַלעס אויך בנוגע לשון־קודש און ליטעראַטור אין יידיש, אויך בנוגע ארץ־ישראל, מדינת ישראל און די תפוצות. אים גייט אין לעבן, אַז מיר, אין חוץ לארץ, זאָלן זיך ניט פילן ווי אַ צוגאָב צו ארץ־ישראל, נאָר ווי גלייכע שותפים אין יהדות און אין יידישן פאָלק. איך האָב אים און זיין פרוי איין מאָל נאָר אומגעריכט געטראָפן אויף אַ מסיבה לכבוד מיר אין ארץ־ישראל אין חיפה. האָב איך אויסגענוצט די געלעגנהייט און אים פאָרגעשטעלט פאַר די מסובין.

„איר זעט, מורי ורבותי, אָט יענעם יידן וואָס זיצט דאָרט אין אַ ווינקעלע און שווייגט? ער שווייגט ניט ווי אַ גרויסהאַלטער מיט אַ ביטול־שמייכעלע, מען זאָל זען אַז ער האָט וואָס צו זאָגן, נאָר ער וויל ניט כלומרשט און וואַרט מען זאָל זיך ביי אים בעטן; אָט יענער ייד, וואָס הייסט ר' זאב סאַלעס און קען עברית בעסער פון אונדז אַלעמען, ער שווייגט אָן אַן אָנשטעל, ווייל ער רעדט נאָר וועגן זאַכן וואָס ער קען גרינטלעך, און בלויז דעמאָלט ווען מען פרעגט אים."

און נאָך אַנדערע זאַכן האָב איך געזאָגט אויף יענער מסיבה אין חיפה, און איך וואָלט נאָך געקענט דערציילן און דערציילן סיי פון אונדזער בעל־יובלס עניוות און סיי פון זיין זיכערקייט אין זיך ביים אָפּשאַצן גייסטיקע ווערטן, סיי וועגן זיין תמימות און סיי וועגן זיין קלוגער לעבנסדערפאַרונג. נאָר איך וויל מער ניט מאריך זיין און צונעמען נאָך אָרט אין זשורנאַל.

אברהם שולמאַן / ניו־יאָרק

# שמואל אַסטראַף — אַ טאַלאַנט אין סיגעיט

נישט אַלע לייענער פון „חשבון" ווייסן אפשר וואָס דער נאָמען „סיגעיט" באַטייט, אָבער די וואָס ווייסן, וועלן זיך נישט חידושן, וואָס עס איז דאָרט פאַראַן אַ טאַלאַנט. סיגעיט איז אַ געגנט אין ברוקלין, וואָס איז אַמאָל געווען אַן אמתדיקע דאַטשע — דאָס איז אַ האַלבאינדזל, וואָס ליגט אַרומגערינגלט אין דריי זייטן מיט וואַסער, ווו די געסלעך זיינען באַשטאַט מיט ביימער. די קליינע הייזקעס האָבן גערטנדלעך מיט ווראַנדעס — אַן אמתדיק אינדזל פון געמיטלעכקייט און פון רו.

מיט יאָרן צוריק איז סיגעיט געווען אַ טרעפפונקט פאַר יידישע שרייבערס און קינסטלערס. עס איז מסתמא נישט פאַראַן קיין איין באַרימטער פּראָזאַיקער, פּאָעט אָדער קריטיקער, וואָס זאָל נישט האָבן געקומען דאָרט אויף אַ פּאָר זומערדיקע טעג. סיגעיט איז געווען כמעט דאָס זעלבע וואָס טלאָמאַצקע דרייצן אין וואַרשע — אַ זאַמל־אָרט פאַר דער יידישער באָהעמיע.

אַזוי איז געווען אַמאָל. אָבער היינט איז אין גאַנצן אַנדערש. סיגעיט האָט אויפגעהערט צו זיין וואָס עס איז געווען. און דעריבער פאַרצייכן איך מיט פאַרגעניגן, אַז אין סיגעיט לעבט היינט אַ זייער אינטערעסאַנטער יידישער טאַלאַנט.

דער נאָמען זיינער איז שמואל אַסטראַף. ער איז געקומען קיין אַמעריקע נאָך אין יאָר 1921 און אין סיגעיט לעבט ער צוזאַמען מיט זיין פרוי גאַנצע 34 יאָר. דאָס הייסט, אַז אַריינגעצויגן האָט ער זיך דאָרט, ווען דאָס יידיש־קינסטלערישע סיגעיט האָט געהאַלטן אין מיטן בליען. היינט איז ער פאַרבליבן פון די עטלעכע איינציקע, וואָס האַלטן אַן די טראַדיציע פון יידישער קונסט. אָבער נישט פון פּאָעזיע און נישט פון פּראָזע און נישט פון טעאַטער. שמואל אַסטראַף איז אַ קינסטלער אין גאַנצן אויף אַן אַנדערן געביט.

עס איז שווער אין איין וואָרט צו זאָגן וואָס ער איז: אַ מאָלער, אַ סקולפּטאָר, אַ סעראַמיקער, אַ האָלץ־שניצער, אַ גאָלדשמיד, אַ קריצער, אַ מעטאַל־אַרבעטער, אַ פּלאַסטיקער... ווי איר זעט האָב איך דאָ אויסגערעכנט אַ שפּאָר ביסל נעמען, אָבער דאָס דעקט נישט אַלץ וואָס שמואל אַסטראַף איז. ווייל ער איז דאָס אַלץ און — נאָך מער.

ער איז קודם כל אַ מומחה צו שאַפן קונסטזאַכן פון אַלע אַן אונטערשייד מאַטעריאַלן. ער שאַפט פיגורן פון האָלץ, פון שטרוי, פון ליים, פון דראָט, פון ביין, פון פּאַפּיר, פון טאָוול, פון לייוונט, פון פלוש, פון... פעדערן, פון זאַמדפּאַפּיר, פון קופּער און אפילו פון ים־שיסעלעך, פון אַרבעס, פון קאַרשן־קערנער און פון — דאַך־שינדלען. דאָס אַלץ קלינגט אוממעגלעך? פאַנטאַסטיש? איז דער ענטפער, אַז שמואל אַסטראַף איז טאַקע אַזאַ פאַנטאַסטישער טאַלאַנט, וואָס קאָן בפירוש נעמען גלויבלעכן און אומגלויבלעכן מאַטעריאַל און דאָס פאַרוואַנדלען אין וואָס אייער האַרץ גלוסט: אין פיגורן פון פערד, פון פייגל, אין אוירינגלעך, אין בראָנזאַלעטן, אין רינגען, אין קרעלן, אין לעפל־גאָפּל, אין כלערליי צירונג און אין כלערליי סקולפּטורן.

---

יהי רצון, אַז ר' זאב סאַלעס זאָל נאָך לעבן לאַנגע יאָרן אין איינעם מיט זיין פרוי, די ליכטיקע און יידיש־האַרציקע רבקה, אַרומגערינגלט פון זיין זון, זיינע טעכטער, די איידעמס, איינער אַ רב, דער צווייטער אַ וויסנשאַפטלער, און אייניקלעך, וואָס גייען אין זיין וועג, אין קרייז פון זיינע תלמידים, פריינד און פאַרערער.

אויך זיך ווינטש איך נאָך צו האָבן די שמחת הנפש פון פאַרברענגען מיט אים אין זיין הויז, צו שמועסן מיט אים וועגן חכמת ישראל, עם ישראל, ארץ־ישראל, צו בלעטערן פיבערדיק זיינע ספרים און דערביי טראַכטן מיט קנאה, ווי איך טראַכט שטענדיק, אַז ר' זאב סאַלעס האָט דעם סימן מובהק פון אַן אמתן געלערנטן און באַשיידענעם ייד: ער האַלט בלויז אַזעלכע ספרים וואָס ער נוצט זיי.

אַ חוץ דעם איז ער אויך אַ מאָלער, וואָס מאָלט נישט בלויז מיט וואַסער־פאַרבן און מיט אויל־פאַרבן, ער שאַפט אויך בילדער וואָס זיינען „געמאַכט" פון סאַמעט, פון פּלוש, פון האָלץ און פון שטאָל.

און די הויפּט־טעמאַטיק? די הויפּט־טעמאַטיק איז אַ יידישע. דער עיקר — זיינען עס מאָטיוון פון שטעטל. אַסטראַף איז אַליין פון שטעטל זאַבלודאָוו. ליגט אים דאָס שטעטל איינגעבאַקן אין געמיט. דער עיקר — זיין אייגן שטעטל, זאַבלודאָוו, אָבער אויך אַנדערע יידישע שטעטלעך פון דער אַלטער היים — דאָס „שטעטליזם".

שמואל אַסטראָוו איז נישט וואָס מען זאָגט אויף יידיש — קיין „יינגעלע". ער איז שוין אַלט געוואָרן 74 יאָר (ביי יידן גיט מען צו: ביז הונדערט און צוואַנציק) אָבער אין דער קונסט זיינער איז ער ממש אומגלויבלעך יונג. פאַרוואָס אומגלויבלעך? ווייל ער איז פיל מיט כסדר־דיקע נייע איינפאַלן. ווייל ער זוכט כסדר פרישע טעמעס. און ווייל ער איז נייגעריק צו אַרבעטן מיט נייע מאַטעריאַלן. און וואָס איז אַזוינס יוגנט — אויב נישט כסדרדיקער נייגיר?

אויב איר וועט אַמאָל קומען פון לאָס אַנדזשעלעס קיין ניו־יאָרק (איך רעד דאָ, פאַרשטייט זיך, צו די איינוווינער פון קאַליפאָרניע), דאַרפט איר געדענקען, אַז צווישן די אַלע גרויסע מוזייען וואָס זיינען פאַראַן אין דער מעכטיקער ניו־יאָרקער מעטראָפּאָליע, איז אויך פאַראַן אַ קליינער און גאָר אינטערעסאַנטער מוזיי, אין סי־געיט, אויפן סאַמע שפּיץ פון ברוקלין. אין הויז פון שמואל אַסטראַף.

* * *

# פון דער רעדאַקציע:

צו דער פיינער אָפּשאַצונג פון פריינד אַברהם שולמאַן וועגן דעם אויפגעקומענעם אָריגינעלן יידישן קינסטלער, שמואל אַסטראַף, איז כדאי צוצוגעבן אַ באַמערקונג, אַז סיגעיט איז טאַקע אַמאָל געווען אַ קאָלאָניע פון יידישע שרייבערס און קינסטלערס בכלל, אָבער דאָס וואָס אַסטראַף וווינט דאָרט — און ניט ערגעץ־ווו אַנדערש — זינט עס האָט זיך אַנטפּלעקט זיין קינסטלערישער טאַלאַנט, האָט אים קיין טובה בשום אופן ניט געטאָן.

אַסטראַפס קונסט, וואָלטן מיר געזאָגט, הגם פּרימיטיוו אין איר פאָרם, איז אַזוי אייגנאַרטיק, אַז ווי עלעמענטאַר זי איז, אַזוי טיף איז זי אין איר קינסטלערישן אויסדרוק, אין איר פאַרנעם און אייגנאַרט.

ווען אַסטראַף וואָלט ניט געוווינט אין דער אָפּגעזונדערטקייט און איזאָלירטקייט פון סיגעיט — ווען ער וואָלט געוווינט אין אַ גרויסער שטאָט, וואָס וואָלט אים געגעבן די מעגלעכקייט פון צוטריט צו קונסט־אויסשטעלונגען און גאַלעריייעס — אַזוי ווי אין ניו־יאָרק און אַוודאי און אַוודאי אַזוי ווי אין פּאַריז — וואָלט זיין נאָמען מפורסם געוואָרן ווי דער גרויסער חידוש פון חידושים און זיין קונסט וואָלט געוואָרן באַרימט.

עס איז דערפאַר באמת צו באַדויערן, וואָס אַסטראַף וווינט אין דעם פּראָווינציעלן סיגעיט און דערפאַר איז ער לעת עתה כמעט ווי אומבאַקאַנט אין דער וועלט פון קונסט.

אויב אָט דאָס ביסל פּירסום, וואָס „חשבון" קען אים איצט געבן, וועט ווו ניט ווו דערגיין צו קונסט־מבינים און זיי פאַראינטערעסירן צו באַקענען זיך מיט דער אָריגינעלער שעפערישקייט פון אָט דעם אויפגעשטיגענעם קינסטלער, פילן מיר, אַז ס'וועט זיין פאַר אונדז אַ גרויסע דערגרייכונג.

ווי דערמאָנט, איז דערוויל נאָך וועגן אַסטראַפן ווייניק וואָס געשריבן געוואָרן. אויף וויפל אונדז איז באַקאַנט, איז וועגן אים ביז איצט דערשינען ניט מער ווי אַן איינציקע אָפּהאַנדלונג, געשריבן אין אויגוסט 1973, פון צירל שטיינגאַרט אין „פאָרווערטס".

כדאי דערביי צו ברענגען אייניקע אויסצוגן פון דאָזיקן מאמר — ווי אַ צוגאָב צו דעם, וואָס פריינד אַברהם שולמאַן דערציילט אין זיין מאמר וועגן אָט דער מערקווערדיקער און אומגעוויינלעכער קונסט־דערשיינונג:

„אַ גאַנץ לעבן", שרייבט צירל שטיינגאַרט, „האָט שמואל (סעם) אַסטראַף ניט געוווּסט אַז ער האָט טאַלאַנט צו מאָלן, צו סקולפּטור און שניצעריי.

„אין זיין היים־שטאָט זאַבלודאָווע, אין פוילן, איז ער געווען באַשעפטיקט ביי ״עדער־אויסאַרבעטונגען.

„אין אַמעריקע איז ער אָנגעקומען אין יאָר 1921 אין עלטער פון 21 יאָר. דאָ האָט ער זיך אויסגעלערנט די מלאכה פון גאַז און וואַסער־געדערריי (פּלאָמבינג) און פון דעם האָט ער געצויגן חיונה פאַר זיך, פאַר זיין פרוי לאה און זייער איינציק קינד, זייער זון נחום.

„אין עלטער פון 60 יאָר (אין 1960) האָט סעם אַסטראַך געמוזט אויפהערן אַרבעטן צוליב זיין שלעכטן געזונט צושטאַנד. עס האָט זיך דאַן פאַר דעם ענערגישן אינטעליגענטן אַרבעטער געשטעלט אַ האַרבע פראַגע: מיט וואָס פילט מען אויס אַזוי פיל פרייע צייט?

אַן אינסטינקטיווער געפיל האָט געשטויסן סעם אַסטראַך אַנצוהייבן מאָלן אַ בילד. ער האָט עס געמאַכט ווי אַן אמתער אַמאַטאָר, מיט אַ פשוטער צייך־בערשטעלע אויף אַ שינדל מיט וואָס מען דעקט איבער אַ דאַך. צו זיין אייגענער איבערראַשונג איז דאָס ערשטע ווערק גוט אַרויסגעקומען. דאָס האָט אים דערמוטיקט פאָרצוזעצן אויס צייט־פאַרטרייב צו מאָלן בילדער.

„אין 1962 האָט זיין פרוי אים צוגערעדט אַריינצוגעבן עטלעכע פון זיינע בילדער צו אַן אויסשטעלונג אין דער קאָני איילאַנד וואַי. זיי האָבן אין אים דערקענט אַ פאַרבאַרגענעם, בעסער געזאָגט, אַ ניי־אַנטפּלעקטן טאַלאַנט.

„שמואל אַסטראַך האָט זיך אין זייערע אַרט ענד קראַפט קלאַסן אויסגעלערנט אויסצואַרבעטן סקולפּטור, מאָזאַיִק און סעראַמיק אַרטיקלען. אין משך פון די לעצטע 13 יאָר איז ער אַזוי אַריינגעצויגן געוואָרן אין זיינע קונסט־שאַפונגען אַז ער קומט קוים אויס מיט זיין צייט.

„זיין היים זעט אויס ווי אַ מיניאַטור מוזעום. די ווענט פון אַלע צימערן זיינען באַהאָנגען מיט זיינע מאָלערייען, אין אַלע שענקלעך און אויף אַלע טישלעך זיינען אויסגעשטעלט זיינע סקולפּטור, סעראַמיק, מאָזאַיִק און שניצעריי אויסאַרבעטונגען.

„זיין סטודיאָ זעט אייגנטלעך אויס ווי אַ וואַרשטאַט פון אַ גלעזער, אַ שלאָסער, אַ שטיין־קריצער, אַ מאָלער און וואָס איר ווילט נאָר הערן און געדענקען.

„שמואל אַסטראַך איז ניט געבליבן בלויז ביי מאָלעריי. עס האָבן זיך אין אים אַנטפּלעקט פיל פאַרשיידענע טאַלאַנטן מיט אַ מאָל. ער נוצט פיל איינפאַלערישקייט און איניציאַטיוו אין זיין אַרבעט. קיין זאַך וואַרפט ער נישט אַרויס. אַלץ ווערט דורך אים אויסגענוצט פאַר זיין שאַפונג. איך וואָלט געזאָגט, אַז דאָס איז ווי זיין פערזענלעכער קאַמף קעגן פאַלרשאַן. ער באַווייזט ווי אַזוי מען קען אויסנוצן אַלטע זאַכן און מיט דעם שאַפן פּרעכטיקע קונסט־אַרטיקלען, מיט וועלכע דאָס מענטשלעכע אויג זאָל זיך דערקוויקן.

„שמואל אַסטראַך ווערט פאַררעכנט פאַר אַ מיניאַטור קינסטלער. ער ספּעציאַליזירט זיך מערסטנס אין אויסאַרבעטן קליינע אַרטיקלען. די הויפּט טעמאַטיק פון זיינע שאַפונגען איז זיין אַמאָל, דאָס יידישע לעבן אין דעם יידישן שטעטל פון דער אַלטער היים. ער ברענגט מיט זיינע הענט אַרויס בילדער, וואָס האָבן זיך איינגעקריצט אין זיין זכרון. ער פאַראייביקט אַזוי אַרום זיין ־ אונדזער אַלעמענס פאַרשווונדענע וועלט.

„פון דראָט האָט ער אויסגעאַרבעט שלום עליכמס טוביה מיט זיין פור און פערדל; אַ חדר אין שטעטל, ווו מען זעט דעם רבין מיט די תלמידים זיצן און קנעלן אין אַ קליינעם צימער איבערגעדעקט מיט אַ שטרויענעם דאַך און דערנעבן אַ ברונעם.

„פון דראָט האָט ער אויסגעאַרבעט נחס תיבה, מרדכי און המן, מרדכי רייט אויף אַ פערד, וועלכן עס פירט המן הרשע.

„אַ פראַכטיק בילד פון דער באַרימטער זאַבלודאָווער שול האָט ער אויסגעאַרבעט מיט באַמבו שטעקעלעך און קערלעך פון מעלאָן. אַ גאַר אינטערעסאַנטע מיניאַטור קאָלעקציע האָט ער אויסגעקריצט פון מאַרך־ביינער. ער רייניקט זיי, שניידט זיי און קריצט פון זיי אויס פראַכטיקע אַרטיקלען. פון אַזעלכע מאַרך־ביינער האָט ער געמאַכט אַ טיפּ פון אַ וואַסער־טרעגער, אַ שדכן, אַ שאַנק מיט ספרים,

אַ פערדל, אַ פויגל, אַ בוים מיט פייגעלעך, און נאָך אַנדערע. ווען ער איז פאַרטיק זעט עס אויס ווי געמאַכט פון עכטן על־פאַנטביין.

„פון פּרוכט־קערן האָט ער אויסגעאַר־בעט קרעלן, וואָס זעען אויס ווי ריכטיקע ווענעציאַנער גלאָז. אין זיין קאָלעקציע געפינען זיך מעדאַליאָנען און בראַסלעטן פון זילבערנע לעפל און גאָפל. ער מאָלט אויף ניס, אויף שטיינדלעך, אויף מושלס און אפילו אויף שייבלעך פון ברילן. ער האָט מיט זיי געמאַכט זייער שיינע שפּיל־קעס.

„—ריטייערטע מענטשן—זאָגט שמואל אָסטראָף — דאַרפן זיך ניט לאַנגווייליקן און בענקען צוריק נאָכן שאַפּ. יעדערער קען געפינען אַ האַבי מיט וואָס אויסצופילן זיין צייט, און עס זיינען דאָ אַזוי פיל וויכטיקע אינסטיטוציעס, וואָס נייטיקן זיך אין מענטשן.”

## פאָטאָגראַפיעס פון אייניקע שניצערייען און ביין-אַרבעטן פון שמואל אָסטראָף







ס. נוטקעוויטש

# אַ בוך „סאָנעטן פון אַ מאמין״

אין י. ל. פּרץ פֿאַרלאַג, אין תל אביב איז דערשינען דאָס נייע בוך „סאָנעטן פון אַ מאמין״ פון יעקב שמואל טויבעס, איצט אַ תושב אין לאָס אַנגעלעס. ווען איך האָב דערזען דעם נאָמען פונעם בוך, אַז די סאָנעטן זייַנען געשריבן פון אַ גלוביקן, האָט דאָס אַליין מיך פֿאַראינטריגירט. אין אונדזער צייט צו זיין אַ גלייביקער, אַ מאמין, איז אַליין אַ זעלטענע זאַך; און אפשר דערפֿאַר וואָס איך בין נישט קיין גלייביקער, האָט עס מיך געצויגן צו די לידער.

עס טרעפט אין אונדזער לעבן, אַז דווקא די נישט־גלייביקע זוכן אַ טרייסט, אַן ענטפער ביי די גלייביקע...

אין דעם אַריינפיר צו דעם בוך שרייבט יעקב שמואל טויבעס, אַז די לידער זייַנען געשריבן געוואָרן „אונטער דעם רושם פון דער יידישער טראַגעדיע אין אייראָפּע און אַז זיי זייַנען אַ פּאָליטיש ווידערקול פון זייַנע איבערלעבונגען אין קאָנצענטראַציע־לאַגער פון דאַכאַו.״

דאָס דערמאָנען דאַכאַו, איינעם פון די שוידערלעכסטע קאָנצענטראַציע־לאַגערן, מאַכט פֿאַרגליווערן די בלוטן, און דאָ נעמט זיך אונטער אַ יידישער דיכטער, אַ גלייביקער, אַרויסזינגען זיין ליד פון נישט געבראָכענער אמונה פון יענע פינצטערע טעג און וויסטע נעכט.

* * * * *

יעקב שמואל טויבעס איז געבוירן געוואָרן אין קאָלאָמיי (ישראל בעל שם טובס געגנט) און האָט זיך געלערנט אין חדרים, פֿאָלקסשול, גימנאַזיעס און אוניווערסיטעטן אין טשערנאָוויץ, לעמבערג און ווין. האָט געדינט אין דער עסטרייכישער אַרמיי אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

בעתן פּאָגראָם אין ווין, אין 1938, איז ער פֿאַרשיקט געוואָרן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער אין דאַכאַו. ער איז פון די איינצלנע, וואָס אין זכות פון זיין אַמאָליקן מיליטערדינסט איז ער באַפרייט געוואָרן פון דעם שרעקלעכן לאַגער.

דורך לאָנדאָן איז י. ש. טויבעס אָנגעקומען אין 1939 קיין ניו־יאָרק, ווו ער האָט מיטגעאַרבעט אין פֿאַרשיידענע זשורנאַלן און טאָגצייטונגען און האָט אויך פֿאַרעפֿנטלעכט אייניקע וויכטיקע ביכער. די עסייען־ביכער זייַנען פון אַ טיפן אינהאַלט און באַהאַנדלען רעליגיעזע און פילאָסאָפישע באַטראַכטונגען פון יידן און וועגן יידן.

דעם דיכטערס פֿאָטער, טויב[י]ש לייבל ע״ה, איז געווען אַ שרייבער און קאָליר־פולער געזעלשאַפטלעכער עסקן און רעדאַקטאָר פון דער ערשטער יידישער צייטונג אין מזרח גאַליציע; האָט אנטיילגענומען אין דער ערשטער יידישער שפּראַך־קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ, אין 1908.

* * * * *

דאָס בוך „סאָנעטן פון אַ מאמין״ איז געטיילט אין 3 טיילן: אין תפיסה; פרייהייט; תפילה און געדיכט. עס האָט צום סוף ה. לייוויקס „סאָנעט וועגן סאָנעטן״.

דער ערשטער סאָנעט איז „פון גאָט געפאַנגען״. דער דיכטער האָט געוואָלט אַנטלויפן און אויסמיידן גאָטס געריכט. ער האָט פּרובירט אַנדערע וועגן וואָס זייַנען כלומרשט געשטאַנען אָפן פֿאַר אים. ס׳איז אָבער אַ באַהעלטעניש פֿאַר גאָט נישטאָ. ער האָט געפּענטעט דעם טרוימער, אים צוגעקאָוועט צו אַ פעלדזנשטיין, ער זאָל שוין אייביק פון זיין גבול נישט אַנטגיין, ווייל ער איז ערשט איצט „גאַנץ פון גאָט געפאַנגען״.

דאָס געדיכט האָט אין זיך אַן עפּישע שילדערונג פון אַ ראַנגלעניש פון צוויי כוחות, וואָס קאָנען גאָר נישט שטיין אין פֿאַרמעסט: גאָט און מענטש. דער גלייביקער שטייט אין דעם פֿאַרמעסט מיט פֿאַרשטענדלעכער פּאַסיווקייט און מיט צופרידנקייט דערקלערט ער, אַז ער איז פון גאָט געפאַנגען.

חרטה, תשובה־געפילן זייַנען אַ באַשטאַנדטייל פון אַ מאמין. דער דיכטער האָט שוין געהאַט פֿאַר זיך אָפּגעזוכט אַ

וועג. ער קען נישט דערקלערן וועלכן וועג. נאָר וואַרשיינלעך איז דאָרטן גאָטס אָטעם נ י ש ט געווען.

מיך צווינגט מיין תשובה־וועג, זיך אומצוקערן צוריק צו דעם, וואָס איז אַמאָל געווען. און עפּעס טרייבט מיך, איך זאָל איבערקלערן די אַלע דרכים, וואָס איך פלעג צו גיין. דאָס דערקענען די אייגענע זינד, רופט צו זיך־אַליין־צעשטערן, ווייל דאָ איז נאָך דער דיכטער אין בלאָנדזשעניש און אַ יאוש און היימלאָזיקייט באַהערשט אים, ווייל דער גלויבן איז נאָך נישט זעבאַר.

אָבער דאָרטן ווו גלויבן, אמונה, איז ווי גרונטיקער קוואַל פון זויבערקייט און דערקענונג, געפינט דער דיכטער אַ שפּראַך און אַ „טענה“:

„לאָז נישט, מיין גאָט, דעם יונגן צווייג
פאַרוויאַנען,
איידער ער האָט אַן איינציק מאָל געבליט;
לאָז מיין נשמה נישט אַוועק פון דאַנען,
איידער ז'האָט איינמאָל אין דיין גלאַנץ
געגליט.“

אין די חרטה־מאָטיוון פון שרייבער ליגט אַ בענקשאַפט און אַ פאַרענטפערונג פאַר נישט אָפּהיטן גאָטס וועגן, ווייל „כ'האָב דיך דענצמאָל, גאָט, נאָך נישט פאַרשטאַנען“...

אין די וועגן פון ר' לוי יצחק מ'באַרדיטשעוו, באַקלאָגט זיך י. ש. טויבעס צו גאָט אין זיין פּראַכטיקן סאָנעט „פאַרוואָס?“:

„וואָס אָבער זאָל איך ענטפערן די, וואָס
קלאָגן
און זענען זיך מתרעם אויף מיין האַר,
אַז ער לאָזט צו, מ'זאָל מיין פאָלק דערשלאָגן
און אַז רעכטפאַרטיקייט בלייבט אָן אַ
שכר?“

און דער סאָנעט ענדיקט זיך מיט ווײ און פּראָטעסט:

„ווער קען דאָס מצדיק זיין און עס
פאַרשטיין,
זיי זאָלן נעבעך איצט אויך אונטערגיין?
פאַרוואָס אויף זיי די מוראדיקע גזרות?“

ווייזט אויס, אַז פּראָטעסט און דאָס קלאָגן זיך אויף גאָטס משפּט קען גאָר נישט אָפּגעטיילט ווערן אין אונדזער לעבן. דאָס איז איינער פון די נישט צו פאַרשטיין דואַליזמען אין רעליגיעזן לעבן פון די גלייביקע.

אַלע, ביז כורעים געפאַלענע גוטהייסונגען פון גאָטס ווילן קענען דאָך נישט פאַרענטפערן דעם „פרייען ווילן און אויסוואַל“ (בחירה חפשית) וואָס גאָט גיט דעם מענטשן, גוטס און שלעכטס, און פאַרוואָס איז דווקא דאָס אומגערעכטע און שלעכטע כסדר אין פאָרויסמאַרש פון דער מענטשהייט, אַז אפילו ווען זיי ווילן גוטס, קומט אויך אַרויס שלעכטס?...

ביז גאָר שטאַרק און רירנד איז דאָס ליד „הינטער דראָטשטאַכעטן“. דער סאָנעט איז דאָך פאַרקלערט געוואָרן אין דאַכאַו קאָנצענטראַציע־לאַגער.

עס הויערט אַ הייליקייט פון דעם סאָנעט. ס'איז ווי אַן אני מאמין פון אַ געפאַנגענעם הינטער דראָטשטאַכעטן, וואָס צווייפלט אין זיין אייגענעם פיזישן מאָרגן, אָבער איז זיכער אין זיין היינט, ווייל—
„דאָס גשמיות מיינס איז געשמידט אין קייטן, אין תפיסה — נאָר דער גוף אַרייננגעלייגט.“

ווי שטאַרק מוז זיין דער מאמין, כדי צו קענען הינטער דראָטשטאַכעטן אין דאַכאַו אָפּטיילן זיין גייסט פון דעם גוף און צו קענען מיט יידישן בטחון אויסזינגען, אַז ער וויל זיך „איינפלעכטן אין דעם געטלעכן געפלעכט, זיך קוויקן מיט דעם קוואַל פון אייביק רעכט, קען שפּראָצן זי און גאָט אַנקעגנציליען“...

* * * * *

אין די אַנדערע צוויי טיילן: „פרייהייט“ און „תפילה און געדיכט“, קומט דער דיכטער נאָך מער צום אויסדרוק פון זיין גלייביקייט. מיט פילאָסאָפישן געמיט זינגט אויס דער דיכטער, אַז —

„פרייהייט איז חלום, שוים און שפּילעריי,
אָן אַ פאַרצוים איז פרייהייט שקלאַפעריי,
און איך בין פריי נאָר בעת איך בין
געבונדן!“...

און זיכער קלינגען נביאיש די לידער געשריבן אין 1940, 1941. זיי זיינען אָפט שטראָף־לידער צו אונדזערע אייגענע ברידער, אין אָנבליק פון דער גרויסער קאַטאַסטראָפע וואָס האָט זיך ערשט אָנגעהויבן.

* * * * *

מ. גאָלדפאַרב

# פאַרטיפטע חקירות אין תנ״ך תרגומים

יעקב אַפּטייקער: די עלטסטע דריי תנ״ך־איבערזעצונגען (אַנאַליזן אין דער סעפּטואַגינטאַ, פּשיטתא און וווּלגאַטאַ, פּאַראַלעל צו אונדזער מסורה און צו תנכישע געפינסן פונעם ים־המלח) קאַליגראַפירט פונעם מחבר; הקדמה פון פּראָפ׳ דב סדן; פאַרלאַג המנורה, תל אביב.

אינהאַלט: רבי יהודה אַלס תנ״ך־פאָרשער; ווער איז געווען רבי יהודה? די געשיכטע און כאַראַקטערן פון די סעפּטואַגינטאַ, פּשיטתא און וווּלגאַטאַ — פּאַראַלעל צו דער מסורה; די תנ״ך־נוסחאות פונעם ים־המלח; תנ״ך־איבערזעצונגען: אין קלאַסישע, יידישע און מאָדערנע שפּראַכן.

אַ שיינער שטריך ביי יידישע סופרים, שרייבער, איז זייער אָפּטימיזם, בטחון און דרך־ארץ פאַרן געשריבענעם אָדער געדרוקטן וואָרט. אַ יידישער שרייבער וועט מיט די לעצטע כוחות זיך אָנשטרענגען אַרויסצוגעבן זיינס אַ בוך, אפילו ווען ער ווייסט, אַז ס׳וועט אים קאָסטן צו טייער. ער איז שטענדיק אונטער דער אילוזיע אַזוי ווי אַלץ וואָלט געווען אָפּהענגיק אָן זיין ספרל. ס׳איז אָבער אַ באַזונדערע פרייד צו זען ווען אַזאַ ספרל איז וויכטיק, שיין אַרויסגעגעבן און איז ווערט מען זאָל דאָס לייענען, בפרט ווען מען קאָן פון דעם עפּעס לערנען. און ווען נאָענטע גוטע פריינד באַמיען זיך נאָך דער פּטירה פונעם מחבר דאָס אַרויסצוגעבן איז דאָס נאָך אַ גרעסערע פרייד צו זען אַזאַ דרך־ארץ און געטריישאַפט. די שיינקייט פון די „דריי עלטסטע תנ״ך־איבערזעצונגען" איז ווי דאָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן, קאַליגראַפיש געדרוקט אין דעם כתב־יד פון מחבר, וועלכער האָט נישט דערלעבט דעם נחת צו זען ווי זאָרגפעליק דאָס איז געמאַכט אויף אַזאַ גוטן פּאַפּיר וואָס קוקט אויס ווי פּאַרמעט.

ווי באַקאַנט איז דער תנ״ך דאָס פאַרשפּרייטסטע בוך אין דער גאַנצער וועלט. אויף וויפל מיר ווייסן איז דער תנ״ך איבערזעצט געוואָרן אין טויזנט זיבן און צוואַנציק שפּראַכן און דיאַלעקטן. ס׳איז גאַנץ נאַטירלעך אַז ערגעץ ווו זאָלן זיך אַריינכאַפּן טעותן און אויך פעלשונגען אין די איבערזעצונגען פון ווערטער. צום ביישפּיל: אין דער באַרימטער „קינג דזשיימס ביבל" ווערט דאָס העברעישע וואָרט „עלמה", וואָס יהואָש טייטשט „יונג פרוי", איבערגעזעצט אויף ענגליש „ווירדזשין", וואָס איז פאַלש, ווייל „ווירדזשין" אויף העברעיש מיינט „בתולה" און דעריבער ווערט דער גאַנצער זין פון דעם פּסוק אין ישעיה: „הנה העלמה הרה ויולדת בן" צעדרייט און געפעלשט צוליב דער יוזל מעשה.

---

איך האָב איבערגעלייענט אין איין אָונט דאָס סאָנעטן־בוך פון יעקב שמואל טויבעס. נישט נאָר דער אינהאַלט פון די סאָנעטן, וואָס זיינען אונדז באַקאַנט, ביירעט דער ערלעכער געראַנגל פון אַ גלייביקן מענטש און דיכטער האָבן זיך און וועלן יעדן לייענער אינטריגירן און אינטערעסירן.

עס איז אויך דער פיינער מוזיקאַלישער קלאַנג פון יעדן ליד וואָס האָט מיך געמאַכט עטלעכע מאָל איבערלייענען די לידער. דער יידיש איז רייך, די געפילן טיף און יעדער אויסדרוק און שורה זיינען באַהויכט מיט ערלעכקייט.

איך האָב זיך שוין ביי דער געלעגנהייט אויך באַקענט מיט יעקב שמואל טויבעס׳ אַנדערע ביכער, ווי „אויף יידישע יסודות" („עסייען"), דאָס ביכעלע מיט לימעריקס און די ביז גאָר ערנסטע עסיי „יידיש — נישט העברעאיש".

אונדזער דאַנק און אנערקענונג צו ר׳ יעקב שמואל טויבעס, פאַר אַלע שאַפונגען זיינע און פאַר זיין לעצטן בוך „סאָנעטן פון אַ מאמין". די סאָנעטן באַרייכערן אונדזער אוצר פון יידישער פּאָעזיע.

דער מחבר יעקב אַפטייקער ז"ל האָט נאַטירלעך זיך ניט געקענט אָפגעבן מיט פאָרשן „אַלע“ איבערזעצונגען, הגם ער איז געווען אַ הייסער ליבהאָבער פון יידיש און העברעיש און האָט זיך אָפגעגעבן אַ לעבן-לאַנג צו פאָרשן און זיך גריבלען אין אונדזערע אַלטע אוצרות. דאָס איצטיקע בוך גיט זיך אָפ מיט בלויז דריי פון די עלטסטע איבערזעצונגען. עס איז פון גרויסן ווערט סיי פאַר דעם מלומד סיי פאַר דעם ערנסטן לייענער.

די ערשטע איבערזעצונג פון תנ"ך איז די סעפטואַגינטאַ, אין גריכיש. סעפטואַגינטאַ מיינט זיבעציק (תרגום השבעים), זיבעציק געלערנטע האָבן געמאַכט די איבערזעצונג. די אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן אַרום דריי הונדערט יאָר פאַר אונדזער צייטרעכענונג און ס'האָט זיך גענומען אַ לאַנגע צייט דאָס צו פאַרענדיקן. די לעגענדע דערציילט, אַז איינער אַ מלך פון **אַלעקסאַנדריע, תלמי, אַ גרויסער** ליבהאָבער פון ביכער, האָט געוואָלט אויספילן זיין ביבליאָטעק וואָס ער האָט געזאַמלט. האָבן זיינע ראַטגעבער געראָטן אַז דער תנ"ך וואָלט געווען דאָס פאַסיקסטע בוך. די ביכער פון די גריכישע פילאָסאָפן האָט ער שוין געהאַט, וואָלט גוט געווען אויך צו האָבן די ביכער פון יידישער חכמה. האָט דער מלך געשיקט שליחים קיין ירושלים און געבעטן ביים כוהן גדול אַ צאָל געלערנטע, וואָס זאָלן אים איבערזעצן דעם תנ"ך אין גריכיש. זיבעציק געלערנטע זיינען געשיקט געוואָרן. יעדער איינער האָט זיין אַרבעט געטאָן אין אַ באַזונדערן חדר. ווען די אַרבעט איז פאַרענדיקט געוואָרן האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז עפעס אַ נס איז דאָ געשען: אַלע זיבעציק זיינען געווען גלייך וואָרט פאַר וואָרט.

די מעשה מיטן נס מעג זיין אַ גאַנץ שיינע, נאָר דער אמת איז, אַז יידישע געלערנטע פון אַלעקסאַנדריע, ווו עס איז שוין דאַן געווען אַ גרויסער יידישער ישוב, האָבן זיך אַליין גענומען צו דער אַרבעט איבערצוזעצן דעם תנ"ך אויף גריכיש, וואָרום די יידישע יוגנט האָט שוין דאַן אָנגעהויבן צו פאַרגעסן העברעיש, זיך שוין געהאַט העלעניזירט און ס'איז געווען די געפאַר אַז זיי וועלן דעם תנ"ך פאַרגעסן. די גאָר פרומע האָבן טאַקע שטאַרק פראָטעסטירט קעגן אַזאַ חילול השם ווי איבערצוזעצן די תורה אויף אַ גויאישער שפראַך. דער מחבר פון אונדזער בוך, יעקב אַפטייקער ז"ל, ציטירט דאָ אַ מאמר פון תלמוד, אַז ס'איז געוואָרן חושך אויף דריי טעג ווען די איבערזעצונג האָט זיך באַוויזן. אָבער מנצח געווען האָט גראָד דער אַנדערער צד, וואָס האָט געוואָלט פאַרזיכערן דעם המשך פון אונדזער פאָלק, ווי עס פירט זיך היינטיקע צייטן.

מיט עטלעכע הונדערט יאָר שפעטער איז אַרויסגעקומען די צווייטע איבערזעצונג פון תנ"ך, די פשיטתא, אין דער סיראַקישער שפראַך (אַ מין אַראַמעישער דיאַלעקט). דער טייטש פון פשיטתא, ווי מ'קען זיך אָנשטויסן, איז פ ש ו ט, איינפאַך, אָן קאָמענטאַרן. אויך אַרום דער איבערזעצונג איז פאַראַן אַ לעגענדע. ווער האָט געשאַפן אָט די איבערזעצונג? די סיריער זאָגן, אַז זיי האָבן דאָס געמאַכט. אָבער אונדזער מחבר, יעקב אַפטייקער, האָט אַ סך ראיות אויף אָפצוּוואַרפן זייערע תביעות. דווקא יידישע און נאָר יידישע געלערנטע, האַלט ער, האָבן דאָס געשאַפן מיטן זעלבן ציל ווי אַמאָל אין אַלעקסאַנדריע מיט דער סעפטואַגינטאַ.

אין פערטן יאָרהונדערט פון אונדזער צייטרעכענונג איז געקומען די דריטע איבערזעצונג — די וולגאַטאַ אין לאַטיין. וולגאַטאַ מיינט דאָס זעלביקע ווי פשיטתא — פשיטתא, פשוט, אָן קאָמענטאַרן. אָט די איבערזעצונג איז שוין געמאַכט געוואָרן אויף דער איניציאַטיוו פון דער קאַטוילישער קירך, פונעם פויפסט, וואָס האָט שוין געהאַט דעם תנ"ך פון פאַרשיידענע מקורות. דער פויפסט האָט באַשטימט זיינעם אַ געלערנטן — היעראָנימוס — וואָס איז ספעציעל געפאָרן קיין ירושלים און דאָרט פאַרפולקומט זיין העברעיש און תנ"ך ידיעות. נאָך פופצן יאָר אַרבעט האָט ער פאַרענדיקט די איבערזעצונג אין לאַטיין.

דער הויפט-ציל פון אַפטייקערס בוך: „די דריי עלטסטע תנ"ך איבערזעצונגען“, איז צו פאַרגלייכן אָט די דריי איבערזעצונגען מיטן העברעישן אָריגינאַל און צו זען אויף וויפל זיי זיינען פאַרגרייזט אָדער געפעלשט. דער מחבר שטעלט זיך בעיקר אָפ אויף איינעם אַ ר' יהודה, וואָס וויל מיט עטלעכע מאמרים אין תלמוד באַ-

וויזן, אַז די סעפּטואַגינטאַ האָט נישט ריכטיק איבערגעזעצט געוויסע פּסוקים. דער מחבר לייקנט דאָס אָפּ און זאָגט, אַז ר׳ יהודה האָט נישט געקענט קיין גריכיש, האָט נישט געלייענט די סעפּטואַגינטאַ, אַז זיינע מאמרים זיינען בלויז פאַנטאַזיע. ער גיט אויך אָן אַן השערה, אַז ס׳איז גאָר געווען אַן אַנדער מענטש, אַ מגיד, וואָס האָט צוגעטראַכט דעם נאָמען ר׳ יהודה כדי צו געבן זיינע זאָגעכצן מער אויטאָריטעט. ער גייט פון פּסוק צו פּסוק צו באַווייזן אַז די סעפּטואַגינטאַ איז ריכטיק איבערגעזעצט לויטן אָריגינאַל. אמת, זאָגט ער, אַז געוויסע ווערטער זיינען אַנדערש פון דעם אָריגינאַל, אָבער נישט צוליב פעלשונג נאָר צוליב אַן אַנדער סיבה. אין יענער צייט, קלערט ער אויף, זיינען געווען פאַרשיידענע תנ״ך־נוסחאות, ס׳איז נישט געווען קיין איינהייטלעכער נוסח פון אָריגינאַל. ער פאַררופט זיך אויף אַ מאמר אין דער מגילה, אַז אין בית המקדש האָט מען געפונען די פאַרשיידענע צירקולירנדיקע נוסחאות.

עס קומט אויך אין באַטראַכט דאָס קאַפּיטל סופרים, קאָפּיסטן, וואָס האָבן געשריבן, קאָפּירט צוליב פּרנסה. זיי האָבן זיך געאיילט און אין איילעניש געמאַכט גרייזן. מען האָט אויך קאָפּירט אויף טייערן פּאַרמעט און כדי איינצושפּאָרן האָט מען געשריבן געדיכט און אַזוי ווי קיין נקודות זיינען דאַן נאָך ניט געווען איינגעפירט, זיינען גרייזן געווען אַ נאַטירלעכע זאַך.

דעם זאָג: „אין מוקדם ומאוחר בתורה״, אין דער תורה איז נישט אַלץ כראָנאָלאָגיש, קאָן מען פון די אַלע פאַקטן לייכטער פאַרשטיין ווען מיר ווייסן ווי אַזוי די סופרים פלעגן קאָפּירן אין געאייל. ווען זיי פלעגן זיך שפּעטער כאַפּן, אַז עפּעס איז אויסגעלאָזט געוואָרן, האָבן זיי דאָס נאָך דעם צוגעשטעלט. האָט עס שוין אַזוי געמוזט בלייבן. אַן איינהייטלעכע ווערסיע האָט זיך איינגעשטעלט ערשט ביים סוף פון צווייטן יאָרהונדערט. נאָך דעם האָט מען שוין געפּסלט אַלץ וואָס האָט נישט געשטימט לויטן אָנגענומענעם נוסח.

דאָס בוך איז פול מיט ציטאַטן צו באַווייזן דעם אמת פון די פאַרגלייכונגען. למשל, אין בראשית זאָגט זיך „וירא אלהים כי טוב״, גאָט האָט געזען ביים ערשטן טאָג אַז זיין באַשאַף איז גוט. אָבער ביים צווייטן טאָג פון דעם באַשאַף זאָגט זיך דאָס שוין ניט. די סעפּטואַגינטאַ אָבער האָט עס אויך ביים צווייטן טאָג. אויך אין דער שומרונישער תורה איז דאָס ביים צווייטן טאָג אויך פאַראַן. אַן אַנדער פאַל: אין ספר שמואל א׳, קאַפּיטל י״ג זאָגט זיך אַזוי: „בן שנה שאול במלכו ושתי שנים מלך על ישראל,״ שאול איז אַלט געווען איין יאָר און געקיניגט צוויי יאָר. זאָל דאָס זיין אַן אַבסורד? די סעפּטואַגינטאַ האָט דעריבער דעם פּסוק געענדערט מיט פּינטעלעך. אגב, יהואָש אין זיין איבערזעצונג האָט עס אויך אַזוי געמאַכט, מיט פּינטעלעך: „... יאָר איז שאול אַלט געווען אַז ער איז געוואָרן מלך, און צוויי יאָר האָט ער געקיניגט איבער ישראל.״ פון דעם איז צו זען, אַז אונדזער אייגענער מקור איז אָפּט מאָל פאַרגרייזט אָדער אומפאַרשטענדלעך. די איבערזעצונגען העלפן אונדז אַרויס צו פאַרשטיין בעסער געוויסע פּסוקים. די אַנדערע צוויי איבערזעצונגען, ווייזט ער אָן, האָבן ניט אָט די גרייזן, ווייל זיי זיינען געמאַכט געוואָרן שפּעטער, ווען ס׳איז שוין געווען איינגעשטעלט איין נוסח. דאָך איז אין דער דריטער איבערזעצונג, אין דער לאַטיינישער, פאַראַן פעלשונגען פון ווערטער, ספּעציעל ווען דאָס וואָרט משיח ווערט איבערגעזעצט אויף יעזוס.

צום סוף פון בוך געפינען זיך איבערזעצונגען פון פופצן שפּראַכן, וואָס יעקב אַפּטייקער ז״ל האָט געקאָנט.

אַ סך שבח און אנערקענונג קומט די גוטע חברים, וואָס האָבן דאָס בוך געהאָלפן אַרויסגעבן, און צו דב סדן פאַר זיין הקדמה צום ספר, דורך וועלכער מיר באַקענען זיך מיט דעם מחבר, וועלכער איז אונדז פריער געווען ווייניק וואָס באַקאַנט.

# באַגריסונג פון

## ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד

### צום נייעם יאָר תשל"ה... לשנה טובה תכתבו ותחתמו
### אַ יאָר פון שלום אין ישראל און אין דער גאַנצער וועלט!

מיר שיקן אונדזערע האַרציקסטע ברכות צו די חברות און חברים פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד, צו דער גאַנצער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג און צו אַלע יידן אין דער גאַנצער וועלט, צום נייעם יאָר!

מיר סאַלוטירן די רעגירונג פון ישראל, דעם גאַנצן ישוב און אונדזערע חברים אין דער הסתדרות, אַז דאָס יאָר זאָל זיין אַ יאָר פון שלום און פון ווייטערדיקן אויפבוי.

אונדזערע הייסטע תפילות באַגלייטן די יידן אין סאָוועטן־רוסלאַנד און מיר פאַרזיכערן זיי, אַז מיר וועלן שטענדיק געדענקען זיי און אומאויפהערלעך פאָדערן זייער רעכט זיך אויסצולעבן יידישן גייסטיק און קולטורעל און ווי אַ טייל פון יידישן פאָלק.

### פאַר דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע פון
### ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד

ד"ר יהודה שאַפּיראָ, פּרעזידענט — יעקב קאַצמאַן, נאַציאָנאַלער סעקרעטאַר

---

**מיר ווינטשן שנת שלום, ברכה והצלחה צו אַלע אונדזערע מיטגלידער, צו מדינת ישראל און כל עם ישראל**

**שלום עליכם צווייג נומ. 305**
**ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד**

טעאָדאָר כץ, פּרעזידענט
ד. סידראָוו, וויצע־פּרעז.
חיה ניומאַן, פּראָט. סעק.
וועלוול אָרטנשטיין, פין. סעק.

**הירשביין - רויזנבלאַט צווייג 359**
**ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד**

מאָריס דייטש, פיליפּ בראָדי, אברהם שניידער

פּרעזידיום
ראָבערט טעמפּער, פין. סעק.
מאיר קעסטל, פּראָט. סעקר.

**באָראָכאָוו-פּינסקי צווייג נומ. 122**
**ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד**

אברהם טענער, פאָרזיצער
מ. האָפמאַן, פין. סעק.

**אויפבוי גרופּע**

יוסף גאָלדבערג, פּרעזידענט
משה מאַנדעלבוים, סעקרעטאַר
הערי אבראַמס, פין. סעקרעטאַר

ס. שניאור

# שאַטנס, עכאָס און געשטאַלטן

## א.

(„וואָלקן־גערדאַנג“ פון שמואל לעווין, פאַרלאַג „המנורה“, ישראל, 1970)

לאַנגזאַם און שווער פאַרגייען די שאָטנס און עכאָס פון דעם איינציקאַרטיקן פויליש־יידישן לעבן צווישן די צוויי וועלט־מלחמות. פאַראָרעמט דאָך גייסטרייך, אויסזיכטלאָז, דאָך שטורמיש; געלעבט, געטרוימט, געקעמפט און לסוף אַזוי טראַגיש פאַרשניטן. ביסלעכווייז און פאַרבענקט פאָרמירן זיך די געשטאַלטן און קריגן זייער תיקון אין דער יידישער ליטעראַטור.

אין דעם לעצטן בוך פון פאַרשטאָרבענעם נאָוועליסט שמואל לעווין, „וואָלקן־גערדאַנג“, האָבן טייל פון יענע געשטאַלטן שוין געפונען דעם תיקון. צוויי דאַטעס זיינען צום סוף פון בוך פאַרצייכנט: בערלין 1932 — ניו־יאָרק 1946, וואָס דערציילן אונדז זייער אַ סך פון דעם מחברס פיינלעכן וועג שרייבנדיק דאָס בוך.

עס איז ניט קיין אויטאָביאָגראַפיע, דאָך דערפילט מען, לייענענדיק, דעם ציטער און די טרייבקראַפט, דעם שווערן געראַנגל און דעם טראַגישן גורל פון אַ גאַנצער ריי טיפּן, וואָס זיינען דאָרט אויפגעקומען אין די דריי צענדליק יאָר צווישן די צוויי מלחמות. שילדערונגען פון יענער עפּאָכע זיינען אונדז שוין באַקאַנט פון אַנדערע שרייבערס, פון עוזר וואַרשאַווסקין, שמעון אַראָנטשיק און אפילו י. באַשעוויסעס „משפחה מושקאַט“, אָדער גאָר לעצטנס, שוין נאָכן חורבן, יחיאל האָפּערס „אַ הויף אין קאָמאַרנע“, „ר' זלמן; חיים גראַדעס פּראַכטיקע שילדערונגען פון דער פרומער וועלט, און נאָך אַנדערע. שמואל לעווין אָבער האָט זיך אונטערשיידט פון זיי אַלע דערמיט וואָס זיינע שילדערונגען זיינען מער סאָציאַל מאָטיווירט. זיין אייגענע סאָציאַלע פילאָסאָפיע שטייט אין צענטער פון דער קינסטלערישער שילדערונג. ער ווייזט אונדז דעם מענטש, דעם ייד, אין זיין העראָישן געראַנגל מיט די סאָציאַלע כוואַליעס, וואָס האָבן דאַן געשטורעמט און פאַרפלייצט דאָס דאָרטיקע יידישע לעבן. ער מיידט אויס, ווי ווייט מעגלעך, דעם פאַריסענעם ציניזם ווי אויך די פאַראַליזירנדיקע נשמה־גריבלעניש, גלייך ווי זיי וואָלטן געווען בלויז זייטיקע, מינדערוויכטיקע עלעמענטן אין דעם שטורעם און דראַנג פון יענער צייט. די ספקות וואָס טויכן אויף דאָ און דאָרט זיינען גיכער פון אַ סאָציאַלן כאַראַקטער ווי פון אַ יחידישן, הגם עס פעלן אויך ניט קיין ריין יחידישע ספקות.

קלאָר און שאַרף שילדערט ער דעם נייעם לעבנס־סדר, וואָס די ערשטע וועלט־מלחמה האָט גורם געווען און די נייע טיפּן, וואָס זיינען אויפגעקומען. דאָס גאַנצע יידישע לעבן בייגט זיך און ברעכט זיך, צאַפּלט זיך און גייט אויס אונטער דער שווערער לאַסט — צוערשט פון דער דייטשישער אָקופּאַציע, נאָך דעם, אונטער דעם נייעם רעזשים פון פרייען, אומאָפּהענגיקן פּוילן, ווען די אַנטיסעמיטישע רעגירונגס־פּאָליטיק האָט צעשטערט די יידישע עקאָנאָמישע יסודות און צוגערויבט זייערע פּרנסות; די כסדרדיקע אַרבעטסלאָזיקייט, וואָס האָט געזייט פאַרצווייפלונג און אויסזיכטלאָזיקייט צווישן דער אונטערוואַקסנדיקער יוגנט און זיי געטריבן צום קאָמוניסטישן אָפּגרונט.

עס איז ניט געווען קיין מנוחה אין דער אָנגעגליטער אַטמאָספערע פון מלחמות, רעוואָלוציעס און פּאָגראָמען. שטענדיקע פאַרביטערונג, זאָרג און פאַרצווייפלונג האָבן געשאַפן די הערשנדיקע שטימונג. די צייטווייליקע געווינסן פון קאַמף און ווידערשטאַנד האָט געוויס פאַרלייכטערט זייער גורל אָבער ניט געקענט באַין אופן אים גובר זיין.

אין רעטראָספּעקט לאָזט זיך איצט באַשיימפּערלעך מערקן, אַז דער איינציקער שטראַל ליכט, וואָס האָט דאַן געקענט נערן די האָפענונג אין יענעם יאָמערטאָל,

איז געווען די אויפגעקומענע חלוצים־באַוועגונג מיט זייערע הכשרה־פאַרמס. די האָפענונגען וואָס די אַנדערע באַוועגונגען האָבן גענערט, זען מיר איצט קלאָר איין, האָבן זיך לײדער אויסגעלאָזט מיט בלוטיקן מבול, וואָס האָט סוף כל סוף אַלץ חרוב געמאַכט און אָפּגעווישט.

דאָס איז מסתמא ניט געווען דער ציל פון לעווינס גראַנדיעזן פאַרטראַכטן ראָמאַן. נאָר אָט דעם שטראַל ליכט, וואָס האָט דאַן געשימערט, האָט שלום אַש בשעתו יאָ אויפגעכאַפּט און עס אַריינגעלויכטן אין זיין ארץ ישראל ראָמאַן „דאָס געזאַנג פון טאָל". שמואל לעווין איז אָבער געווען אַ שטרענגער רעאַליסט, און עס איז גוט וואָס אין זיינע כמעט פאָטאָגראַפישע בילדער פון יענער צייט האָט ער דאָך ניט פאַרזען אָט דאָס פּיצעלע ליכט, וואָס האָט שפּעטער, שוין נאָכן חורבן, זיך אַזוי אומגלויבלעך און דאָך אַזוי אמתדיק צעשטראַלט מיט דער אַנטשטייונג פון דער מדינה.

דער ציל פון מחבר איז געוויס געווען אַ גרויסאַרטיקער און ווערטפולער — קינסטלעריש צו פאַראייביקן אַ גאַנץ גרויסע צאָל צענטראַלע און זייטיקע טיפּן, וואָס האָבן געגעבן קאָליר און אימפּעט; זין און אינהאַלט צו דעם טאָג־טעגלעכן געראַנגל פון אַ גאַנצן דור. דאָס אַלץ געשילדערט אויפן הינטערגרונט פון אַ נאַציאָנאַלן לעבן, וואָס איז געווען אומדערטרעגלעך, וואָס האָט זיך באַוועגט כסדר בלויז אין איין ריכטונג — פון שלעכט צו ערגער; אין אַ וועלט פון אַ ווילדן, באַרבאַרישן אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָט געפירט געגנוי צום אומקום פון מענטש בכלל. אויב פרייער האָט געטליעט די האָפענונג אויף דעם „אמתן" סאָציאַליזם און נאָך דעם אויף דעם פאַלשן רוסישן קאָמוניזם, האָבן די ערשטע „פאַרראַטן" (די פּילסודסקי רעגירונג האָט געזאָלט זיין אַ סאָציאַליסטישע) און די צווייטע האָט פאַרשקלאָפּט און טעראָריזירט דעם מענטש און דעם פרייען געדאַנק.

טאָ ווו איז געלעגן די רעטונג?

די צוויי גרויסע פּאָליטישע אידעען, וואָס האָבן געזאָלט ברענגען די ישועה, זיינען געווען: דער סאָציאַליזם אין זיינע פאַרשיידענע וואַריאַנטן, און דער ציוניזם אין זיינע פאַרשיידענע וואַריאַנטן. לויט דער אַנטוויקלונג פונעם ראָמאַן איז די רעטונג לכתחילה געלעגן אין רוסישן קאָמוניזם. און מסתמא האָט דער מחבר אויך אַזוי געטראַכט. שפּעטער האָט אויך די אילוזיע געפּלאַצט, אין יעדן פאַל, ביי דער פאָלקס אינטעליגענץ. איז געבליבן פאַר זיי, פאַר דער אינטעליגענץ, בלויז איין אויסוועג — צוריק צום אידילישן אַנהייב, צוריק צו די נביאים, צום עטישן סאָציאַליזם, צו גוסטאַוו לאַנדויער, צו קורט אייזנער, צו די ברידער שטיינבערג — צוריק צו דער אידיליע פון דעם אויסגעטרוימטן גן־עדן.

אַזאַ קינסטלערישער פאַרמעסט איז זייער ריזיקאַליש. דער דערציילישער עלעמענט ווערט איבערגעלאָדן מיט טעאָרעטישן פּילפּול און מינערט די געשפּאַנטקייט. טיילווייז איז דאָס אייגנטלעך אויך דער חסרון פון בוך, הגם עס איז דאָרט דאָ אַ שלל מיט דינאַמישע געשעענישן, דראַמאַטישע האַנדלונג און צאַרט־לירישע שילדערונגען. עס איז פול מיט טראַגישע קאָנפליקטן און אַפּאָקאַליפּטישע דערוואַרטונגען — אָט־אָט און די וועלט קומט צו אַ סוף! דער אומקום לויערט ביי יעדער טיר.

דער דערפאָלגרייכער אַסימילירטער אַדוואָקאַט, וועמעס טאָכטער האָט זיך געשמדט ווייל די היים איז געבליבן אויסגעליידיקט פון יידישער גייסטיקייט, פון אידעאַלן, צאַפּלט זיך און קומט אום פון איינזאַמקייט און חרטה.

דער שטיין־רייכער באַנקיר, איגנאַץ ווייס, וואָס איז סיי אַסימילירט סיי אַ ציוניסטישער מנהיג, ראַנגלט זיך מיט דער אַנטיסעמיטישער רעגירונגס פּאָליטיק, וואָס זוכט אים אַרויסצושטויסן פון זיינע געשעפטן און ער זעט ווי זיינע קינדער ווערן פאַרכאַפּט פון די נייע פאַרפאָלגונגען: דער זון, אַדאַם ווייס, ווערט אַ סאָציאַליסט און די טאָכטער אַ פּלאַם־פייערדיקע ציוניסטקע.

ר' מרדכי, אַ געוועזענער רייכער פאַבריקאַנט, ווערט פאַראָרעמט, קומט וווינען מיט זיין טאָכטער און איידעם, וואָס ראַנגלען זיך אַליין מיט דער אַרבעטסלאָזיקייט, נויט און פאַרצווייפלונג, וואַרפט ער זיך אַראָפּ פון פינפטן שטאָק.

דעם סופרס עלטסטער זון, יעקב, ווערט פאַרשפּאַרט אין תפיסה פאַר זיין קאָמוניזם; דער מיטלסטער זון, בנימין, ווערט פאַרמשפּט צו הענגען פאַר זיין סאָציאַליזם, און מאירל, דער יונגסטער, מוטשעט זיך אין דער ישיבה און האָפט צו ווערן אַ רב ביי יידן.

און אין צווישן זען מיר אַ רייע זייטיקע טיפּן, וואָס קריצן זיך איין מיט זייער שאַרפקייט: מאַדאַם ליובאַ לישיי, די גבאיטע — די שילדערונג איז קלאַסיש — די געוועזענע דינסטמויד, וואָס איז רייך געוואָרן פון די דייטשן פאַר אירע לוסט־„אַקאָמאָדאַציעס" און איצט דערוואַרט זי כבוד פון די אַלע צדקה־חברהס, ווו זי לאָזט זיך מיט גרויס פּאָמפּ קאָסטן עטלעכע גראָשן. מלכהלע, יעקבס שוויגער, וואָס גייט אַרום מיט אַ ווייסע פּאַטשיילע קלייבן נדבות ביי רייכע באַלעבאָסטעס און צעטיילט עס נאָך דעם צווישן די אַרבעטסלאָזע פאַמיליעס. ר' איסר דער פּרוש, וואָס ברענגט הילף און גלויבן צו די פאַרצווייפלטע. און נאָך אַ סך אַנדערע זייטיקע טיפּן, אַזוי ווי דער שרייבער וואָלט געוואָלט מיט איין מאָל אויסשעפּן פאַר דער אייביקייט אַלע פאַראַנענע טיפּן.

די וואַויל באַקאַנטע, שטענדיקע פּאַרטיידיסקוסיעס וועגן פרייהייט און דיקטאַטור, מאַכט און רעכט, מיטל און ציל, העלפן טאַקע שאַפן די נייטיקע אַטמאָספערע פון באַלדיקן אונטערגאַנג און רעוואָלוציע, ספּעציעל די שטאַרק סורעאַליסטישע שילדערונגען פון אָרעמקייט ביים ווייסל, אונטער דער בּרוק; אַ בעטלערקע האַלט אויפן האַנט אַ געבאָרגט קינד און זי ווייסט ניט אַז עס איז טויט פון פראָסט; און די באַשרייבונג פון בנימינס קבורה אין אַ קאַלטער פינצטערער נאַכט — דאָס זיינען שילדערונגען מיט ווייניק רייד אָבער אָנגעלאָדן מיט דערוואַרטונג און עקספּלאָזיע. מען פילט דעם שרייבערס ווייטיק און צער, וואָס שרייען אַרויס פון זיינע שילדערונגען. מען דערקענט אָבער אויך זיין נאַיוויטעט פון דעם צוטרוי און די האָפענונג וואָס ער האָט דאַן געלייגט אויף די קאָמוניסטישע מאַנעווורעס צו שאַפן אַ „פאַראייניקטן פראָנט", וואָס זיינען דאַן געווען פּאָפּולער. דער שרייבער, פּונקט ווי זיינע פּראָטאַגאָניסטן אין ראָמאַן זיינען אַלע געבליבן אָפּגענאַרט פון דעם קאָמופלאָזש. האָבן זיי געזוכט וועגן ווי אַזוי צוריקצוקומען צום אַמאָליקן ריינעם, עטישן, מענטשלעכן סאָציאַליזם.

דער הויפּט־העלד פונעם ראָמאַן איז אַדאַם ווייס, אַ יונגער אַסימילירטער אַדוואָקאַט, דער זון פון אַ רייכן באַנקיר, וואָס איז אַסימילירט און אויך אַ ציוניסטישער מנהיג אין וואַרשע. ער איז פאַרליבט אין זיין שעפס געשמדטע טאָכטער, מאַגדאַ, נאָר דערפאַר וואָס זי באַשטייט, אַז אויך ער זאָל זיך שמדן, ווערט אויס זיווג און ער ווערט איבערנאַכט גייסטיק טראַנספאָרמירט — ער וועט פאַראינטערעסירט אין זיין אייגענעם משפּחה־שורש און ווערט אויך אַ סאָציאַליסט, אַ יידישער סאָציאַליסט. אַדאַם ווייס איז בטבע אַן ערלעכער, גוטהאַרציקער אידעאַליסטישער מענטש און ווערט דער טרעגער פון דעם הויפּט־געדאַנק, וואָס שמואל לעווין האָט מסתמא געהאַט אין זינען בעת ער האָט דאָס בוך געשריבן.

און דאָס איז דער צענטראַלער געדאַנק וואָס דער מחבר זוכט קלאָר צו מאַכן דורך די רייד און די האַנדלונגען פון דעם געלערנטן אידעאַליסטישן אַדוואָקאַט אַדאַם ווייס; פון דעם געוועזענעם ישיבה־בחור און איצטיקן קאָמוניסטישן פּאַרטיי־טוער יעקב ליכטנבערג; און פון דעם פּרוש, דעם מיסטיקער ר' איסר, וואָס ברענגט הילף און גלויבן צו די צווייפלער, וואָס האַלט מיט די סאָציאַליסטן, ווייל זיי גלייבן אין אמת, יושר און צדק, וואָס איז דער יסוד פון תורה און יידישקייט. אָן דעם יסוד האָט דער מענטש און די וועלט ניט קיין תקומה. בלויז אַ באַנייטער רעליגיעזער גלויבן, געבויט אויף אָט די יסודות, וואָלט געקענט ראַטעווען דעם מענטש פון פולן חורבן און אונטערגאַנג, וואָס ער זעט פאַרויס.

שמואל לעווין האָט דורכגעמאַכט די ערשטע מלחמה אין פוילן און האָט געזען דעם חורבן.

ער האָט נאָכדעם געלעבט אין דייטשלאַנד ביז דער היטלער־מגפה און האָט זיך פון דאָרט קוים געראַטעוועט קיין ענגלאַנד און דאָרט געזען דעם צווייטן חורבן בעת דעם בליצקריג. ער האָט טיף געגלייבט אין סאָציאַליזם און צייטנווייז געווען געניגט אויך צום קאָמוניזם, מיינענדיק אַז פון דאָרט וועט קומען די גאולה.

די ביטערע אַנטוישונג פון אַזאַ אידעאַליסטישן מענטש איז דעריבער געווען אומפאַרמיידלעך. אָבער דער שעפערישער, אידעאַליסטישער מענטש קען ניט לעבן מיט אַנטוישונגען. ער זוכט און מוז געפינען אַן אויסוועג, אַ ווערטפולע אידעע וואָס זאָל נערן זיינע אַספּיראַציעס, געבן זין און אינהאַלט זיין לעבן. און עס איז מסתמא ניטאָ קיין בעסערער קוואַל פאַר אַזעלכע אידעען, וואָס בלייבן שטענדיק ניי, ווי ביי די נביאים. גייט ער צוריק צום קוואַל און באַמיט זיך צו געבן קינסטלערישן אויסדרוק און פאָרם צו דעם אייביקן וויכוח וועגן מאַכט און רעכט, מיטל און ציל, גייסט און מאַטעריע, גאָט און די סטרא אחרא, די אייביקע בענקשאַפט נאָך גאולה, אויסלייזונג און פרייהייט.

געוויינטלעך ווערט ביי אונדז אַזאַ מאָטיוו קינסטלעריש געשילדערט דורך דער אָנגענומענער טראַדיציאָנעלער סימבאָליק, ווי לייוויק, למשל, האָט עס געטאָן. שמואל לעווין טוט עס אָבער זייער רעאַליסטיש, אָן דער טראַדיציאָנעלער סימבאָליק. ער שעפּט פון לעבן די ריכטיקע סיטואַציעס און פילט אויס דעם דיאַלאָג מיט צאַרטער ליריק און די אייביקע אמתן וואָס קומען פון זיך אַליין. אָט די סיטואַציעס זיינען צעשפּרייט איבערן גאַנצן בוך. נאָר אין איין קאַפּיטל, „ס׳גייט אין עיקר, און דאָס העכסט מענטשלעכע", דערגרייכן זיי זייער קלימאַקס.

טייל מאָל דאַכט אַז מען לייענט אַ פּאָליטישע בראָשור, נאָר אָט מישט מען איבער דאָס בלעטל און מען כאַפּט זיך, אַז עס איז גאָר אַ קינסטלערישע געשטאַלטונג פון לעבעדיקע מענטשן, ביי וועמען אָט די אַלע רייד און דיסקוסיעס זיינען אַ טייל פון זייער גלויבן און זיי זיינען גרייט זיך מקריב צו זיין פאַר דעם. איז אין מיטן פון אַזעלכע פייערדיקע חקירות גייט די באַשרייבונג איבער צו אַ האַרציק לירישע שילדערונג פון אַזאַ פּשוטער זאַך ווי דער טויט פון אַ מאַמע. יוכבד, דעם סופרס אַלמנה איז געשטאָרבן. יעקב, איר עלטסטער זון, איז ניט לאַנג צוריק באַפרייט געוואָרן פון תפיסה פאַר קאָמוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע. בנימין, דער מיטלסטער, זיצט איצט פאַרשפּאַרט, פאַראורטיילט צו הענגען פאַר סאָציאַליסטישער טעטיקייט. מאירל, דער יינגסטער, לערנט אין דער ישיבה און האָפט צו ווערן אַ רב ביי יידן. זיינען די צוויי זין, יעקב און מאירל, געקומען צו דער אָרעמער לוויה, צו באַגראָבן דאָס טייערסטע אין זייער לעבן: די מאַמע.

„אויפן אָפענעם פעלד האָט דער ווינט געפייפט. מיט זיין קאַלטער פייכטקייט האָט דער ווינט דורכגעדרונגען דורך די מלבושים ביז אין די קנאָכן. אין דער לופט איז געווען נאַסקייט. די ליימיקע ערד איז געווען אַ דורכגעווייקטע. יעקב און מאירל זיינען געגאַנגען אָנגעטאָן אין לייכטע, צעריסענע שיך. נאָר די צוויי האָבן איצט כמעט גאָרנישט געפילט חוץ דעם טיפן טרויער, וואָס האָט געקלעמט זייערע הערצער און געלעמט זייער געדאַנק. לאַנג האָבן ביידע געשוויגן. מאירל איז אָבער געווען געקרענקט און ער האָט אָנגעהויבן מיט ביטערניש: ס׳איז טאַקע נישטאָ קיין גערעכטיקייט אויף דער זינדיקער ערד, אפילו נישט אויפן בית־החיים, וואו נישט געלט נאָר דער יחוס פונעם מת, די פרומקייט ביי זיין לעבן, לומדות, מצוות און מעשים טובים דאַרפן געלייגט ווערן אויף דער וואָגשאָל. עס איז אָבער אַנדערש."

ער האָט איצט אויסגעגאָסן פאַרן ברודער דאָס האַרץ וועגן די עוולות וואָס ער האָט צו ליידן אין דער ישיבה. דאַן האָט ער זיך געווענדט צו יעקבן כמעט אָן התלהבות:

„גערעכטיקייט איז אויבן! חיי האמת, דאָס אייביקע לעבן, הייבט זיך אָן אין הימל! ניין, פאַר חיי שעה אויף דער זינדיקער ערד לוינט זיך גאָר ניט צו טאָן! באַצאָלן מיטן לעבן, ווי אונדזער ברודער בנימין האָט געטאָן, כדי צו קריגן אַ גרעסער שטיק פלייש? — ווייסעך וואָס!"

יעקב האָט געשוויגן, פאַרטיפט אין זיינע מחשבות: איז דאָס דער סוף פונעם מענטש. אָבער דאָס לעבן, דעם מענטשנס לעבן? — ס׳מוז זיין שיין, גרויס, דערהויבן הייליק! און ער האָט זיך געווענדט צום ברודער:

„ניין, עס גייט נישט אין אַ גרעסער שטיק פלייש. ס׳גייט אין גערעכטיקייט, אין דער גערעכטיקייט צווישן מענטש און מענטש, אין דער גערעכטיקייט וואָס

מאַכט דאָס מענטשלעכע ליבע — שיין, און דערהויבן און ווערט צו לעבן. אָן אמת, שיינקייט און גערעכטיקייט — בלייבסטו אַ חיה אויף צוויי פיס, נאָך אַן ערגערע ווי די פירפיסיקע, ווייל דו ווערסט זיך אַליין פאַרלענדן, דו יענעם און יענער דיך!"

אַרויסגייענדיק פון בית־עולם האָט יעקב זיך דערמאָנט, אַז ער דאַרף גיין צו אַ וויכטיקער פאַרטיי באַראַטונג.

צווישן די כסדרדיקע מעטאַפיזישע דיסקוסיעס, וואָס היינט קלינגען זיי פאַר אונדז אפשר פאַרעלטערט, אָפּגעלעבט, אויסגעלאַכט, ווארום די מענטשן, וואָס האָבן זיך טאַקע מקריב געווען פאַר יענע אידעאַלן, פאַר יענעם פאַלשן קאָמוניזם, זיינען דאָך שפּעטער מיאוס אומגעקומען אין נאָמען פון די זעלבע אידעאַלן — צווישן די אַלע דיסקוסיעס געלינגט דאָך דעם מחבר צו באַשאַפן יענע אמתע סיטואַציעס און אַרויסברענגען יענע נאַטירלעכע האַנדלונגען און דעם פּאַסיקן דיאַלאָג, וואָס העלפן אָנהאַלטן די אילוזיע און די געשפּאַנטקייט פון דער מעשה. ווארום אין תוך מעג די מעטאַפיזיק פון אָט די היציקע פאַרטיי דיסקוסיעס פאַר דעם איצטיקן לייענער, בפרט אין אַמעריקע, טאַקע זיין פאַרעלטערט און אָפּגעלעבט אָבער די געבאָטן פון אמת, צדק און יושר אויף וואָס די מעטאַפיזיק שטיצט זיך, זיינען בשום אופן ניט פאַרעלטערטער. זייער ווירקונג אין געזעלשאַפטלעכן לעבן זיינען טייל מאָל שטאַרקער און אַן אַנדער מאָל שוואַכער. זיי זיינען אָבער אייביק ווייל זיי שטאַמען פונעם מענטשס געוויסן און הארץ. און ווען אַ פאַראַנטוואָרטלעכע רעגירונג אין אונדזער צייט פּרובירט דורך געוויסע מאַכינאַציעס עובר זיין אויף אָט די אייביקע געבאָטן, ריזיקירט זי מיט איר איינפלוס און סטאַביליטעט אַזוי לאַנג ווי עס הערשט פרייהייט פון אויסדרוק.

דער איצטיקער „וואָטערגייט" ספּעקטאַקל דאָ אין לאַנד איז אַ לעבעדיקער ביישפּיל. אַ דאַנק דער פרייער פּרעסע און טעלעוויזיע איז דער „ספּעקטאַקל" פאַרוואַנדלט געוואָרן פון אַ געוויינטלעכן פּאָליטישן סקאַנדאַל אין אַ כמעט קאָנסטיטוציאָנעלן קריזיס. דאָס גאַנצע פאָלק איז אין דעם טיף פאַראינטערעסירט ווייל עס רירט אָן די יסודות פון אונדזער לעבן, פון אמת, צדק און יושר.

אָט די יסודות זיינען טאַקע אַלט, אָבער קיין מאָל ניט אָפּגעלעבט. און ווען אַ קינסטלער פאַרשטייט אָט דעם אמת קען ער אַריינבלאָזן אַ פרישן, לעבעדיקן אָטעם אין זיין 'אָפּגעלעבטן" רוי־מאַטעריאַל. טעמאַטיק פון אַ פאַרגאַנגענער צייט ווערט אויף אַזאַ אופן אָפּגעפרישט און באַלעבט מיט היינטצייטיקייט. דאָס איז דער כוח פון גוטער ליטעראַטור.

בדרך כלל איז דאָס בוך „וואָלקן־געדראַנג" געשריבן לויט אָט דעם קינסטלערישן גייסט. ווי עס זעט אויס האָט שמואל לעווין, אין צוגאָב צו זיין יידישן וויסן, אַ סך געלערנט פון דער בעסערער אייראָפּעישער ליטעראַטור. שוין דער נאָמען אַליין „וואָלקן־געדראַנג" דערמאָנט גלייך דאָס דייטשישע „געטער דעמערונג", אויך די גאַנצע קאָנסטרוקציע פון ראָמאַן דערמאָנט שטאַרק אין געוויסע דייטשישע נאָוועלעס פון פאַר דער היטלער מגפה. אָט דער איינפלוס האָט אים געוויס ניט געשאַדט, פּונקט ווי דער סורעאַליזם פון אַ פראַנץ קאַפקאַ און אַ דזשיימס דזשאָיס האָט אים אין עטלעכע סיטואַציעס שטאַרק אַרויסגעהאָלפן.

פון דעסטוועגן, גלייך ביים אָנהייב, ביי די ערשטע צוויי פּאַראַגראַפן פון בוך, ווו עס דערציילט זיך וועגן דער גייסטיקער טראַנספאָרמאַציע, וואָס דער הויפּט־העלד אַדאַם ווייס האָט דורכגעמאַכט, ווי אַזוי ער איז מיט איין מאָל געוואָרן אַ סאָציאַליסט און אויך פאַראינטערעסירט אין זיין משפחה־שורש — דערקענט מען גלייך אַ פרעמדן עלעמענט, אַ סורעאַליסטישן. ווארום מיר פאַרשטייען, אַז איינער קען ווערן אַ סאָציאַליסט אָדער דורך אַ לאַנגער איבערצייגונג אָדער ווען איינער שטויסט זיך אָן אויף דער נאַקעטער אָרעמקייט און נויט פון פאָלק. ביי אַדאַם ווייסן, דעם אידעלען, סענסיטיוון און אינטעליגענטן רייכן זינדל קומט עס אָבער נאָך דעם ווי ער צעגייט זיך מיט זיין געשמדטער געליבטע, ווייל זי באַשטייט, אַז ער זאָל זיך אויך שמדן, און כדי דאָס אַרויסצושלאָגן פון זיין האַרץ צעהוליעט ער זיך מיט זונות אין אַ האָטעל און ווען ער שטייט אויף אין דער פרי, פילט ער זיך ווי ניי־געבוירן, אַן איבערצייגטער סאָצי־

אַליסט. ניט אַנדערש ווי אַ בייזער חלום!

טראָץ די זייטיקע און פרעמדע איינפלוסן איז דאָס לשון ריין און ציכטיק און פול מיט וואַרשעווער חן. צו די מעלות פון בון מעג מען אויך צוגעבן די שאַרפע ליניע, וואָס ווערט געצויגן צווישן סקעפּטיציזם און צווייפל, דעם אידעלן שטריך פון אָפנהאַרציקייט, וואָס העלפט אָפּט פאַרטרייבן די פאַרסמנדיקע פאַרצווייפלונג. די פאַרטרוילעכע אָפנהאַרציקייט שיינט אַרויס ספּעציעל צווישן אַדאָם ווייס און יעקב ליכטנבערג אין שייכות מיט זייער סאָציאַליסטישן גלויבן. יעקב פאַרטרויט זיך, אַז אים פעלט די זיכערקייט פונעם גלויבן, וואָס ס'האָט געהאַט זיין טאַטע, דער פרומער סופר. זיין טאַטע, זאָגט ער, איז ניט געווען קיין נאַיוור־גלייביקער. ער האָט אויך אַמאָל געהאַט ספקות, נאָר ער האָט זיי גובר געווען. זיינע לעצטע ווערטער צו אים זיינען געווען:

„געדענק, מיין זון! גאָטס וואָרט און זיינע וועגן פון גערעכטיקייט קאָן מען בלויז לערנען און פאָרשן און לערנען אַנדערע. אמת איז דער עיקר, און דורך שקר קומט מען ניט צום אמת. דורך טאָן אומגערעכטיקייט דערגרייכט מען ניט קיין גערעכטיקייט. קיין שום אומגערעכטיקייט, וואָס ווערט אָפּגעטאָן, גייט ניט פאַרלוירן. עס איז ווי אַ פונק וואָס טליעט און ווערט נישט פאַרלאָשן. עס ברעכט אויס אַ שריפה און מאַכט חרוב שטעט און לענדער.“

„ערלעכע געדאַנקען!“ — שרייט אויס אַדאָם ווייס — „אונדז בײדן בלייבט צו נעמען פאַר אַ ביישפּיל דעם גרויסן גלויבן פון אונדזערע פרומע עלטערן: איר פון אייער טאַטן און איך פון מיין טאַטנס טאַטן.“

אַז די לעצטע באַמערקונג איז אויך צוגעפּאַסט פאַר אונדזער אייגענער סיטואַציע אין אַמעריקע איז איבעריק צו דערקלערן. וואָרום די אייניקלעך אונדזערע פאָרשן גיכער דעם דרך פון די זיידעס ווי פון די טאַטעס. ביי די טאַטעס זען זיי צופיל מאַטעריאַליזם און גייסטיק אויסגעליידיקטע היימען, וואָס טרייבן די יוגנט אויף פרעמדע פעלדער צו שטילן דעם גייסטיקן הונגער נאָך אַ ביסעלע אידעאַליזם.

אַזאַ ברייטער אויסבליק און סוזשעט דאַרף קענען אינטערעסירן דעם אַמעריקאַנער יידישן לייענער. מען לייענט דאָך דערציילונגען פון שפּאַנישן לעבן, פון יאַפּאַנעזישן לעבן. זיינען דען יענע אינטערעסאַנטער ווי אונדזערע? אגב פלעגן לעווינס דערציילונגען נאָך אין די צוואַנציקער יאָרן זיך דרוקן פריער אין דייטש ווי אין יידיש — אַזוי דערציילט דוב סדן אין זיין אינטערעסאַנטער הקדמה. און צום ערשטן באַנד פון דער טרילאָגיע האָט אפילו פראַנץ ווערפל אָנגעשריבן אַ פאָרוואָרט פול מיט ליב פאַרן מחבר.

דוב סדן, פונקט ווי יוסף לעפטוויטש, האָט אָבער אַ טענה, אַז די יידישע ליטעראַטור־קריטיק האָט כמעט ווי ניט באַמערקט די ווערק פון שמואל לעווין, אפילו אין די רייפסטע יאָרן פון זיין שאַפן, ווען ער האָט נאָך געלעבט אין בערלין און איז געווען אַן אָנגעזעענער מיטגליד פון דער דאָרטיקער גרויסער יידישער שרייבער גרופּע. און נאָך דער מלחמה, ווען ער האָט שוין געלעבט אין ניו־יאָרק און געדרוקט דערציילונגען אין „מאָרגן זשורנאַל“ און פון צייט צו צייט אויך אין דער 'פרייער אַרבעטער שטימע', האָט מען זייער ווייניק געהערט וועגן אים. זאָל דאָס אפשר האָבן געווען צוליב זיין באַשיידנקייט? אונדזער קריטעריאָן איז אָפּט מאָל אַ קאַפּריזנער. ווייניק גרויסע, טאַלאַנטפולע שרייבער האָבן געהאַט אַ גוט מזל אין דער יידישער ליטעראַטור. אין יעדן פאַל איז „וואָלקן־געדראַנג“ אַ ווערטפול בוך אינעם אוצר פון דער פויליש־יידישער בעלעטריסטיק צווישן די צוויי וועלט־מלחמות.

אַבאָנירט און שטיצט

חשבון

די איינציקע יידישע צייטשריפט אין די פאַראייניקטע שטאַטן אַחוץ ניו־יאָרק.
אַבאָנעמענט — $5.00 אַ יאָר.

שמואל ווייס

# פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין לאָס אַנגעלעס

די יום־כיפור מלחמה אין ישראל האָט אויפגעטרייסלט דעם יידישן ישוב אין לאָס אַנדזשעלעס צוגלייך מיט דעם יידישן כלל אין אַמעריקע און האָט אַריינגעבראַכט נייעם אימפּעט אין די היגע זאַמלונגען פון פאָנדן פאַר ישראל און יידישן נויטן איבער דער וועלט. אין געוויינטלעכע צייטן ווערט דאָ־הי געשאַפן דורך דעם פאַראייניקטן יידישן וועלפער־פאָנד פון דער יידישער פעדעראַציע (קהילה) צווישן 20 און 25 מיליאָן דאָלער אַ יאָר. אין דעם היי־יאָריקן קאַמפּיין איז אין די ערשטע ניין חדשים, זינט אָקטאָבער 1973, געזאַמלט געוואָרן איבער 40 מיליאָן דאָלער.

דער אַלגעמיינער קאַמפּיין פון דער היגער יידישער געמיינדע האָט זיך געשטעלט דעם ציל צו שאַפן 44 מיליאָן מיט $200,000, שטיצנדיק זיך אויף די פאַרפליכטונגען וואָס דאַרפן נאָך איינגעמאַנט ווערן. די אָנפירונג פון דער געלט־קאַמפּאַניע דערוואַרט צו דערגרייכן איר ציל מיט אַן עודף.

אַ צווייטע דערשיינונג, וואָס איז כדאי צו פאַרצייכענען, איז דער פאַקט, אַז אין דעם היי־יאָריקן קאַמפּיין זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן 10,300 נייע ביישטייערער, צווישן זיי איבער 1200 פון דער היגער יידישער יוגנט, לויט די אָפיציעלע באַריכטן פון דער קאַמפּיין־אָנפירונג. פון דער אַנדערער זייט זיינען נאָך אַלץ פאַראַן אַ באַדייטנדיקע צאָל יידן וועלכע האָבן זיך פאַרפליכטעט בייצושטייערן. צו זיי ווערט ווידער און ווידער אַפּעלירט אַריינצוברענגען מזומן וואָס גיכער מחמת פאַרגרעסערטע הילף איז כסדר נייטיק.

פון די איינגעזאַמלטע פאָנדן געניסט אין ערשטער ריי ישראל. אָבער עס קריגן אויך הילף יידן פון אַנדערע 30 לענדער מעבר לים און יידישע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע, ווי אויך לאָקאַלע הילף און דערציונג־אינסטיטוציעס.

אויב מען זאָל צוזאַמענרעכענען די זאַמלונגען פון דעם אַלגעמיינעם קאַמפּיין, די ביישטייערן צו דעם הסתדרות קאַמפּיין, פאַרפליכטונגען צו דער הסתדרות פונדאַציע און די זאַמלונגען פון קרן קימת, וועט די סומע פון היגן יידישן ישוב דערגרייכן היי־יאָר איבער פופציק מיליאָן דאָלער. דאָס איז אַחוץ דעם פאַרקויף פון ישראל־באָנדס און די באַזונדערע זאַמלונגען פון היגע לערן־אינסטיטוציעס.

## דער „שבת־טיש“ — אַן אייגנאַרטיקע אינסטיטוציע אין יידישן קולטור־לעבן אין לאָס אַנדזשעלעס

דער „שבת־טיש“ וואָס האָט געפייערט זיין פופצן יאָריקער עקזיסטענץ לעצטן יוני, איז אַן אייגנאַרטיקע אינסטיטוציע אין יידישן קולטור־לעבן אין ל. א. זיינע פרייטאָג צונאַכטן ביי וועלכע עס ווערט געפּראַוועט אַ טראַדיציאָנעלער קבלת שבת, מיט קידוש, זמירות און לעקציעס, קומען פאַר אין דעם אינסטיטוט פאַר יידישער דערציונג און זיי ווערן שטענדיק באַזוכט פון אַ גרויסן עולם, וואָס האָט אַ נאָסטאַלגיע פאַר דעם היימישן קבלת שבת פון די יוגנט־יאָרן אין דער אַלטער היים.

די גרינדער פון אָט דער אינסטיטוציע זיינען גוטשע און משה שולוויס — אַ פאַרפאָלק וואָס האָט אַ טיפע פאַרשטענדעניש פאַר יידישער טראַדיציע און יידישע קולטור־נויטן פאַר וועלכע זיי זיינען באַליבט אין היגע קולטור־קרייזן. ביידע זיינען לאַנג־יאָריקע טוער אין דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג. גוטשע דערציילט, אַז ווען זי איז מיט איר מאַן געקומען קיין לאָס אַנגעלעס האָט זי זיך באַמיט צו פאַרבעטן אין זייער היים אַ גרופּע פריינד יעדן פרייטאָג־צו־נאַכט, ווי אַ המשך פון דעם „היימישן ווינקל“ וואָס זיי האָבן געהאַט אין ניו־יאָרק.

מער אויספירלעך וועגן דעם הינטערגרונט פון „שבת־טיש“ שרייבט אונדז משה שולוויס.

„איך בין אין ניו-יאָרק געווען אַקטיוו אין אַ פאַרבאַנד-צווייג, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מער מיט יידישער קולטור-אַרבעט ווי מיט רוטינע פאַרבאַנד-ענינים. חברים זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אין פּריוואַטע היימען און געפּראַוועט שבתים און סתם זיך אויסגעלעבט יידיש-קולטורעל. אין לאָס אַנדזשעלעס איז די דאָזיקע אידעע אויסגעברייטערט געוואָרן כדי צו קענען אַרומנעמען אַ גרעסערן קרייז מענטשן. מיט דער צייט איז עס געוואָרן אַ שטענדיקע אינסטיטוציע.

„דער „שבת-טיש" קומט פאָר יעדן 3טן פרייטאָג פון חודש, אָנהייבנדיק אין אָקטאָבער און ווערט פאַרענדיקט אין יוני. דער ערשטער שבת-טיש" איז פאָרגעקומען דעם 11טן נאָוועמבער, 1959. דער הויפּט-מאָטיוו פון שאַפן דעם שבת-טיש, שרייבט משה שולוויס, איז געקומען פון נאָסטאַלגיע צום אַמאָליקן שבת... אַ בענקשאַפט וואָס האָבן אויך וועלטלעכע יידן צו פּראַוועו צוזאַמען אַ שבת-סעודה, געזאַנגען פון ליטורגיע און פאָלקס-לידער אין העברעיש און יידיש. נאָך דער סעודה האָבן מיר תמיד אַ גאַסט-רעדנער וואָס רעפערירט אויף אַ געזעלשאַפטלעכער אָדער ליטעראַרישער טעמע און מיר האָבן אויך דאָס פאַרטייטשן די סדרה פון דער וואָך. אָט אין דעם נוסח פּירט זיך דער „שבת-טיש" שוין 15 יאָר."

לויט דעם עולם וואָס נעמט אַן אָנטייל אין אָט די פרייטאָג צונאַכטן קען מען זען, אַז דאָס זיינען מענטשן וואָס האָבן אויך אין פריערדיקע יאָרן געפּראַוועט דעם טראַדיציאָנעלן קבלת שבת אין זייערע פּריוואַטע היימען. מיט דער צייט אָבער, ווען דער הויפּט פון דער משפּחה פעלט אין הויז, ווערט אויך דער שבת צעשטערט. נעמט מען דעריבער פּראַוועו דעם שבת אויף אַ קאָלעקטיוון אופן, צוזאַמען מיט אַנדערע פריינד.

משה שולוויס גיט אַוועק אַ סך מי צו מאַכן די פרייטאָג-צונאַכטן אינטערעסאַנט פאַר וועלטלעכע יידן. אין זיינע איינלאַדונגס-בריוו וועט איר אַלע מאָל געפינען אַ פּערז פון אַ ליד פון אַ מאָדערנעם יידישן דיכטער, וועלכער ברענגט אַרויס די קדושה פון שבת, די נשמה-יתירה וואָס האָט באַהערשט דעם שבת פון דורות יידן איבער דער גאַנצער וועלט. גוטשע, זיין חנעוודיקע פרוי, פּירט אָן מיט דער פרויען-אָפּטיילונג פון דער אינסטיטוציע. רחל דייטש גיט איבער אויף אַ פּאָפּולערן אופן דעם אינהאַלט פון דער סדרה פון דער וואָך.

פון צייט צו צייט ווערט דער שבת-טיש געווידמעט אַן אָנגעזעענער פּערזענלעכקייט. דער שבת-טיש וואָס איז געפּראַוועט געוואָרן צום לעצטן 3טן פסחדיקן סדר, איז געווען געווידמעט דעם 75סטן געבוירנטאָג פון אלימלך (מאָריס) דייטש, דעם פריערדיקן פּרעזידענט פון אינסטיטוט פאַר יידישער דערציונג און לאַנגיאָריקן עסקן אין דער היגער ציוניסטישער אַרבעטער-באַוועגונג.

וועגן חבר דייטש און זיין ביישטייער צו דער באַוועגונג האָט ביי דער-אָ געלעגנהייט געהאַלטן אַ פּראַקטיקע רעדע יעקב קאַהאַן, איינער פון די הויפּט--פירער אין דער היגער ציוניסטישער אַרבעטער-באַוועגונג און אין דעם הסתדרות-קאַמפּיין. עטלעכע אויסצוגן פון דער רעדע איז כדאי איבערצוגעבן פאַר די לייענער פון „חשבון":

„חבר דייטש איז אַ וועטעראַן אין אונדזער באַוועגונג. נאָך אין זיינע גאָר יונגע האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין די פּועלי-ציון. אין 1921 איז ער עולה געווען קיין ארץ ישראל דעמאָלט פּאַלעסטינע, געאַרבעט ביי שטיינהאַקעריי אַרום ירושלים.

„שפּעטער, אַלס תושב אין באָסטאָן, איז ער געווען גאָר טעטיק אין אונדזער באַוועגונג ספּעציעל אין דער אַרבעט פאַר יידישער דערציונג.

„שוין דאָס דריטע צענדליק יאָר ווי איך שטיי מיט חבר דייטש אין דער אַרבעט פון אונדזער באַוועגונג. מיר טיילן זיך מיט פּערזענלעכער פריידן און אָפט מאָל אויך מיט פּראָבלעמען.

„דער ערשטער שטריך פון בעל-יובל וואָס אַפּעלירט צו אייך איז זיין פּשטות און זיין דירעקטע וואַרעמע חברישע באַציונג צו אַ יחיד, ער טראָגט אייך תמיד אַנטקעגן זיין שמייכל און אַ גוט וואָרט וואָס קומט פון האַרצן.

„מיט זיין געמיטלעכקייט און מיט זיין מילדקייט, דרינגט ער אַריין אין אייך און באַווירקט אייך מיטצואַרבעטן מיט אים אין זיינע פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבן.

„חבר דייטש האָט אין זיינע יאָרן אויסגעפורעמט און אויסגעשטאַלטעט אַ קלאַסישן טיפּ פון אַ יידיש־באַוווסטזיניקן פאָלקס־מענטש, וואָס שעפּט פון די פאָלקס קוואַלן, זיין באַגייסטערונג, זיין התלהבות, און זיין ליבע צו יידישער קולטור. עס איז נישט געווען און נישטאָ קיין איין קולטור־פּראָיעקט אין דער באַוועגונג, ווו חבר דייטש זאָל זיך נישט באַטייליקן מיט זיין איניציאַטיווע און מיט זיין פינאַנציעלער הילף.

„מיט זיין נאַטירלעכער פאָלקסטימלעכקייט, באַציט זיך חבר דייטש מיט גרויס דרך־ארץ צו יידישער שעפערישקייט און מיט אידעאַליזם צו מדינת ישראל און צום יידישן קיום בכלל.

„חבר דייטש קומט צו זיין 75סטן יובל מיט אַ רעקאָרד פון לייסטונגען און דערגרייכונגען. גאָר אַ סך האָט גורם געווען צו זיין דערפאָלג, זיין לעבנס־באַגלייטערין חברה רחל דייטש, וועלכע האָט אים דערמוטיקט און אינספּירירט און אים אַ סך געהאָלפן.

„איז דער היינטיקער יובל פאַר אונדז אַ דאַטע וואָס מיר אַלע פייערן און ברענגען אייך, חבר דייטש, אונדזערע האַרציקסטע ברכות פאַר נאָך אַ סך אַקטיווע יאָרן צוזאַמען מיט אייער ליבער רחל און אייער משפחה, אין אַ וועלט פון שלום.“

דער בעל היובל איז אויך באַגריסט געוואָרן פון משה שולוויס, אין נאָמען פון אינסטיטוט פאַר יידישער דערציונג; פיליפּ ברודי, אין נאָמען פון דעם הירשבייך־רויזענבלאַט צווייג פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד; חברה רחל דייטש, אין נאָמען פון דער פאַמיליע און פון דעם איינציקן זון, דער אַדוואָקאַט פיליפּ (פּיוּול) דייטש. אגב זיינען צו דעם יום־טוב געקומען 164 געסט און פריינד פון דעם בעל־שמחה.

## קאָנפערענץ פון היגן ציוניסטישן אַרב. פאַרבאַנד באַשליסט צו שאַפן $15,000 פאַרן ספּעציעלן פאָנד

די יערלעכע קאָנפערענץ פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד אין ל. א. האָט צווישן אַנדערעס באַשלאָסן צו שאַפן 15 טויזנט דאָלער פאַר דעם ספּעציעלן פאָנד אויסצוברייטערן די אַקטיוויטעטן פון דער אָרגאַניזאַציע. די דאָזיקע סומע וועט זיין אַ טייל פון דעם פערטל מיליאָן דאָלער וואָס די נאַציאָנאַלע קערפּערשאַפט פון דער באַוועגונג האָט באַשלאָסן צו שאַפן פאַר איר עקספּאַנסיע פּראָגראַם. די 133 דעלעגאַטן, וועלכע האָבן פאַרטראָטן 16 צווייגן אין ל. א. און איין צווייג אין סאַן דיעגאָ, מיט אַ מיטגלידערשאַפט פון איבער 1800, האָט אויך באַשלאָסן צו פירן אַ ווערביר אַקציע פאַר נייע מיטגלידער; אַריינציען די גראַדואַנטן פון דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע הבונים און די עקזיסטירנדיקע צווייגן; עטאַבלירן נייע צווייגן ביים פאַסיפיק קאָוסט און זיך באַמיען צו ווערבירן אַנגעשטעלטע אין די יידישע געמיינדע אָרגאַניזאַציעס, סאָשל וואָרקערס, ראַביים און אַנדערע פּראָפעסיאָנאַלן, און אַקטיוויזירן אין דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג. די קאָנפערענץ האָט אויך אָנגענומען אַ ברייט־פאַרצווייגטן פּראָגראַם פאַר קולטור און דערציונג־אַרבעט.

משה כהן, עקז.־דירעקטאָר פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד, און וויצע־פּרעזידענט פון דער נאַציאָנאַלער קערפּערשאַפט, האָט אָפּגעגעבן אַן אויספירלעכן באַריכט פון אַ יאָר טעטיקייט פון דער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אַרומגענומען די פאַרשיידענע קולטור־אונטערנעמונגען, אָפּען־פאָרומס, סעמינאַרן און זאַמלונגען פאַר קהלישע הצטרכותן אין דער היגער געמיינדע און אין ישראל. לויט זיין באַריכט האָבן די היגע צווייגן געשאַפן, בלויז נאָך דער יום־כיפור מלחמה אין ישראל, אַרום $140,000 פאַרן פאַראייניקטן יידישן וועלפעיר פאָנד פון דעם יידישן פעדעראַציע קאָונסיל (קהילה): נאָנעט צו $53,000 פאַרן נאַציאָנאַל פאָנד און איבער $84,000 פאַרן הסתדרות קאַמפּיין. דער פאַרקויף פון ישראל־באָנדס,

מיט וועלכן עס האָט אָנגעפירט אפרים שטיין, האָט אַריינגעבראַכט איבער הונדערט טויזנט דאָלער. די הויפּט־פירער פון די זאַמלונגען זיינען געווען: גוסטאַוו לאָסאָס — פאַרן וועלפער פאָנד; פיליפּ ברוידי, פאַרן נאַציאָנאַל־פאָנד, און ראַבערט טעמפּער, פאַרן הסתדרות קאַמפּיין.

די לאָנטשען־סעסיע פון דער קאָנפערענץ אין בעווערלי הילטאָן האָטעל, צו וועלכער עס איז געקומען אַן עולם פון 350 דעלעגאַטן און געסט, איז געווען געווידמעט דעם 80סטן געבוירן־יאָר פון בערנאַרד גליקמאַן, איינער פון די עלטסטע טוערס אין דער פועלי־ציון און אין דער ציוניסטישער אַרבעטער־ באַוועגונג, צו דער געלעגנהייט פון זיין רעטייערמענט פון היגן אָפיס פון ישראל־באָנדס, מיט וועלכער דער בעל־שמחה איז פאַרבונדן פון סאַמע אָנהייב אין לאָס אַנגעלעס. משה כהן האָט אין אַ פיינער באַגריסונג־רעדע פּרעזענטירט דעם יובילאַר מיט אַ פּראַכטיק איינגעבונדענעם תנ״ך. בערנאַרד גליקמאַן און זיין פרוי זיינען לאַנג־יאָריקע ציוניסטישע טוערס. דער יובילאַר איז לויט זיין געפילפולער דאַנק־רעדע געוואָרן אַ מיטגליד אין דער פועלי־ציון באַוועגונג מיט זעכציק יאָר צוריק.

דער גאַסט־רעדנער ביי דער קאָנפערענץ איז געווען ד״ר יהודה שאַפּיראָ, פּרעזידענט פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד. ד״ר שאַפּיראָ איז אַ פּראָפעסאָר אין היגן היברו יוניאָן קאָלעדזש, וווּ ער באַטייליקט זיך אין אַן אַכט־וואָכיקן קורס פאַר פּאָטענציעלע יידישע געמיינדע אָנגעשטעלטע. אין זיין רעדע ביי דער קאָנפערענץ האָבן די דעלעגאַטן אויפגענומען אַ גרינטלעכן אַנאַליז איבער דער עקאָנאָמישער לאַגע אין ישראל נאָך דער יום־כיפּור מלחמה. ד״ר יהודה שאַפּיראָ האָט זיך באַמיט ניט צו שילדערן די לאַגע אין צו פּעסימיסטישע פאַרבן, אָבער ער האָט אויך ניט באַהאַלטן פון עולם די שווערע פּראָבלעמען מיט וועלכע די מדינה ראַנגלט זיך אין דער איצטיקער צייט, צווישן אַ מעגלעכן שלום און אַ מעגלעך נייער מלחמה. איינער פון זיינע צוהערער האָט שפּעטער ריכטיק באַמערקט וועגן ד״ר שאַפּיראָס רעדע: „ער האָט שווער געמאַכט אונדזערע הערצער אָבער ער האָט קלאָרער געמאַכט אונדזערע מוחות.״

די קאָנפערענץ איז באַגריסט געוואָרן פון נייטן גראַבוויטש, אין נאָמען פון אַרבעטער רינג; פון קלאַראַ מאַזור, אין נאָמען פון די פּיאָנערן־פרויען; נאָרמאַן קעין פאַר דער הבונים אָרגאַניזאַציע, און אפרים שטיין, פּרעזידענט פון דעם אינסטיטוט פאַר יידישער דערציונג, אין נאָמען פונעם אינסטיטוט. סיוון האַמבורגער, פּרעזידעם פון היגן ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד, האָט אָנגעפירט מיט דער לאָנטשען סעסיע. יעקב קאַהאַן האָט געמאַכט דעם אַפּיל פאַר ביישטייערונגען צום ספּעציעלן פאָנד, וואָס האָט אַריינגעבראַכט אַ באַדייטנדיקע סומע.

אַ שריפטלעכע באַגריסונג האָט צוגעשיקט יעקב קאַצמאַן, דער פּרעזידענט פון דער נאַציאָנאַלער קערפּערשאַפט. די קאָנפערענץ האָט באַשלאָסן אים צו שיקן די ברכות פון די דעלעגאַטן פאַר אַ גיכער רפואה שלימה.

פרעד קאַהאַן, עקזעקוטיוו דירעקטאָר פון קרן קימת אין מערב ראַיאָן, האָט באַדאַנקט די דעלעגאַטן פאַר זייער ביטראַג צום נאַציאָנאַל־פאָנד.

די קאָנפערענץ האָט אויך אָנגענומען אַ רעזאָלוציע צו באַדאַנקען די פּרעסע, צווישן זיי אויך דעם „פאָרווערטס״ אין ל. א., פאַר זיין הילף און קאָאָפּעראַציע.

די טשערלייט פון די אַנדערע פיר זיצונגען פון דער קאָנפערענץ זיינען געווען: אלימלך דייטש, ב. טשענקין, אפרים שטיין און יעקב קאַהאַן.

*Greetings from*

**SCHWARTZ PRINTING CO.**

*Printers of the "Heshbon"*

773 Kohler Street

Los Angeles, Calif. 90021

Tel. 624-9378

אָשר קיפּניס

# דער באַנייטער קולטור קלוב

כדי צו געבן אַן איבערבליק פונעם באַנייטן יידישן קולטור קלוב אין זיין נייער היים, איז פּאַסיק אָנצופאַנגען מיט אַ „שהחיינו“...

דער קולטור־קלוב, וואָס דערנענטערט זיך צו פופציק יאָר זינט זיין גרינדונג, האָט געמוזט אויפגעבן זיין פריערדיק היים אויף מאָנראָ גאַס, צוליב דעם איבערבייט פון דער געגנט צו וועלכער עס איז געוואָרן שווער צוצוקומען, און עס איז געווען אַ סכנה אַז צוליב דער פאַרקלענערטער מיטגלידערשאַפט און די קליינע באַזוכטע אָוונטן, זאָל זיך חלילה דער קלוב מוזן אויפלייזן.

דאַרף מען אָפּשאַצן די עקשנות, און די וויזיע פון די עטלעכע איבערגעגעבענע מיטגלידער פון קלוב, וואָס האָבן זיך ניט מייאש געווען און געזאָגט „הבה נתחכמה“ און גענומען זוכן אַ נייע היים.

זיי האָבן זיך פאַרשטענדיקט מיט דעם אינסטיטוט פון יידישער דערציונג, אַז מ'זאָל צובויען אַן אודיטאָריום פאַר דעם קלוב. און שלמה צוקערמאַן, מיט זיין גרויסער ליבשאַפט און איבערגעגעבנקייט צום קלוב און צו קולטור אין אַלגעמיין, האָט זיך אונטערגענומען אַדורכפירן דעם פּראָיעקט — ניט נאָר בויען דעם אודיטאָריום, נאָר דעם עול צו פאַרקויפן דעם בנין אויף מאָנראָ גאַס — און ער האָט ביידע אויפגאַבן אַדורכגעפירט מיט גרויס קענטעניש און געטריישאַפט.

און טראָץ די טעכנישע שוועריקייטן בעים בויען, וואָס ער האָט אָנגעטראָפן, האָט ער מיט פיל מי און אויסדויער אַדורכגעבראָכן אַלע שוועריקייטן און דער אודיטאָריום איז פאַרענדיקט געוואָרן מיט פיל געשמאַק און שיינקייט, אַז עס איז אַ פרייד אַריינצוקומען..

און איצט, אין דעם נייעם שיינעם זאַל אויף דער דריטער גאַס, איז די אויפלעבונג פון קלוב, מיט דער באַנייטער מיטגלידערשאַפט, פאַרדרייפאַכט געוואָרן. איז דאָס זייער אַ גרויסע פרייד און אַ דערהייבונג.

שבת נאַכט, דעם 2טן פעברואַר, 1974, איז געווען די דערעפענונג, דער חנוכת הבית. ס'איז געווען אַ גרויסער יום־טוב, וואָס וועט לאַנג פאַרבלייבן אין זיכרון און עס איז אַ גרויס פאַרדרוס וואָס אַזוי פיל מענטשן האָבן ניט געקאָנט אַריינגיין און האָבן געמוזט צוריקגיין.

דער אָוונט פון חנוכת הבית איז געעפנט געוואָרן פון אונדזער חשובן כלל־טוער און פאָרזיצער פון קולטור־קלוב, אַלעקס ראָבין.

אין זיין דערעפענונגס רעדע, קוקנדיק אויפן איבערגעפאַקטן זאַל פון איבער 250 פאַרזאַמלטע מיטגלידער און געסט, האָט ער געפילט ווי צו מאַכן די טראַדיציאָנעלע ברכה „שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה“, און דער עולם האָט געענטפערט אָמן !

מיט פיל דאַנקבאַרקייט צו שלמה צוקערמאַן, האָט ראָבין געזאָגט, האָבן מיר שוין לאַנג געוואַרט, געבענקט און געהאָפט אויף אַן אייגן ווינקל, אין הארץ פון אַ יידישער געגנט. און אָט איז די האָפענונג איצט מקוים געוואָרן. חנוכת הבית מיינט באַנייאונג, האָט ער געזאָגט. ניט נאָר באַנייען מיר די היים, נאָר מיר דאַרפן זיך טאַקע אַליין באַנייען. באַנייען אונדזער קולטורטעטיקייט, און די מי וואָס מיר שפּאָרן נישט איז אַן עדות, אַז מיר נייטיקן זיך נאָך אַלץ, וואָס דער קולטור־קלוב שטעלט מיט זיך פאָר. דאַרפן מיר זיך געבן אַ נדר ממשיך צו זיין די טראַדיציע פון קאַרגע 50 יאָר קולטור־קלוב. און האָט פאַרענדיקט: לאָמיר האָפן אַז אין אונדזער נייער היים וועט זיין ליכטיק, וואַרעם און עס וועט זיך נאָך לאַנג הערן דאָס בעסטע פון יידישן וואָרט.

אין דעם גייסט פון דער גרויסער יום־טובדיקער שטימונג האָט ער וואַרעם באַגריסט די מיטגלידערשאַפט, דעם אינסטיטוט, און אַלע געסט, אין נאָמען פון דער פאַרוואַלטונג.

ער האָט דערמאָנט מיט כבוד די פּיאָנערן, גרינדער פון קלוב, וועלכע זיינען

ניט מער מיט אונדז, אָבער זייער גייסט איז דאָ אין זאַל, ווען דער קלוב הייבט אָן אַ באַנייטן קאַפּיטל.

דער פּאַרזיצער דריקט אויס גרויס אנערקענונג צו שלמה צוקערמאַן, וועלכער איז אַ ספּעציאַליסט אין בוי־פאַך, וואָס האָט מיט גרויס געשמאַק אויסגעפּלאַנירט דעם שיינעם זאַל און די ביבליאָטעק, וואָס פּאַרמאָגט איבער 8000 ביכער, און האָט באַצירט די ווענט מיט בילדער פון יידישע שריפטשטעלער און כלל־טוער אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

די פאָלגנדע חברים האָבן זיך באַטייליקט מיט באַגריסונגען: משה כהן, שלמה צוקערמאַן, אלימלך דייטש, שמואל ברייינין, תנחום ברייס, אפרים שטיין און יעקב קאַהאַן.

דער פּאַרזיצער שטעלט פאָר חבר יעקב קאַהאַן, דעם חשובן כלל־טוער און פירער פון דער היגער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג, פאַר אַ באַגריסונג, און צו מאַכן אָן אַפּיל פאַר פאָנדן צו דעקן טיילוויין דעם דעפיציט וואָס דאָס בויען האָט געקאָסט. דער עולם האָט זיך זייער וואַרעם אָפּגערופן אויף זיין אַפּיל.

אין מוזיקאַלישן פּראָגראַם האָבן זיך באַטייליקט די גוט־באַקאַנטע זינגערין ניצי נימאַן, און אַנדרעי בעלאָו, דער פידל־קינסטלער.

נאָכן פּראָגראַם האָט זיך דער עולם אונטערהאַלטן מיט שיינעם כיבוד, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן פון די חברות פון קלוב.

* * * * *

# יידישער קולטור־קלוב ביי דער אַרבעט

פון דעם נייעם ענערגישן רעקאָרדינג סעקרעטאַר פונעם קלוב, אָשר קיפּניס, האָבן מיר דערהאַלטן די פאָלגנדיקע רשימה פון די קולטור שבת־צונאַכטן אין דער נייער היים פון דעם 46 יאָר אַלטן יידישן קולטור־קלוב, וועלכע מיר דרוקן גערן אין גאַנצן.

● שבת אָונט, פעברואַר דעם 9טן, 1974, איז געווידמעט געוואָרן דעם גרויסן משורר פון היינטיקן דור, אויף יידיש און העברעיש, אהרן צייטלין ז"ל. די רעדנער זיינען געווען: דער חשובער שרייבער און רעדאַקטאָר פון „חשבון" אריה פאַזי.; אַ פערזענלעכער פריינד פון דעם דיכטער און שרייבער, דער פעדאַגאָג און לעקטאָר, ד"ר בערנאַרד כהן. ביידע רעדנער האָבן אַרויסגעבראַכט די גרויסקייט פון דעם טראַדיציאָנעלן יידישן שרייבער אויף ביידע לשונות. פאַרזיצער איז געווען שמואל טויבעס.

● שבת אָונט, פעב. 16טן — אַ סימפּאָזיום פון דעם באַוווסטן שרייבער און לערער, אברהם גאָלאָמב, און דער פיינער לעקטאָר משה פאָגל. די טעמע: „וועלטלעכע יידישקייט". חזן הערלד גרין האָט געזונגען יידישע און העברעישע לידער. פאַרזיצער: הענעך בערמאַן.

● שבת אָונט, פעב. 23טן — איז דער אָונט געווידמעט געוואָרן דעם גרויסן יידישן פיאָנער פון מדינת ישראל, דוד בן־גוריון ז"ל. עס האָבן גערעדט דער געלערנטער ד"ר מנחם באור: „בן־גוריון דער תנ"ך־קענער", און נחום מאַקסאָן, דירעקטאָר פון די פאָלקס אָרגאַניזאַציעס, פון נאַציאָנאַל־פאָנד — „בן־גוריון דער שטאַטסמאַן." פאַרזיצער: אלימלך דייטש.

● שבת אָונט, מערץ דעם 2טן, איז פאָרגעקומען אַ מיטגלידערשאַפט־אָונט צו דערוויילן באַאַמטע פון קלוב, מיט אַ פיינעם קאָנצערט פון איזאַבעל כּץ אין אָן אויסוואַל פון יידישע און העברעישע לידער. ביי דעם אָונט האָט דער פאַרזיצער חבר אַלעקס ראַבין, פאַרגעלייענט אַ צעטל פון באַאַמטע, עקזעקוטיווע און קאָמיטעטן, וועלכע וועלן דאַרפן אָנפירן מיט אַלע אַקטיוויטעטן פון קלוב. אַלע זיינען איינשטימיק דערווײלט געוואָרן.

● שבת אָונט, מערץ 9טן, איז פאָרגעקומען אַ פורים־פייערונג, מיט דער באַטייליגונג פון דעם געלערנטן ישראל גובקין, וועלכער האָט גערעדט וועגן פורים. חזן הערלד גרין האָט געזונגען לידער לכבוד פורים און דער עולם האָט מיטגעזונגען. אָשר קיפּניס האָט געלייענט די מגילה. מ'האָט מכבד געווען דעם עולם מיט המןטאַשן. פאַרזיצער: אַלעקס ראַבין.

• שבת אָונט, מערץ 16טן, האָט רעפע־רירט דער פּאָפּולערער רעדנער און לעק־טאָר, סערגעי נוטקעוויטש, אויף דער טע־מע: „סאָלזשעניצין, דער באַשולדיקער און נביא.“ פאָרזיצער: שמואל ווייס.

• שבת אָונט, מערץ 23טן — אַ רעפע־ראַט פון דעם געלערנטן, ד״ר יודזשין ראָזענמאַן, אויף דער טעמע: „מאַרטין בו־בערס חסידיזם פאַר דעם מאָדערנעם מענטש.“ און אַ מוזיקאַלישע פּראָגראַם פון דער יונגער באַגאַבטער פּיאַניסטין מאַרגאַ בערמאַן, אַן אייניקל פון אונדזער העגעך בערמאַן. פאָרזיצער: אַלעקס ראַבין.

• שבת אָונט, מערץ 30טן — דער צוויי־טער טייל פון ד״ר יודזשין ראָזענמאַנס רעפעראַט.־ דער עולם האָט אַרויסגעוויזן גרויס אינטערעס צו די צוויי לעקציעס. ד״ר אברהם זיגלבוים, דער באַקאַנטער וואָרט־קינסטלער, האָט געלייענט פּאַסיקע לידער. פאָזיצער: אַלעקס ראַבין.

• שבת אָונט, אַפּריל 19טן, שביעי של פסח — אַ רעפעראַט פון אונדזער חשובן שרייבער און רעדאַקטאָר פון „חשבון“, אַריה פאַזי, אויף דער טעמע: „פסח פון אַ וועלטלעכן שטאַנדפּונקט.“ חזן העראַלד גרין האָט באַשיינט דעם יום־טוב מיט אַ פולן פסח־פּראָגראַם. דער עולם האָט מיט־געזונגען. פאָרזיצער: אלימלך דייטש.

• שבת אָונט, אַפּריל 20טן — אַ יזכור־אָונט נאָך אונדזערע זעקס מיליאָן קדו־שים. ד״ר בערל שולגאַסער האָט גערעדט וועגן „קינדער אין דער געטאָ“. מאַטל הורוויץ האָט געלייענט פון דער חורבן־ליטעראַטור. סאָפיע בערגער האָט געזונגען געטאָ־לידער. אַלעקס ראַבין, פאָרזיצער.

• שבת אָונט, אַפּריל 27 — אַ ליטעראַ־ריש־מוזיקאַלישער אָונט לכבוד דער דערשיינונג פון חיים גראַדעס נייעם בוך: „די קלויז און די גאַס.“ דער פאָרזיצער האָט גערעדט וועגן בוך און עס זיינען פאַרקויפט געוואָרן אַ צאָל ביכער. משה פאַגל האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט אויף דער טעמע: „יידן אין דער געשיכטע, יידן צווישן פעלקער“. מוזיק פון דעם קינסט־לער באַבי דובאָוו, אַקאָמפּאַנירט פון חזן העראַלד גרין. פאָרזיצער: אַלעקס ראַבין.

• שבת אָונט, מאַי דעם 4טן, איז געפיי־ערט געוואָרן דעם יום העצמאות צום 26־טן יאָר פון מדינת ישראל. משה כהן, פירנדיקער חבר פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג, האָט גערעדט פון ישראלס דערגרייכונגען זינט דער גרינ־דונג פון דער מדינה, עסטעל מאַרלאַ, באַקאַנטע זינגערין, האָט לכבוד דעם יום־טוב געזונגען פּאַסיקע לידער. פאָרזיצער: אַלעקס ראַבין.

• שבת אָונט, מאַי דעם 11טן—אַן אָונט געווידמעט צו חיים גרינבערג ז״ל. דער לעקטאָר, בערנאַרד גליקמאַן, אַ וועטעראַן פון דער פּועלי־ציון באַוועגונג, האָט גע־רעדט וועגן „חיים גרינבערג דעם שריי־בער, וועגווייזער און טיפער דענקער.“ אָשר קיפּניס האָט געלייענט עפּיזאָדן פון חיים גרינבערגס סטודענטן־יאָרן. פאָר־זיצער: אַלעקס ראַבין.

• שבת אָונט, מאַי דעם 18טן, האָט רעפערירט דער פּעדאַגאָג און דערציער, ד״ר דוד ברידזשער, אויף דער טעמע: „אברהם יהושע העשל, זיין שאַפן און ווירקן.“ דער באַקאַנטער פאָרלייענער משה מאַנדלבוים, האָט געלייענט פון ש. מילער: „מאַטעס פאַרט מער נישט קיין ניו־יאָרק.“ פאָרזיצער: אַלעקס ראַבין.

• שבת אָונט, מאַי 25טן — אַ שבועות יום־טוב. דער באַקאַנטער לערער, שמואל סיגל, האָט גערעדט וועגן „שבועות, דער יום־טוב פון פרילינג און מתן תורה. חזן העראַלד גרין האָט געזונגען פּאַסיקע יום־טוב לידער. פאָרזיצער: אלימלך דייטש.

• שבת אָונט, דעם 1טן יוני — אַן אָונט געווידמעט צו אונדזער אומפאַרגעסלעכן דיכטער ה. רויזענבלאַט ז״ל. סערגיי נוט־קעוויטש, אַ קענער פון ליטעראַטור, האָט גערעדט וועגן „רויזענבלאַטס דיכטונג, און זיינע טיפע פילאָסאָפישע געדאַנקען אין די לידער.“ יצחק רויטבלום האָט מייסטערהאַפט געלייענט פון רויזענבלאַטס געקליבענע לידער. פאָרזיצער: תנחום ברייס.

● שבת אָוונט, יוני 8טן — אַ ליטעראַריש־מוזיקאַלישע פּראָגראַם. משה שקליאַר, טאַלאַנטירטער יידישער דיכטער, האָט גערעדט וועגן „די איבערגעפּלאַנצטע שרייבערס פון פּוילן קיין ישראל.״ איזאַ־בעל כּץ האָט געזונגען אַ ציקל פון יידישע און העברעישע לידער און דער עולם האָט מיטגעזונגען. פאָרזיצער: אַלעקס ראַבין.

● שבת אָוונט, 15טן יוני, האָט אונדזער חשובער אַלעקס ראַבין, צום סיום הזמן, צוגעגרייט אַ רייכע מוזיקאַלישע פּראָג־ראַם: דעם באַוווסטן פידל־קינסטלער אַנ־דריי בעלאָוו, דעם פּיאַניסט דזשאַן דזשענ־סען, און חזן העראַלד גרין, וועלכע האָבן אַרויסגערופן אַפּלאָדיסמענטן פון עולם.

* * * * *

די פאָלגנדע חברים האָבן באַגריסט דעם גרויסן עולם פון מיטגלידער און געסט: דער פאָרזיצער שטעלט פאָר דעם בוי־אַרכיטעקט פון נייעם בנין, שלמה צוקער־מאַן, פאַר אַ באַגריסונג. חבר צוקערמאַן דערמאָנט דריי עפּאָכעס פון יידישן קול־טור־קלוב זינט זיין גרינדונג. ער באַגריסט די עלטסטע מיטגלידער וואָס זיינען ביים קלוב זינט זיין גרינדונג: שמואל ברייבינק, סעם לעווין, און תנחום ברייס. ער דער־מאָנט אויך עטלעכע פון די גרינדער וואָס זיינען שוין מער נישטאָ, און ער פאָרענ־דיקט זיין רעדע מיט דער האָפענונג אַז נאָך אַ סך יאָרן וועט מען אין קלוב הערן פון דאָס בעסטע וואָס די יידישע ליטע־ראַטור פאַרמאָגט.

דער פאָרזיצער שטעלט פאָר יעקב קאַ־האַן, דעם חשובן כלל־טוער און פירער פון דער פאַראייניקטער ציוניסטישער באַ־וועגונג פאַר אַ באַגריסונג. דער פאָרזיצער באַמערקט אין זיין רעדע אַז חבר קאַהאַן מיט זיין אַקטיוון באַטייליקן זיך אין דער פירערשאַפט פון קלוב, האָט געבראַכט אַ סך אָרגאַניזאַטאָרישן וויסן מיט וועלכן דער קלוב איז אַ סך באַרייכערט געוואָרן. חבר קאַהאַן דריקט אויס גרויס אָנערקע־נונג צו אַלעקס ראַבין, פאַר אַריינגעבן אַזוי פיל מי אַז די אָוונטן זאָלן אַדורכגעפירט ווערן אויף אַזאַ הויכן ניוואָ.

און צולעצט שטעלט ער פאָר דעם חשובן רעדאַקטאָר, פון „חשבון״ אַריה פאַזי וועלכער האָט צווישן אַנדערעס אויסגע־געדריקט דעם געדאַנק, אַז דער באַנייטער קלוב, מיט די שיינע הויך־קולטורעלע פּראָגראַמען, האָבן אויפגעוועקט די נשמה יתירה אין דער מיטגלידערשאַפט, וואָס ווערט אויך אָפּגעשאַצט אַחוץ די גרענעצן פון לאָס אַנדזשעלעס.

אין אַ געהויבענער שטימונג איז דער קולטור־זמן פון 1974 פאַרענדיקט גע־וואָרן.

## „פּערל פון דער יידישער פּאָעזיע״ פון חנה און יוסף מלאָטעק שוין דערשינען

אין י. ל. פּרץ פאַרלאַג, תּל־אביב, איז נאָר וואָס דערשינען דאָס לאַנג־דערוואַר־טע בוך „פּערל פון דער יידישער פּאָעזיע״ פון חנה און יוסף מלאָטעק. אין דעם בוך פון 564 זייטן איז אַריינגענומען געוואָרן אַ טייל פון דעם אינטערעסאַנטסטן מאַטע־ריאַל וועגן יידישער פּאָעזיע, פּאָעטן און פאָלקס־שאַפונגען, וואָס ווערן די לעצטע דריי יאָר געדרוקט אין דער דערפאָלג־רייכער אָפּטיילונג אונטער דעם זעלביקן נאָמען אין די זונטאָג־נומערן פון „פאָר־ווערטס״.

דאָס בוך באַשטייט פון צוויי אָפּטיילונ־גען. אין דעם ערשטן טייל קומען אַריין 35 ביאָגראַפישע עסייען וועגן יידישע דיכטערס, צוזאַמען מיט אַן אָפּקלייב פון זייערע פּאָעטישע פּערל און זייערע ביל־דער, אָנהייבנדיק פון דער השכלה עפּאָכע ביז דער מאָדערנער פּאָעזיע: מיכל גאָר־דאָן, אליקום צונזער, א. גאָלדפאַדען, י. ל. פּרץ, שלום עליכם, ש. פרוג, א. רייזען, מ. ווינטשעווסקי, דוד עדעלשטאַט, מ. ראָזענפעלד, י. באָוושאָווער, א. ליעסין, ש. אַנסקי, מ. מ. וואַרשאַווסקי, יהואש, ה. ד. נאָמבערג, ח. נ. ביאַליק, י. שניאור, ד. איינהאָרן, י. אַדלער, ה. רויזענבלאַט, ב. וולאַדעק, פּ. הירשביין, ה. לייוויק, מ. ל. האַלפּערן, מאַני לייב, י. י. שוואַרץ, מ. נאַדיר, ז. סעגאַלאָוויטש, י. קאַצענעלסאָן, מ. בראָדערזאָן, א. אַלמי, א. מאַנגער, י. גלאַטשטיין.

אינעם צווייטן טייל: „לייענערס דער־מאָנען זיך״, ווערן געדרוקט שאַפונגען, וואָס ווערן געזונגען ווי פאָלקסלידער, מיט

שמואל ווייס

# ביי דעם סיום הזמן פון דעם יידישן קולטור קלוב אין לאָס אַנגעלעס

דער סיום הזמן פון דעם יידישן קולטור־קלוב איז געווען זייער איינדרוקספול הײַנטיקן יאָר, מחמת דעם רייכן פּראָגראַם, די אינטערעסאַנטע רעדעס, די גרויסע צאָל באַזוכער און דעם געפיל ביי אַלעמען אַז דער קלוב האָט באַוויזן איינצואָרדענען זיין אַרבעט אין אַ נייער היים דורכפירנדיק דעם ערשטן זמן מיט גאָר גרויסן דערפאָלג. אַ סך האָבן זיך געשראָקן, אַז נאָך דעם ווי דער קלוב האָט פאַרקויפט זיין היים אויף מאָנראָ גאַס, וועט זיין אַרבעט איבערגעריסן ווערן און ווער ווייסט צי עס וועט ווידער באַנייט ווערן אין אַן אַנדערער סביבה.

אָבער די 46 יאָר אַלט יידישע קולטור־אינסטיטוציע, וואָס איז געוואָרן אַ שם־דבר ניט בלויז אין לאָס אַנדזשעלעס נאָר אויך איבערן לאַנד, האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען פון אַ סטאַבילע אָרגאַניזאַציע. ניט נאָר איז היינט די היים פונעם קלוב שענער פון פריער, נאָר אויך זיין ערשטער זמן אַרבעט האָט איבערגעטראָפן זיינע פריערדיקע יאָרן.

די „חשבון"־רעדאַקציע האָט דעריבער באַשלאָסן צו דרוקן די וויכטיקע רעדעס וואָס זיינען געהאַלטן געוואָרן ביים אָפּשליסן דעם ערשטן זמן פון דער קולטור־אַרבעט אין דער נייער היים, אין דעם אינסטיטוט פון יידישער דערציונג, אויף 8339 דריטע גאַס, וואָס שפּיגלען אָפּ די ביי־געבוירענע שטימונג פון די טוער אין דעם קלוב.

אַלעקס ראָבין, דער פּאָרזיצער פון קלוב, האָט געגעבן דעם יום־טובדיקן טאָן צו דער מסיבה, בעת ער האָט געעפנט די פאַרזאַמלונג:

## די רעדע פון אַלעקס ראָבין

### פּאָרזיצער פון ל. אַ. יידישן קולטור־קלוב

שוין באַלד זעקס חדשים ווי מיר האָבן באַנייט אונדזער אַרבעט אין דער נייער היים און מיר קענען זיך נאָך אַלץ ניט אָפּוואונדערן פון דער גרויסער אויפלעבונג, פון דער גרויסער צאָל באַזוכער, וועלכע פילן אָן דעם פּרעכטיקן זאַל יעדן שבת־צו־נאַכט, מיט דער דערוואַרטונג צו פאַרברענגען דעם אָוונט אין אַ וואַרעמער קולטור־סביבה, צו הערן דאָס יידישע וואָרט.

מיר מעגן באמת זיין שטאָלץ אויף אונדזערע דערגרייכונגען ביז היינט, אָבער מיר האָבן נאָך פּלענער אויסצוברייטערן אונדזער אַרבעט. מיר ווילן איצט אַ ווײַלע אָפּכאַפּן דעם אָטעם פון דעם גרויסן אימפּעט אָבער מיר האָבן נאָך פּלענער אויסצוברייטערן אונדזער אַרבעט, ווי איר וועט נאָך היינט הערן פון אונדזערע רעדנער. מיר גרייטן זיך צו פאַרגרעסערן די ביבליאָטעק, איינפירן אַן אָפּטיילונג פון י ו ד אַ י ק אַ, אַראַנזשירן אַ לייען־זאַל, ווו ס'וועלן זיך געפינען יידישע צייטונגען, זשורנאַלן, פּעריאָדישע אויסגאַבן, ניט נאָר פון די שטאַטן נאָר אויך מחוץ לארץ, כדי דער קלוב זאָל ווערן די היים פון יידישע קולטור־מענטשן. אונדזער אַרבעט איז ניט קיין מיסיאָנערישע, צו ראַטעווען יידיש לעולמות; ס'איז אַ היים פאַר אונדז אַליין, מיר זאָלן זיך אין דעם קענען אויסלעבן אין אונדזער שטייגער

אויפקלערונגען וועגן זייער ליטעראַרישן מקור.

צווישן די פאָלקלאָריזירטע לידער געפינען זיך שאַפונגען פון: וועלוול זבאַרזשער, בערל בראָדער, א. ב. גאָטלאָבער, מיכל גאָרדאָן, אליקום צונזער, יצחק ריינגאָלד, א. גאָלדפאַדען, בערל שאַפּיר, בירך שאַפּיר, א. מ. שאַרקאַנסקי, מ. סאָרעריוועס, און אַנדערע.

דעם בוך קען מען באַקומען אין דער ביכער־אָפּטיילונג פון אַרבעטער רינג, פאַרן פּרייז פון $7.50.

WORKMEN'S CIRCLE BOOK DEPT.
45 East 33rd St., New York 10016

לעבן און טאָן וואָס מיר קענען ס׳זאָל פאַרגעזעצט ווערן.

ווען איך וויל אין איין זאַץ זאָגן וואָס איז דער קווינטעסענץ וואָס האָט דאָס אַלץ גורם געווען, וואָלט איך געזאָגט אַז ס׳איז דער נייער גייסט וואָס האָט זיך געשאַפן און באַהויכט אונדזער פּעריפּעריע.

ס׳איז געקומען צום אויסדרוק די בענקשאַפט נאָך אונדזער אַלטן עונג שבת — אַ טאָג אָדער אַ נאַכט וואָס זאָל זיין אַנדערש פון די איבעריקע טעג.

די נשמה יתירה האָט ווי אויפגעלעבט אין דער מיטגלידערשאַפט און האָט זיך איבערגעגעבן דעם יידיש־ריידנדיקן סעקטאָר פון לאָס אַנגעלעס, און איצט קענען מיר אָן מליצה זאָגן און פרעגן: ווי וואָלט אונדזער קולטור־לעבן אויסגעזען אָן דעם יידישן קולטור־קלוב? ס׳וואָלט געווען ניט נאָר אַ בלויז נאָר ממש אַ פּוסטקייט.

איז זאָל דאָס זיין אַן אָנרעגונג פאַר אַ סך פון די געסט דאָ היינט, איר זאָלט ווערן מיטגלידער פון קלוב, צולייגן אייער האַנט און שטאַרקן אונדזערע הענט — יאָ — און אויך די קעשענעס, און מיר וועלן באמת קענען זאָגן דעם חזק, חזק, ונתחזק!

אין דעם אויפשוווּנג פון באַנייאונג און באַגייסטערונג וואָס מיר האָבן פאַר זיך זיינען צוגעשטאַנען צו אַרבעט — און מאַכט ניט קיין טעות — ס׳פאָדערט זיך אַ סך אַרבעט און מי אָנצופירן מיט אַזאַ אָרגאַניזאַציע — זיינען צוגעשטאַנען צו דער אַרבעט אַ צאָל נייע טיכטיקע מענטשן וועלכע העלפן אין דער אָנפירונג פון קלוב. זייער ביישטייער איז ניט אָפּצושאַצן, ווייל דאָס איז דער באַשטאַנדטייל פון יעדער אַקטיווער אָרגאַניזאַציע. צו אַלע, אונדזער ברכה און דאַנק.

(חבר אַלעקס ראָבין פאַררופט זיך אויף דער רעדע פון שלמה צוקערמאַן, געדרוקט אין דעם נומער „חשבון“ אויף אַן אַנדער פּלאַץ, אין וועלכער עס זיינען אויסגערעכנט די נעמען פון אַקטיווע טוער אינעם קלוב, אין די פאַרשיידענע פּעריאָדן פון זיין 48 יאָריקער עקזיסטענץ, און זעצט פאָר):

שלמה צוקערמאַן, דער בוימייסטער פון דעם שיינעם זאַל דאָ איצט, האָט פריער גערעדט וועגן די תקופות פון קלוב זינט דער קלוב עקזיסטירט. ער האָט זיך פאַררופן אויף די מענטשן וועלכע זיינען אין די פאַרשיידענע ציטן געשטאַנען ביי דער אָנפירערשאַפט, די 3 היימען פון קלוב, און דעם הויכן קולטור־ניוואָ דורך די יאָרן.

דערמאָנט דאָס מיר אָן אַ פאָלקלאָר־מעשה וואָס איך האָב אַמאָל געהערט פון ד״ר שלמה ביקל ע״ה און וואָס איך דערצייל זי איבער איצט, ווייל איך טראַכט אַז ס׳איז זייער אָנגעמאָסטן אויפן קלוב און אויף אונדז.

די מעשה:

ס׳איז אַמאָל פאַרלאָפן, אַז אויף אַ געווויסער עדה יידן איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ זייער ביטערע גזירה. ס׳האָט זיי געדראָעט מיט אומקום. האָבן יידן ווי תמיד, געפּראַוועט תעניתים, געזאָגט תהילים, און ס׳איז געקומען אַ גוטער פרומער ייד, האָט אויסגעזוכט אַ באַשטימטן אָרט, געזאָגט דאָרט אַ געוויסע תפילה, און אין זכות פון דעם איז די גזירה בטל געוואָרן.

יאָרן שפּעטער — נאָך אַ מאָל אַ גזירה. אַ פאַרצווייפלונג. דער גוטער פרומער ייד איז שוין מער ניט געווען, אָבער מ׳האָט נאָך געדענקט די תפילה און אויך דאָס אָרט און דאָס אָרט איז געווען גענוג אָפּצושרייען די נייע גזירה.

נאָך שפּעטער, אַז ס׳איז געקומען נאָך אַ גזירה אַ דריטן מאָל, איז ניט נאָר ניט געווען דער גוטער ייד, אפילו די תפילה האָט מען שוין אויך פאַרגעסן. אָבער די עלטערע פון דער עדה האָבן נאָך געדענקט דאָס אָרט, איז מען זיך צוזאַמענגעקומען, געזאָגט תפילה בציבור און אויך דאָס האָט געהאָלפן.

אָבער נאָך שפּעטער, אַז ס׳איז געקומען נאָך אַ גזירה, און ס׳איז ניט געווען דער גוטער ייד, ניט די נייטיקע תפילה, און דאָס אָרט האָט מען שוין אויך פאַרגעסן, איז טאַקע געווען זייער ביטער.

דער מוסר השכל:

זאָל אונדזער אַלעמענס תפילה היינט אָוונט זיין, אַז מיר זאָלן אַלע מאָל האָבן די גוטע יידן, די מענטשן אָנצופירן מיט אונדזער אַרבעט; ניט פאַרגעסן די תפילה, דאָס הייסט, יידישע קולטור, און האָבן אַן אָרט, ווי איצט, אונדזער שיינער אודיטאָריום, וווּ דאָס יידישע וואָרט געפינט אַ תיקון.

# די רעדע פון שלמה צוקערמאַן

## איניציאַטאָר און בויער פון דער נייער היים פון יידישן קולטור־קלוב

„חשובע מיטגלידער און פריינד:

אַ סך פון אונדזערע ניי־צוגעקומענע מיטגלידער פרעגן מיך אָפט: ווי אַזוי איז דער קלוב געבוירן געוואָרן? וואָס האָט געפירט צו דער גרינדונג פון אַזאַ קלוב?

איז דערלויבט מיר צו באַקענען די יעניקע חברים און חברות אַביסל מיט דער געשיכטע פון די דריי תקופות פון דעם קלוב.

לאָמיר אָנהייבן מיט דער ערשטער תקופה:

די גרינדונג פונעם קלוב איז פאָרגעקומען אין 1926, מיט 48 יאָר צוריק, ווען אויף דער יידישער גאַס איז אָנגעגאַנגען אַ קאַמף צווישן די יידישע פּאַרטיי ריכטונגען פון לינקע און רעכטע, האָט אַ קליינע גרופּע פון אומפּאַרטייאישע קולטור־מענטשן זיך פאַרטראַכט צו גרינדן אַן איבערפּאַרטייאישן יידישן קלוב, ווו דער יידישער מענטש זאָל זיך קענען גייסטיק און קולטורעל אויסלעבן.

די גרינדער פונעם קלוב זיינען געווען: אליהו טענענהאָלץ; ד״ר נתן זאַלצמאַן, אַ באַקאַנטע פּערזענלעכקייט אין לאָס אַנגעלעס; י. ל. מאַלאַמוד, לואי האַמבורגער, א. וואַהלמאַן, און ב. ווינער.

די נייע דירה פון קלוב איז געווען ערגעץ אויף אַ באַרג אין סאַנסעט בולוואַרד.

צו אָט דער גרופּע זיינען שפּעטער צוגעשטאַנען אונדזער באַליבטער דיכטער ה. רויזענבלאַט, י. פרידלאַנד, משה לייב קאַפּעלאַף, בען צוקערמאַן, אהרן אייראַוו און אַנדערע, וועמענס נעמען איך קען לײדער ניט אַלע געדענקען.

די דעמאָלסדיקע סקעפּטיקער האָבן נביאות געזאָגט, אַז דער קלוב וועט לאַנג נישט עקזיסטירן: ווער וועט קומען אויף אַ באַרג אין סאַנסעט בולוואַרד? אַזש לעבן גלענדייל! האָבן זיי געפרעגט. אָבער באַלד ביי זיין גרינדונג איז דער קלוב טראָץ דעם געוואָרן אַ גרויסער דערפאָלג.

יעדן שבת אָונט זיינען דורכגעפירט געוואָרן ליטעראַרישע אָוונטן, ווי לעקציעס, יידישע קאָנצערטן, פייערונגען פון אונדזערע יידישע ימים טובים און אַזוי ווייטער.

לויט ווי איך האָב געלייענט אין די אַלטע פּראָטאָקאָלן איז דער ערשטער יום־טוב וואָס מ'האָט געפּראַוועט אין קלוב געווען דער יום־טוב פּסח.

אין די פּראָטאָקאָלן ווערט פּראַכטפול געשילדערט ווי אַזוי י. מאַלאַמוד האָט געפּראַוועט דעם סדר, אָנגעטאָן אין אַ ווייסן קיטל, געזאָגט די הגדה. מען האָט אויך געלייענט פּסח־מעשהלעך פון דער יידישער ליטעראַטור. מען האָט גערעדט וועגן יום־טוב פּסח — אין אַ היינטיקער אויסטייטשונג; מען האָט פאַרבראַכט אַ פריידיקן פּסח־סדר — דער ערשטער אַלטער יידישער יום־טוב אינעם נייעם יידישן קלוב אין לאָס אַנגעלעס.

און געקומען צום יום־טוב זיינען איבער 100 מענטשן, וואָס דעמאָלט, מיט קנאַפּע פופציק יאָר צוריק, איז געווען גאָר אַ היפּשער עולם.

אַזוי זיינען אָנגעגאַנגען די אַקטיוויטעטן אין קלוב אויף סאַנסעט בולוואַרד 19 יאָר ביז מ'האָט זיך אַריבערגעצויגן אין דער נייער אייגענער היים אויף מאַנראָ גאַס.

אויף מאַנראָ גאַס הייבט זיך אָן די צווייטע תקופה פון קלוב.

איך בין געקומען אין לאָס אַנגעלעס אין יאַנואַר 1945, באַלד ווען דער קלוב האָט זיך אָנגעהויבן בויען. איך פיל זיך פּריווילעגירט וואָס אויך איך האָב גענומען אַן אנטייל אין העלפן בויען דעם קלוב אויף מאַנראָ גאַס. און ווי איר זעט שטיי איך פאַר אייך היינט שוין באַלד 30 יאָר און כ'בין נאָך אַלץ אין קלוב.

די צווייטע תקופה איז געווען די גאָלדערע עפּאָכע פון קלוב, מיט אַ נייער אייגענער היים, מיט אַ ביבליאָטעק. מחמת דער רחבות פונעם זאַל, האָט דער קלוב אויסגעברייטערט די אַקטיוויטעטן. מ'האָט אויפגעפירט אויך טעאַטער־פאָרשטעלונגען; געהאַט כמעט יעדן יאָר אַ בוך־חודש, אַ מוזיק־חודש און אַ קונסט־אויסשטעלונג.

עטלעכע יאָר צייט האָט אויך אַרום דעם קלוב פונקציאָנירט אַ יידישער יוגנט־קלוב און אויך אַ יוגנטלעכע דראַמאַטישע סטודיאָ.

איך האָב פריער דערמאָנט דעם ערשטן פסח יום־טוב וואָס ס'איז געפּראַוועט געוואָרן מיט 49 יאָר צוריק אויף סאָנסעט בולוואַרד. אויך אויף מאָנראָ גאַס געדענק איך אַ פסח־סדר געפּראַוועט פון חזן גרין, מיט דעם דיכטער ה. רויזענבלאַט און זיין פרוי מלכה. אַלע דריי זיינען געזעסן אויף דער בינע און געפּראַוועט טראַדיציאָנעל־יידיש דעם יום־טוב פסח.

דורך דער צייט ווען דער קלוב האָט געהאַט זיין היים אין סאָנסעט בולוואַרד און אין מאָנראָ גאַס האָבן אין קלוב אויפגעטראָטן אַזעלכע פערזענלעכקייטן ווי ד"ר חיים זשיטלאָווסקי, ש. יאַנאָווסקי, פּרץ הירשביין, ה. לייוויק, זלמן שניאור, אבא גאָרדין, יואל ענטין, דוד פּינסקי, און אים צו לאַנגע יאָר, אונדזער באַליבטער דיכטער חיים גראַדע, וואָס דער קלוב איז געווען דער ערשטער וואָס האָט אים אַראָפּגעבראַכט קיין לאָס אַנגעלעס אין 1948.

חוץ די אויבן־דערמאָנטע זיינען אָפּט מאָל אויפגעטראָטן אונדזערע אייגענע תושבים שריפטשטעלער און דיכטער: ה. רויזענבלאַט, וועלכער איז פאַר אַ צייט אויך געווען פּרעזידענט פון קלוב; ש. מילער, פּינטשע בערמאַן, מלכה חפץ טוזמאַן הערי לאַנג, אסתר שומיאַטשער, סערגעי בוטקעוויטש, שמואל סיגעל, וואָס איז געווען זייער נאָענט צום קלוב, אונדזער אריה פּאָזי, שמואל ווייס און אַנדערע.

ס'זיינען אויך אויפגעטראָטן יעקב גלאַטשטיין ע"ה און אים צו לאַנגע יאָר, יצחק באַשעוויס זינגער.

פון אונדזערע קינסטלער־שוישפּילערס וואָס האָבן אויפגעטראָטן אין קלוב זיינען געווען: רודאָלף שילדקרויט, פּאָול מוני, מאָריס שוואַרץ, מאָריס מאָסקאָוויטש, פּאָול באַראַטאָוו און אַנדערע.

פון די חזנים וואָס האָבן אויפגעטראָטן אין קלוב זיינען געווען, דער וועלט־באַרימטער חזן יאָסעלע ראָזענבלאַט און אויך לייבעלע גלאַנץ.

איך וויל אויך ביי דער געלעגנהייט דערמאָנען אונדזער ליבהאַרציקע פייגעלע פאַניץ, וואָס האָט אַזוי פיל יאָרן דערקוויקט אונדזערע הערצער אין קלוב מיט איר זינגען און איר אויסטייטשן דאָס יידישע ליד.

פון אונדזערע אייגענע בינע־קינסטלערס, תושבים אין לאָס אַנגעלעס, וואָס האָבן לאַנגע יאָרן אויפגעטראָטן אין קלוב מיט זייערע פּראַכטיקע רעציטאַציעס, דערמאָן איך: זיגמונט לעוו, וועלכער איז אויך געווען אַקטיוו אין קלוב און באַשיינט אונדזערע שבת אָוונטן מיט פאָרלייענען פון אונדזערע קלאַסיקערס. אויך האָבן אין קלוב אויפגעטראָטן די בינע־קינסטלערס: יצחק רויטבלום, אַברהם זיגלבוים, וועלכע טרעטן ווידער אויף אין דעם נייעם קלוב; דער פאָרלייענער משה מאָנדלבוים, וואָס האָט נאָך זיך באַטייליקט אין סאָנסעט קלוב, אויף מאָנראָ גאַס און אויך אינעם נייעם קלוב.

צווישן די געזעלשאַפטלעכע טוער, וואָס זיינען געוואָרן אַקטיוו אין קלוב אויף מאָנראָ גאַס, זיינען געווען: יעקב ניומאַן, אַ סך יאָרן געווען עקזעקוטיוו דירעקטאָר פונעם קלוב, וואָס האָט אָנגעפירט מיט די פּראָגראַמען; דער קולטור־טוער, יצחק סאַפּיאַן, דער שפּעטערדיקער עקזעקוטיוו דירעקטאָר און וויצע־פּרעזיצער, א"א.

און ווי קען מען שרייבן פון קלוב און נישט דערמאָנען אונדזער ביבליאָטעקאַר נתן אַזאָלין ע"ה, וואָס צו זיין ליבע צום יידישן בוך איז נישט געווען קיין גרענעץ. איינער אַליין האָט ער אויפגעבויט די ביבליאָטעק פון העכער 12000 ביכער. אין די לעצטע יאָרן, אין עלטער פון 90 יאָר, פלעגט ער נאָך קומען אין קלוב כמעט יעדן טאָג. ער האָט צוזאַמענגעשטעלט די ביכער, קאַטאַלאָגירט, יעדן בוך געשטעלט אויף זיין פּלאַץ. זיין געזונט־צושטאַנד איז געווען נישט קיין גוטער, אָבער יעדן טאָג איז ער געקומען און אַכטונג געגעבן, ווי ער האָט געזאָגט: אויף זיין 'בית מדרש.'

ביי אַ פריערדיקער געלעגנהייט האָב איך דערמאָנט די נעמען פון אַ סך פון אונדזערע אַקטיווע טוער אין קלוב, מענער און פרויען. איך וויל זיך ניט איבערחזרן, איך וויל אָבער יאָ דערמאָנען די דריי וועטעראַנען פון קלוב, דאָס זיינען

די חברים: סעם בריינין, תנחום ברייס און סעם לעווין.

בריינין איז געווען און איז אויך איצט איינער פון די זיילן פונעם קלוב. ער איז געווען דער, וואָס האָט אויפגעזוכט און געקויפט דעם פּלאַץ אויף מאַנראָ גאַס און אויך געשאַפן טויזנטער דאָלער צו בויען דעם קלוב. 14 יאָר איז ער געווען פינאַנץ־סעקרעטאַר.

סעם לעווין האָט כמעט געהאַלטן יעדן אַמט אין קלוב: פּראָטאָקאָל סעקרעטאַר, פינאַנץ סעקרעטאַר און בריוו־פּאַרוואַלטער.

תנחום ברייס, וואָלט איך געזאָגט, איז געווען אַ מיניסטער אָן אַ פּאָרטפעל. מיר האָבן זיך צוגעהערט צו זיין מיינונג, און ווען פרידלאַנד האָט באַשטימט אַ פּאַרזיצער פאַר אַ שבת אָוונט, איז ברייס ביי אים געווען דער ערשטער אויפן צעטל.

ווען די געשיכטע פונעם קלוב וועט געשריבן ווערן, און איך האָף אַז צום 50סטן יאָר וועט זיך געפינען עמיצער וואָס זאָל עס שרייבן, וועלן זייערע נעמען אוודאי אַריין צווישן די אַקטיוויסטע טוער אין קלוב.

די דריטע תקופה, דאָס איז דער איצטיקער קלוב. דאָ זענט איר דאָך אַליין עדות, וואָס פאַר אַ גרויסער דערפאָלג עס איז.

מיר האָבן זיך אויך היינט נישט צוגעהערט צו די סקעפּטיקער און מיר האָבן אויפגעבויט דעם פּראַקטיקן שיינעם זאַל מיט אַ פיינער ביבליאָטעק. דער קלוב האָט ווייטער אָן אַדרעס און אַ בכבודיקן אַדרעס: אינעם אינסטיטוט פאַר יידישע דערציונג. מיר האָבן היינט גרויסע מעגלעכקייטן צו פאַרברייטערן אונדזערע אַקטיוויטעטן.

אויף דעם לעצטן עקזעקוטיוו מיטינג האָט מען באַשלאָסן צוצובויען נאָך פּאָליצעס פאַר נייע ביכער. מיר וועלן אויך איינאָרדענען אַזעלכע שטענדערס צו האַלטן צייטונגען און זשורנאַלן, און אויך אַנדערע זאַכן וואָס מיר דאַרפן האָבן צו פאַרשענערן דעם זאַל.

איך מאַך נישט היינט קיין אַפּיל, אָבער איר מעגט עס וויסן, אַז פאַר דעם צוועק פון פאַרגרעסערן די ביבליאָטעק האָט אונדזער חבר און חברה האָלאַנד צוגעטראָגן אַ טשעק פון 100 דאָלער צו קויפן נייע ביכער. אויך אַנדערע חברים האָבן צוגעזאָגט געוויסע סומעס פאַר דער ביבליאָטעק. אָבער, ווי שוין געזאָגט, מאַכן מיר היינט ניט קיין געלט־זאַמלונגען.

איך דאַנק אייך אַלעמען פאַר אייער אָפּרוף צום קלוב און ניט פאַרשעמט די וואָס האָבן געגרינדעט דעם קלוב, די שפּעטערדיקע טוער און אויך די איצטיקע טוער.

אַ ספּעציעלן יישר־כוח קומט חבר א ל ע ק ס ר אַ ב י ן פאַר זיין אומדערמידלעכער אַרבעט פאַרן קלוב. ריכטיק האָט אַמאָל דער פּעדאַגאָג שלמה בערקאָוויטש געשריבן, אַז ראַבין איז איינער פון די 10 יידישע אַקטיוועסטע קולטור־עסקנים אין אַמעריקע. איך אַרבעט מיט אים און שרייב זיך אונטער אויף אָט־דער מיינונג.

לאָמיר האָפן, אַז מיר וועלן אַלע זיין געזונט און דערלעבן צו פייערן דעם 50 יאָריקן יובל פון קלוב און קיינער פון אונדז זאָל נישט פעלן."

* * * * *

חבר צוקערמאַן האָט צום סוף פון זיין איינדרוקספולער רעדע געבעטן אַנטשולדיקונג ביי די אַלע חשובע געוועזענע און איצטיקע טוערס, וועמענס נעמען ער האָט אויסגעלאָזן אין זיין רעדע. אין זיינע איצטיקע באַדינגונגען איז אים געווען כמעט אוממעגלעך צו געדענקען אָדער נאָכזוכן די אַלע נעמען וועלכע האָבן געשפּילט און שפּילן נאָך היינט אַ ראָל אין דער אַנטוויקלונג פון דער 46 יאָר אַלטער יידישער קולטור אינסטיטוציע אין לאָס אַנדזשעלעס.

* * * * *

# די רעדע פון יעקב קאַהאַן

## אָנפירנדיקע פּערזענלעכקייט אין דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג

צום היינטיקן יום־טוב פון סיום הזמן פון די אויפגעלעבטע אַקטיוויטעטן אין קול־טור־קלוב, איז מיר צוגעטיילט געוואָרן צו געבן אַן אָפּשאַצונג וועגן דעם איינדרוק, וועגן דער באַציונג פון דעם צד פון אונ־זוער באַוועגונג, לגבי דעם מזלדיקן שידוך פון האָבן די היים פון קולטור קלוב אונ־טער אונדזער דאַך פון אינסטיטוט.

וויל איך קודם כל אויפריכטיק און האַר־ציק באַגריסן אין נאָמען פון דער באַווע־גונג, די טוער און אונדז אַלעמען, פאַר אַריינברענגען די לעצטע חדשים אַ גייס־טיקע אויפלעבונג אין אונדזערע רייען.

איך וועל מיין איינזייטיקע אָפּשאַצונג פאָרמולירן מיט עטלעכע קאָנקרעטע פאַקטן.

ווען צו אונדז איז געבראַכט געוואָרן דער געדאַנק צו מאַכן די היים פון קולטור קלוב אין אונדזער בנין, האָט עס לכתחילה פון ערשטן טאָג אָן אַרויסגערופן אַ גאָר וואַרעמען אָפּרוף און אינטערעס ביי אונ־זוערע פירנדיקע חברים.

מיר האָבן מיט אַלע מעגלעכקייטן גע־האָלפן קומען צו אַ געמיינזאַמער חברי־שער פאַרשטענדיקונג און געזוכט דעם געדאַנק וואָס גיכער צו רעאַליזירן. חבר צוקערמאַן, האָט אין די חדשים פון זיין איבערמענטשלעכער אָנגעשטרענגטער אַרבעט זיך מיט אונדז אָפט באַראָטן וועגן אונטערגעקומענע פּראָבלעמען.

מיט באַגייסטערונג און פרייד האָבן מיר זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דעם איינ־דרוקספולן חנוכת הבית. אַ צאָל פון אונ־זוערע חברים האָבן זיך אָנגעשלאָסן אַלס מיטגלידער און אַ טייל אין דער אַקטיווער מיטאַרבעט אין קולטור קלוב. דער אַפּילו פאַר פינאַנציעלע בייטראָגן איז פון אונ־זוערע חברים אויפגענומען געוואָרן מיט פאַראַנטוואָרטלעכקייט און באַציונג.

די באַנייטע קולטור־אַקטיוויטעטן האָבן ממש פאַרכאַפּט די פאַנטאַזיע פון אַ גרוי־סער צאָל חברים, פון דעם וואָס מיר זיינען באַרייכערט געוואָרן מיט אַ פּראַכטיקן אוידיטאָריום, אַן אוידיטאָריום וואָס ווערט יעדן שבת אָנגעפילט מיט אינהאַלט, מיט יידישער שעפערישקייט, מיט תוכן פון אַ העכערער ניוואָ. זעען מיר טאַקע יעדן שבת אָוונט אַ היפשע צאָל חברים וועלכע קומען געניסן פון אַ גייסטרייכן אָוונט און זיך אויסלעבן אין דער וואַרע־מער יידיש־קולטורעלער סביבה פון קול־טור קלוב.

זייער שטאַרק ווערט אָפּגעשאַצט די וויכטיקייט פאַר אונדז, דאָס וואָס די באַ־וועגונג האָט צוגעטראָגן אַ באַקוועמען רחבותדיקן זאַל פאַר אונדזערע אייגענע אַקטיוויטעטן. אָט האָבן מיר פאַריקע וואָך דאָ געהאַט אַ גרויסע הסתדרות פאַרזאַמ־לונג, ווי מיר האָבן מקבל פנים געווען דריי נאַציאָנאַלע הסתדרות פערזענלעכ־קייטן. דער עולם האָט באַוואונדערט דעם זאַל און איך האָב אָפיציעל אויסגעדריקט אונדזער געפיל פון דאַנקבאַרקייט דעם יידישן קולטור־קלוב וואָס האָט דאָס דערמעגלעכט.

כאַראַקטעריסטיש, נישט נאָר קומט די באַגייסטערונג און אָפּשאַצונג פון אונדזע־רע לאָקאַלע חברים, נאָר אויך נאַציאָנאַל ווערט באַגריסט דאָס האָבן די היים פון קולטור קלוב אין אונדזער בנין.

אונדזער נאַציאָנאַלער פּרעזידענט, ד״ר יהודה שאַפּירא, איז געווען ביי אונדז אויף אַ באַזוך. ער האָט געזען דעם אוידיטאָ־ריום און מיר האָבן אים אינפאָרמירט וועגן אונדזער קולטור־טעטיקייט. ער האָט שפּעטער אין ניו־יאָרק, אין זיין באַריכט צו דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע, זייער וואַרעם גערעדט וועגן דעם יידישן קול־טור קלוב אין לאָס אַנדזשעלעס, ספּעציעל וועגן דער גרויסער, רייכער ביבליאָטעק, וואָס באַצירט די ווענט פונעם קלוב און וועגן די אינהאַלטסרייכע פּראָגראַמען וואָס דער קלוב גרייט זיך דורכצופירן.

נאָך אַ פאַקט וואָס איך האַלט פאַר וויכ־טיק אין מיין אָפּשאַצונג, איז דער איינ־פלוס און ווירקונג וואָס די יידיש־קולטו־רעלע אַטמאָספערע פון קולטור קלוב, האָט אומדירעקט באַאיינפלוסט אין דער קור־צער צייט אַ בעסערע באַציונג צו יידיש אין אונדזערע רייען. לאָמיר עס באַגרינדן:

דער „פאַראייניקטער ציוניסטישער פאַר־באַנד" פירט דורך די לעצטע עטלעכע

יאָר סעמינאַרן ווו עס ווערן אויף אַ חברישן אופן באַהאַנדלט פאַרשיידענע צייטיקע פּראָבלעמען מיט פאַרשיידענע געסט־רעדנער.

צו די סעמינאַרן האָט מען ביז איצט קיין מאָל נישט איינגעלאַדן קיין רעדנער אויף יידיש. דאַגעגן האָבן מיר אויף אונדזער סעמינאַר דעם חודש געהאַט אַ ספּעציעלן „וואָרקשאָפּ" אַ ספּעציעלע זיצונג אויף דער טעמע „יידישקייט און יידיש".

דער פאָרזיצער האָט געפירט די זיצונג אין יידיש, די דיסקוסיעס אין יידיש. אין די דיסקוסיעס איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן דער פאַרלאַנג צו פאַרשטאַרקן דעם אויפהאַלט פון יידיש אין אונדזערע רייען. איך באַטראַכט עס כמעט ווי אַ רעוואָלוציע אין אונדזער פאַרייניקטן פאַרבאַנד.

משה כהן איז געווען דער איניציאַטאָר אין אַריינברענגען די ענדערונג. ווייס איך נישט מיט וואָס משה וועט דאָס באַגרינדן, אָבער איך זאָג מיט מיין פולסטער איבערצייגונג, אַז דאָס איז געווען אַ דירעקטער פּועל־יוצא און השפעה פון דער יידיש־קולטורעלער אַטמאָספערע וואָס איז צו אונדז אַריינגעבראַכט געוואָרן פון יידישן קולטור קלוב.

ווי איר זעט, חברים, האָב איך זיך געהאַלטן אין די ראַמען פון אַן איינזייטיקער אָפּשאַצונג פון די געווינסן. ווייסן מיר אָבער אויך אַז דער צווייטער צד האָט אויך אַזוי פיל און אפשר נאָך מער געוווּנען פון דער נייער היים. אַממערסטן האָט געוווּנען דער דריטער צד, דאָס יידישע לשון און דאָס אויפלעבן פון יידישע קולטור טעטיקייטן, וואָס איז אונדזער אַלעמענס געווינס.

דריק איך אויס אין נאָמען פון דער באַוועגונג אונדזער טיפסטע דאַנקבאַרקייט צו חבר שלמה צוקערמאַן, וועלכער האָט מיט אַזוי פיל פאַרעקשנטן ווילן און אומדערמידלעכער אַרבעט, ענערגיע, צייט, מי און עגמת נפש אונדז ממש געגעבן די נייע קולטור־היים.

ס'איז די העכסטע צייט מיר זאָלן אונדזער אנערקענונג צו שלמה צוקערמאַן זיך נישט באַנוגענען מיט בלויז ווערטער וואָס ווערן פאַרגעסן; אונדזער אנערקענונג דאַרף זיין אַ ממשותדיקע, ווי ער האָט עס פאַרדינט.

גרויס אנערקענונג פאַרדינט דער פאָרזיצער פון קלוב, וועלכער טראָגט די שווערע קאָמפּליצירטע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון צוגרייטן און באַזאָרגן די פּאַסנדיקע פּראָגראַמען, און פירט די פּראָגראַמלונגען מיט זעלטענעם טאַקט און אינטעליגענץ — אונדזער ליבער חבר אַלעקס ראַבין.

אַ דאַנק אַלע באַאַמטע און אנטיילנעמער וועלכע קומען יעדן שבת אָונט מיט התלהבותדיקן אינטערעס צו די קולטור־אָונטן.

וואָלט איך געווען אַ פרומער ייד, וואָלט איך געזאָגט, די השגחה האָט אונדז צוזאַמענגעפירט און דער שידוך איז אַ זיווג מן השמים.

געבענטשט זאָל זיין די שעה, ווען מיר האָבן צוזאַמען געלייגט דעם יסוד פון דער נייער היים פאַר יידישער קולטור.

*Seasons Greetings*

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

# HILL MART

**7600 So. Sepulveda Blvd.**

LOS ANGELES 90045

A SUPER MARKET FOR THE DISCRIMINATING

# די רעדע פון אַריה פּאַזי

## רעדאַקטאָר פון „חשבון"

היינט אָונט ביים סיום הזמן, ווי אָפט מאָל ביי אָונטן אין משך פונעם זמן, קומט מיר אויפן געדאַנק די באַרימטע דראַמאַטישע פּאָעמע פון י. ל. פּרץ — די גאָלדענע קייט. דאָרט טרעט אַרויס דער רבי ר' שלמה, דער ערשטער רינג פון דער גאָלדענער קייט, און ער רופט אויס: „איך מאַך קיין הבדלה נישט!"

וווּ'ט דער עולם פאַרציטערט: וואָס הייסט דער רבי מאַכט קיין הבדלה נישט? ...אַז ניט קיין הבדלה ווערט דאָך שבת ניט אָפּגעשטעלט... ווערט שבת פאַרגעזעצט... ווערט דאָך ניט זיין קיין וואָך... און אַז נישט וואָך, איז דאָך ניט מלאכה, ניט האַנדל, ניט וואַנדל... און ווי וועט דענסט מאָל קומען היונה?...

אָבער דער רבי ר' שלמה איז ביי זיך תקיף און ער רופט אויס:

„שבת זאָל זיין — שבת!
מיט צוואַנגען האַלט איך שבת איין!
נישט געפּסקנט, נישט געשטראָפט!"

און דער רבי רעדט ווייטער און קלערט אויף פאַרוואָס ער וויל אויף שטענדיק אָנהאַלטן שבת, און ער זאָגט:

„און זיצט ער, משיח,
אין די טויערן פון רוים
און וואַרט.
גיין קען ער נישט...
די ווונדן היילן זיך נישט...
ער בינדט זיי אויף,
ער בינדט זיי צו —
און גיין, אויסלייזן די וועלט
קען ער נישט!
און קיין כוח צו וואַרטן איז נישטאָ...
אין מרה שחורה זינקט אַריין די וועלט!
אויסגעלייזט מוז ווערן די וועלט!
שבת זאָל זיין!
ש ב ת!
נישט געאַקערט,
נישט געזייט,
נישט געבויט און נישט פאַרריכט...
נישט געהאַנדלט, נישט געוואַנדלט..."

און ווען איינער פון זיינע מקורבים פרעגט אים: „חרוב זאָל ווערן די וועלט?" ענטפערט ער:

„חרוב זאָל ווערן די וועלט!
און מיר —
מיר שבתדיקע,
מיר יום־טובדיקע,
מיר נשמה יתירהדיקע יידן,
וועלן איבער אירע חורבות גיין...
צו אים, צו אים!
זינגענדיק און טאַנצנדיק וועלן מיר גיין
צו אים!"

נון, אָפט מאָל דוכט מיר, אַז דאָ ביי אונדז אין קולטור־קלוב הערשט אַ שטימונג ווי ביי ר' שלמהן: מיר מאַכן קיין הבדלה נישט. מיר ווילן פאַרזעצן דעם שבת ביז שפּעט אין דער נאַכט; מיר ווילן אים פאַרזעצן דורך דערהייבן אונדזער שטימונג — דורך אויסהערן אַ רעפעראַט איבער אַ וויכטיקן קולטור־ענין, דורך געניסן עונג־שבת מיט געזאַנג, מיט מוזיק, מיט אַ ליטעראַרישער פאַרלעזונג וכדומה פּראָגראַמען, מיט וואָס די שבת־אויף־דער־נאַכטן ווערן דאָ אויסגעפּירט.

פאַרשטייט זיך, אַז וואָס איך זאָג דאָ איצט אַרויס איז אַ היפּש ביסל איבערגעטריבן, אַ ביסל מליצהדיק, היפּש גוזמאַדיק. אָבער ווען מ'איז אין אַ יום־טובדיקער שטימונג, מעג מען זיך דערלויבן אַ מאָל עטוואָס מגזם זיין. און דער אמת איז דאָך, אַז י. ל. פּרץ האָט אין זיין גאָלדענע קייט, צוליב זיין פּאָעטישער שטימונג, אויך מגזם געווען. מחמת קיין שום חסידישער רבי — אפילו נישט דער בעש"ט אַליין — איז קיין מאָל נישט אַרויסגעקומען מיט אַזאַ געדאַנק ווי לחלוטין אָפּצושטויסן וואָכעדיקייט, צו פאַרהאַלטן אויף שטענדיק די שבתדיקייט. פאַרקערט, מ'באַגלייט מיט פייערדיקייט די שבתדיקייט, מ'פּראַוועט מיט דער גאַנצער פייערדיקייט אַ מלווה מלכה — די מלכה שבת. און די שטימונג ביי אונדז היינט אָונט דאַרף באמת זיין אַ יום־טובדיק: ס'איז דער סיום פון אַ דערפאָלגרייכן קולטור־סעזאָן, און דאָס א י ז אַ יום־טוב! אָבער וועגן אָט דער יום־טובדיקייט וועל איך ריידן שפּעטער. דערווייל ווילט זיך מיר פאַרזעצן דעם געדאַנק פון

שבתדיקייט אין שייכות מיט אונדזער קולטור־קלוב.

לויט ווי עס ווערט דערציילט אין אַ מדרש (און איך ציטיר דאָס לויט אַ מאמר פון חיים גרינבערג ז"ל), דאַרף נישט אין פשטות געטייטשט ווערן דער פסוק אין חומש ווו עס זאָגט זיך: „וישבות ביום השביעי מכל מלאכתו אשר עשה" — אַז גאָט האָט דעם זיבעטן טאָג גערוט פון זיין אַרבעט וואָס ער האָט געטאָן. ס'דאַרף פאַרשטאַנען ווערן, אַז גאָט האָט פרייטאָג פאַר נאַכט בלויז אָפּגעשטעלט דאָס וואָס ער האָט באַטראַכט פאַר אַרבעט בכדי אויסצופורעמען די וועלט. אָבער שבת האָט ער אויך ניט גערוט. שבת איז ער געווען פאַרנומען מיט אַ נייעם אויפגאַב — ער איז געווען פאַרנומען מיטן שאַפן פונעם שבת גופא.

שבת, הייסט עס, איז אויך אַ טייל פון מעשי בראשית. די וועלט וואָלט ניט געווען פאַרענדיקט, ווען דער רבש"ע וואָלט זיך געווען באַגרענעצט בלויז מיט שאַפן דאָס שטאָפלעכע, דאָס מאַטעריעלע. בכדי די וועלט זאָל האָבן אַ זין, בכדי זי זאָל האָבן אַ רעכט צו עקזיסטירן, מוז זי אויך האָבן גייסטיקייט — און דאָס איז שבת.

אויב מיר זאָלן אָט דעם באַגריף, וואָס ווערט אַרויסגעזאָגט אין מדרש, טייטשן אין אונדזערע הײנטיקע, וועלטלעכע טערמינען, האָבן די מחברים פון מדרש צוגעשריבן צום רבש"ע צוויי אַטריבוטן: דעם אַטריבוט פון אַ „בעל מלאכה" און דעם אַטריבוט פון אַ „קינסטלער".

און דעם אַטריבוט פון אַ קינסטלער איז אין אַ געוויסער מאָס מקיים אויך דער קולטור־קלוב — דורך די קונסט־אָוונטן, וואָס ווערן דאָ דורכגעפירט יעדער וואָך.

ערגעץ־ווו אין תלמוד, דערציילט מען מיר, ווערט אַרויסגעבראַכט דער געדאַנק, אַז ווען גאָט האָט באַשאַפן די וועלט איז אויפגעקומען אַ גרויסע סכנה. דהיינו: אין משך פון די ערשטע זעקס טעג זיינען באַשאַפן געוואָרן מאַטעריעלע זאַכן. און מאַטעריאַליזם, ווי אונדז איז וווויל באַקאַנט, האָט איר אייגענע דינאַמיק — עס האָט אַן אומגעוויינלעכן דראַנג פאַר עקספּאַנסיע, אויסשפּרייטן זיך, און וואָס מער עס שפּרייט זיך אויס, וויל עס נאָך מער און נאָך מער אויסשפּרייטן זיך און קען צו זיך אַליין קיין מאָל ניט זאָגן: עד כאן! גענוג! שטעל זיך אָפּ!

אַזוי אַרום האָט דער וועלט געדראָעט די מוראדיקע סכנה אַזוי פאַרפלייצט צו ווערן מאַטעריאַליסטיש, אַז פאַר קיין אַנדער זאַך זאָל קיין שום אָרט נישט בלייבן, און מאַטעריע זאָל ווערן די איינציקע ווירקלעכקייט.

און אַז דער רבש"ע האָט דערזען אָט די תאווה, אָט די זשעדנעקייט פון מאַטעריע און אַז עס וויל פאַרפלייצן דעם גאַנצן ז י י ן — האָט ער אָפּגעשטעלט דעם באַשאַף און האָט געזאָגט: ביז דאַנען און ניט מער! מער קענט איר זיך נישט פאַרשפּרייטן! און בכדי צו צוימען דער מאַטעריעס צעיושעטן דראַנג, האָט ער אויף דער וועלט אַרויסגעגעבן אַ גזירה, און די גזירה איז: ש ב ת!

דאָס האָט געפירט צו דעם, אַז ביי יידן איז געשאַפן געוואָרן אַ פאַרשטעלונג פון אַ נשמה יתירה, וואָס ווייזט אַרויס איר קיום אום שבת. אָט די נשמה יתירה קומט אַריין אין מענטש בכדי צו באַקעמפן די מאַטעריאַליסטישע הערשאַפט וואָס געוועלטיקט איבער מענטש אין משך פון דער גאַנצער וואָך, בעת ער איז פאַרנומען מיטן קאַמף פאַר זיין עקזיסטענץ.

אָבער צום באַדויערן מוזן מיר פעסטשטעלן, אַז אַ סך פון אונדז האָבן אָט די נשמה יתירה פאַרלוירן. מיר, די וועלטלעכע יידן, דערפילן זיך אָפט מאָל ווי אָרעמע לייט. אין אונדזערע אַמאָליקע פאַרוואָרפענע שטעטלעך איז יעדער פשוטער ייד געווען רייכער פון אונדז. ער האָט פאַרמאָגט אַזעלכע אוצרות ווי שבת און יום־טוב. מיר האָבן אָט די אוצרות פאַרלוירן. אייניקע זאָגן: מיר האָבן זיי פאַרלוירן אויף דער שיף, אויפן וועג קיין אַמעריקע. מיר זיינען אַרויסגעפאָרן גבירים, אָנגעקומען קבצנים.

אָבער אָט די קבצנות מוזן מיר באַקעמפן מיט אַלע כוחות. אָן פייערלעכקייט, אָן יום־טובדיקייט איז אונדזער לעבן פוסט און וויסט. מיר דאַרפן צוריקגעווינען אָט די יום־טובדיקע קראַפט, די פעיקייט אויסצוטיילן אַ טאָג, אָדער כאָטש אַן אָוונט דורך דער וואָך, און אים טראַנספאָרמירן, אים דערהייבן צו אַ מדרגה פון זיין־פולקייט, צו וועלכן יעדער אַנדער

טאָג, אָדער לכל הפחות יעדער אַנדער אָונט איז ניט אַזוי דערהייבן.

און דאָס לאָמיר טאָן, פּרווון טאָן, מיט דעם יידישן קולטור-קלוב.

מיר דאַרפן פּרווון, אַז די אָונטן, ווען מיר פאַרברענגען אָט דאָ אַ צוזאַמען, זאָלן מיר דערוואַרעמט ווערן, זאָלן אין אונדז דערוועקט ווערן די האַלב-אַטראָפּירטע קינסטלערישע קרעפטן, דער טאַלאַנט פון סימבאַליזירן, זעערישקייט — אמונה. אמונה אין אונדזער יידישער קולטור, אמונה אין דעם וואָס יידישקייט און יידיש לשון שטעלט מיט זיך פאָר.

* * * * *

היינט פּראַווען מיר דאָ דעם סיום-הזמן — דעם סיום פון אַ יאָר קולטור-טעטיקייט. אַ סיום ביי יידן איז אַ גרויסער ענין, אַ יום-טוב. ווען יידן אין שול ענדיקן לערנען אַ מסכתא, מאַכט מען פאַר דעם אַ פייערונג. ווען יידן ענדיקן סוף יאָר צו לייענען די תורה, פייערט מען דעם יום-טוב שמחת-תורה, וואָס איז איינער פון די סאַמע פריידיקסטע ימים-טובים. היינט ביי אונדזער סיום-הזמן, דאַרפן מיר עס אויך באַטראַכטן ווי אַ יום-טוב.

און דערביי איז וויכטיק צו געדענקען: שמחת-תורה, ווי נאָר מ'ענדיקט לייענען די לעצטע פּרשה פון דער תורה, אַזוי הייבט מען אָן לייענען די ערשטע פּרשה פון דער תורה.

געענדיקט לייענען די תורה, הייבט מען זי אָן לייענען אויף דאָס ניי.

משמעות, די תורה טאָר זיך קיין מאָל ניט אָפּטאָן פון אונדז!

זאָל עס אַזוי אויך זיין אין אונדזער קולטור-קלוב!

זאָל זיך פון אונדז נישט אָפּטאָן אונדזער קולטור באַוווסטזיין!

מיר ענדיקן היינט איין זמן, לאָמיר אַלע צוזאַמען, טאַקע דאָ היינט, לייגן דעם גרונטשטיין — דעם מאַטעריעלן ווי דעם קולטורעלן גרונטשטיין — פאַר דעם קומענדיקן זמן!

און מיר אַלע זאָלן לעבן און געזונט זיין און קיינער פון אונדז זאָל ניט אויספעלן אין משך פון קומענדיקן זמן!

איך ווינטש אייך אַלעמען אַ גוטן, געזונטן און פריילעכן קומענדיקן קולטור-יאָר!

## לשנה טובה תכתבו ותחתמו

## תכלה שנה וקללותיה

## תחל שנה וברכותיה

די רעדאַקציע און פאַרוואַלטונג פון

## „חשבון" און יידישער קולטור קלוב

שיקן זייערע האַרציקע **לשנה טובה ברכות** צו אַלע אונדזערע מיטאַרבעטערס און לייענערס, צו מדינת ישראל און כל ישראל בכל מקום שהם.

מיר ווינטשן אַלע אונדזערע פריינד אַ **שנת ברכה והצלחה** — און לאָמיר זוכה זיין, אינעם יאָר תשל"ה צו אַן אמתן שלום אויף דער וועלט, נאָך מער אויפשוואונג פון מדינת ישראל און אַ סך נחת פון איר, און אַ סך גליק פאַר אַלע יידן אין דער גאַנצער וועלט. מיר ווילן האָפן, אַז דאָס נייע יאָר וועט אויך ברענגען גליק און פרייד דעם שווער-געפּרווטן יידנטום אין סאָוועטן-פאַרבאַנד, פאַר וועלכע מיר זיינען אַלע מתפלל:

**תחל שנה וברכותיה!**

אַלעקס ראַבין

# שיעור און המשך

צווישן דער גרויסער צאָל סיומי הזמן אין דער יידישער לאַס אַנגעלעס וואָס קו־פּאַר יעדן אָנהייב זומער, באַגלייט מיט פּי־טום און פּובליסיטי, איז אפשר ווייניק באַמערקט געוואָרן איינער. אַ שטילע, באַשיידענע, אָן טומל און אָן רעש, ביי דער גרופּע „המשך". קליין אין כמות, אָבער באַדייטנדיק אין איכות, וואָס איז פאָרגע־קומען פרייטאָג, דעם 7טן יוני היי־יאָר.

וואָס איז די גרופּע „המשך"? וועלן מיר גיין צום אָנהייב.

שמואל ביגער האָט אַמאָל געשריבן: „פון אַ פאָלק פון לערנער זיינען מיר גע־וואָרן אַ פאָלק פון לייענער."

לערנען בציבור איז אַן אַלטע יידישע טראַדיציע. צי ס'איז געווען תלמוד, מדרש, משניות, פּרקי אָבות און נאָך — ניט לייי־ענען, נאָר טאַקע לערנען, ווייל בלויז לער־נענדיק קען מען אַרויסבאַקומען דעם מאַקסימום פון דער טיפקייט פון ספרים.

האָבן אַ גרופּע יידן אין לאָס אַנגעלעס באַשלאָסן צו באַנייען און ממשיך זיין אָט די טראַדיציע פון לערנען בציבור אויפן שטייגער און אין נוסח פון אַן אַמאָליקן שיעור. און ס'איז אונדזער גוטער מזל וואָס מיר האָבן דאָ ביי אונדז אין שטאָט אַ ייד אַ תלמיד חכם, וועלכער האָט איינ־געוויליקט צו לערנען מיט אַזאַ גרופּע. דאָס איז ר' זאב סאַלעס, אַ קענער פון דער אַלטער און נייער ליטע־ראַטור אין ביידע שפּראַכן.

אַ גרופּע קומט זיך צונויף יעדן פריי־טאָג אין דער פרי, 10 אַזייגער, אין דעם בנין פון „קאָונסיל אָוו דזשואיש ווימען", און מיר נוצן אויס אָט־די געלעגנהייט אויסצודריקן אַ דאַנק דער פאַרוואַלטונג פון דעם קאָונסיל פאַר באַוויליקן אונדז אַ שיינעם רחבותדיקן צימער אין גאַנצן פריי, מיט גוטער באַדינונג און פיינער אַטמאָספערע, וואָס איז גורם און דעד־מוטיקט צו לערנען.

שוין פינף יאָר ווי ר' זאב סאַלעס לערנט מיט דער גרופּע מיט גרויס ליבשאַפט און איבערגעבנקייט. מ'איז דורך די 5 יאָר דורכגעגאַנגען דעם כוזרי, עקרים פון אַלבו, אישים, גרויסע פּערזענלעכקייטן אין פאַרשיידענע צייטן, און איצט האַלט מען ביים פאַרענדיקן „שמונה פרקים לרמב"ם".

ס'איז דורך די יאָרן געוואָרן אַן אינס־טיטוציע און ביי היינטיקע צייטן איז דאָס אַ י ש.

היינטיקס יאָר האָט זיך דער סיום הזמן פון דער גרופּע „המשך" געפּאַרט מיט אַ שמחה. די שמחה איז געווען לכבוד ר' סאַלעסעס ווערן אַ בן־שמונים. די תלמידים האָבן אַרויסגעוויזן זייער אָפּשאַצונג און ליבשאַפט צום לערער און האָבן אים צו זיינע „גבורות" פּרעזענטירט מיט אַ גאַנג 3 בענד „ירושלים דליטע" — 500 יאָר ווילנע, מיט אילוסטראַציעס און געשיכט־לעכע דאָקומענטן, וואָס איז נאָר וואָס דערשינען אין ניו־יאָרק. אגב איז באַ־מערקט געוואָרן אַז דאָס איז די חשובסטע מתנה פאַר אַ מענטשן ווי ר' זאב סאַלעס, וועלכער איז דער אמתדיקער איש הספר.

ס'זיינען געווען אַ צאָל באַגריסונגען.

א. ראַבין האָט געזאָגט, אַז צופעליקע דאַטעס האָבן אַ מאָל זייער אייגענע באַ־דייטונג. דאָס וואָס סאַלעס איז געבוירן געוואָרן שבועות, זמן מתן תורה, איז זיי־ער סימבאָליש, ווייל מתן תורה און סאַ־לעס זיינען סינאָנים. סאַלעס איז ניט נאָר אַ גדול בתורה, נאָר איז אַלע זיינע יאָרן מרביץ תורה געווען. אפילו זיין פאַרלע־גערישע אַרבעט אין די שטאָטן און מעבר לים. האָט געטראָפן דער כאַראַקטער פון פאַרשפּרייטן וויסן. מיט זיין ליבשאַפט צו ספרים שטעקט ער אויף אַ שטילן אופן אָן אַנדערע, און דאָס האָט זיך איבערגע־געבן זיין משפּחה און מיטמענטשן.

עמנואל גאָלדפאַרב האָט געזאָגט: ס'איז פאַראַן אַ מאמר אין מסכת ביצה: הנותן מתנה לתינוק צריך להודיע, שנאמר: ומשה לא ידע קרן עור פניו. דער טייטש: ווען מ'גיט אַ מתנה צו אַ קינד, דאַרף מען דאָס באַקאַנט מאַכן, דאַרף מען דאָס לאָזן וויסן. ווילן מיר ר' סאַלעסן לאָזן וויסן, אַז מיר האָבן אַ סך געלערנט פון די שיעורים און מיר שאַצן דאָס אָפּ, און מיר דריקן אויס אונדזער דאַנק און אנערקענונג מיט

אָט דער מתנה, אויך ווייל איר לערנט אויס ליבשאַפט שלא על מנת לקבל פּרס.

יצחק קאָלער האָט אויסגעדריקט דעם געדאַנק, אַז ר׳ סאַלעס האָט אַרויסגעבנדיק ספרים געווען מער אַריינגעטאָן אין זיין אַ קורא ספרים ווי אַ מוכר ספרים.

ש. מינץ האָט, באַגריסנדיק דעם יובילאַר אויסגעדריקט אנערקענונג צו רבקה סאַלעס, אַז זי איז באמת אַן עוזר כנגדו און איר דערמוטיקונג האָט אַלע מאָל געשטאַרקט סאַלעסן אין זיין ראָלע אַלס לערער.

אַלע האָבן געווונטשן דעם בעל־יובל און זיין פרוי רבקה אריכת ימים — נאָך אַ סך שפּעערישע יאָרן.

## סאַלעסעס ענטפער

ס׳איז אַ מנהג אין דער גאַנצער וועלט ובפרט אין אַמעריקע, אַז ווען מען פייערט אַ געבוירן־טאָג פון אַ פריינד, אַ חבר, אָדער אַזוי אַן אָנגעזעענעם מענטשן, צו דערציילן די גרויסע זאַכן, וואָס דער בעל־היובל האָט אויפגעטאָן אין זיין לעבן — און דערביי שפּאָרט מען נישט מיט לוי־בענישן. צולעצט ענטפערט אָפּ דער געלויבטער מיט גרויס באַשיידנקייט, אַז ער איז נישט ווערט די תהילות ותשבחות — און ער רעדט זיך איין, אַז מיט אַזאַ ענטפער האָט ער זיך איינגעשאַפט אַ שפּאָגל־נייע מידה: די מידה פון עניוות, אַ צוגאָב צו די אַנדערע גרויסע מעלות, וואָס די באַגריסער האָבן אויסגערעכנט.

איך וויל מיך דאָ פאַר אייך מתוודה זיין, אַז די סיבה ראשונה פאַר די אַלע אויסגערעכנטע גרויסע אויפטועז מיינע — איז געווען אַן עגאָיסטישע; אַז דעם גרעסטן פּראַקטישן נוצן און דעם העכסטן גייסטיקן געניס קען מען נאָר דערגרייכן אויב מען לערנט בצוותא — האָבן אין מיר אַריינגעקנעלט מיינע רביס נאָך אין די חדר־יאָרן: „מען דאַרף לערנען אין חברשאַפט מיט חברים.”

איך האָב שטענדיק פאַר די אויגן דעם מאמר פון קנין תורה, דעם זעקסטן פרק פון פרקי אָבות, אַז די קענטעניש פון תורה קען מען זיך דערווערבן מיט 48 זאַכן, און איינע פון זיי איז: בדיבוק חברים, באַהעפטן זיך מיט חברים, לערנען בחברותא. אַזויערנאָך האָט איר, טייערע חברים, דעם גרעסטן חלק פון מיין אייגנ־נוציקן תענוג ביים לערנען די חיבורים פון אונדזערע גרויסע גייסטיקע ריזן — און איך וויל אייך דאַנקען דערפאַר פונעם גאַנצן האַרץ. איך וויל אייך בלויז ווינטשן אַז אויך איר אַלע זאָלט נאָך אַ סך יאָרן זיין גרויסע עגאָיסטן אין תורה־לערנען און נאַשן מיטן פולן מויל פון די דברי חז״ל, וואָס זיינען מתוק מדבש ונופת צופים.

איך דאַנק אייך אַלע פאַר די חברישע אויסדרוקן לגבי מיר, סיי מיט ווערטער און סיי מיט מעשים — און אויב איר וועט מיך איינלאַדן צו אייערער אַ שמחה, וועל איך מיך מיט גאָטס הילף רעוואַנזשירן.

* * * * *

צום סוף האָט זיך דער עולם משמח געווען דורך מאַכן אַ לחיים און נהנה געווען פון די גוטע זאַכן וואָס זיינען צוגעגרייט געווען פון לאה פרידמאַן מיט דער הילף פון מרס. סעלצער. זיי ביידן — אַ האַרציקן דאַנק.

די רעדאַקציע און פאַרוואַלטונג פון „חשבון” שליסט זיך אָן אין אַלע ברכות צו אונדזער חשובן מיטאַרבעטער, ר׳ זאב סאַלעס, און ווינטשן אים און זיין פרוי רבקה, זיי זאָלן ממשיך זיין זייער פאַר־דינסטפולע אַרבעט און געניסן אַ סך פרייד פון דעם.

---

לידידינו וחברינו בכל אתר ואתר

תכלה שנה וקללותיה
תחל שנה וברכותיה

ד״ר בערנאַרד און עטעל קאָהען

# ווילי (וועלוול) שאָר — אַ בן תשעים

די פאַרוואַלטונג און רעדאַקציע פון „חשבון", דער לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור־קלוב, און דער ל. א. ייווא קאָמיטעט, באַגריסן ווילי שאָרן צו זיין ווערן אַ נייציקער.

ווילי האָט גרויסע פאַרדינסטן אויפן יידישן קולטור־שטח אַלס גרויסער מעצענאַט, קולטור־טוער און בויער.

יאָרן אַז ער שטייט אין פאָדערגרונט פון אַלע יידישע קולטור־אַרבעטן.

ער שפּרודלט נאָך אַלץ מיט פּראָיעקטן און איז נאָך אַלץ יוגנטלעך.

ער איז אַ האַרציקער, וואַרעמער פאָלקס־מענטש, און מיר אַלע האָבן אים ליב.

מיר ווינטשן אים נאָך אַ סך יאָרן פון געזונט און נחת פון זיין אַרבעט.

## לזכרון דוד ווינער ע"ה

דער יידיש ריידנדיקער סעקטאָר אין לאָס אַנגעלעס איז פאַראָבלט געוואָרן מיטן טויט פון מרדכי דוד ווינער ע"ה, געשטאָרבן ראש חודש תמוז ה.י. געבוירן אין קאַראַסטישעוו, קיעווער גוּבערניע. דאָרט האָט ער באַקומען אַ טראַדיציאָנע־לע יידישע דערציִונג, לערנענדיק אַ פּאָר יאָר אין דער סלאָבאָדקער ישיבה. שפּעטער איז ער, ווי אַ סך פון זיין דור, אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער רעוואָלו־ציאָנערער באַוועגונג, אין די קאַמפן קעגן צאַריזם, און דאָס האָט גורם געווען ער זאָל מוזן פאַרלאָזן זיין היימשטאָט.

קומענדיק קיין אַמעריקע האָט ער פאָרגע־זעצט זיינע געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטע־טן. געווען לעצטנס טעטיק אין ציוניס־טישן אַרב. פאַרבאַנד, און אַלע אָפּצווייגן, איינגעשלאָסן ישראל. געווען אַן אָנגעזעע־נער געטרייער מיטגליד אין קולטור־קלוב. און אַן אונטערשטיצער פון יידישן בוך.

אין פּערזענלעכן לעבן איז ער געווען באַהאַוונט אין דער אַלטער און נייער יידי־שער ליטעראַטור; אַ ייד אַ בעל מחשבה, אַ נוח לבריות. אין זיין און סיידיס שטוב איז געווען אַ ועד ווו מען פלעגט זיך צו־נויפקומען און מתווכח זיין אין דרכי תורה.

דער זשורנאַל „חשבון" און דער ל.א. יידישער קולטור־קלוב דריקן אויס זייער טרויער אויף זיין פּטירה און שיקן זייער טרייסט־וואָרט צו זיין ליבער סיידין און די קינדער. חבל על דאבדין.

כבוד זיין אָנדענק.

שנת ברכה והצלחה צו אַלע אונדזערע חברות, צו מדינת ישראל און כל עם ישראל.

## דרורה צוויג פּיאָנערן פרויען

עדינה פרידמאַן, פּרעזידענט

## וויצמאַן--זאַלצמאַן צווייג ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

דוד שרגא, פאַרזיצער
יצחק גיבערמאַן, פין. סעק.

האַרציקע באַגריסונג פון אַלע חברות !

## יהואָש לייען-קרייז

ראָוז אָסטראָוו, פין. סעקרעטאַר

## ה. רויזנבלאַט לייען-קרייז

גאָסי סאַרטאָ, סעקרעטאַר

## סירקין קולטור-קלוב

אָוקלאַנד, קאַליפאָרניע

## דר. דאָלניק לייען-קרייז

ווינטשט זייערע משפחות אַ גוט יאָר.
אסתר סאָלאָמאָן     סאַשאַ האָפמאַן
סאַשאַ האָפמאַן, סעקרעטאַר

## קראָפּאָטקין בראַנטש 413 אַרבעטער רינג

קאַרל העלפּער, סעקרעטאַר

## עמנואל רינגלבלום לייען-קרייז

יעטאַ גרעי, פין. סעקרעטאַר

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

☆ ☆ ☆

מנחם קאַרסאָן

---

אברהם יצחק און ראָוז קאָהן

---

עטל און מאַקס רומאַק

---

צבי הוירש און משפחה
(גאַרדינאַ)

---

יעקב קאַץ
(שיקאַגאָ)

---

יידישע קולטור פעדעראַציע
(דרום אַפריקע)

---

סימע און פסח קאַרפּ

---

גדליה ראָזענבוים
(דעטראָיט)

---

ציליע און שלמה צוקערמאַן

---

אָסקאַר און מיני סיגעל

---

רעי און יעקב קאַהאַן

## שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

אַמאַן, סאָניע
אַבירון, דזשין און באַרני
אָרטענשטיין, פייגל און וועלוול

בעקער, סו און יעקב (דזשעקסאָנוויל)
בעקער, רות און ד״ר לייזער (פיניקס)
בריינין, ליובע און שמואל
בערמאַן, חוה און העניך
בלום, ביילקע (בערטאַ)
בערמאַן, פעי און פינטשע

גאָלדפאַרב, לילי און מענדל
גאָלאָמב, אברהם, רבקה און משפחה
לשנה טובה און לשנים טובות אַלעמען

דייטש, רחל און אלימלך
דזשעריק, בליומע

וואַנאַמייקער משפחה
און רחל סלאָבאָדקין
ווייס, פלאָראַ און שמואל
ווינער, באָריס
וויינטרויב, לילי און מאיר
וויינמאַן, דזשעני
וויינבערג, א. מ.

זילבערצווייג, ציליע
אין אָנדענק פון מיין מאַן זלמן

טיילאָר, ליבע און מייער

כץ, דאָראַ און טוביה

ליינער, שרה און שמחה
לייקין, שמואל בער (דעטראָיט)
לעווין, פעני

לעוו, רבקה און זיגמונט
אין אָנדענק פון שמואל לישינסקי

מאַרקוס, מלכה און יצחק
מלחי, בצלאל און פרוי
מען, עטל און אירווינג

נאָדעלמאַן, בעקי און משה

סלוצקי, רחל און מענדל
סעלצער, מרים און טוביה

פאַטער, האָוואַרד און פרוי
פריפּענט, סאָל און פעני (פּיטסבורג)
שיקן זייערע ברכות צו חברים און משפחות
פישער, לוסילע און ד״ר בערנאַרד
פאָזי, בעלאַ און אַריה

צימרינג, ראָוז און באָריס

קאַפלאַן, משה
קיפּניס, מרים און אָשר

ראָבין, אַלעקס

שאַפּיראָ, שושנה
שטערנפעלד, סאָפי און העררי
שרגא, רבקה און דוד
שאָר ווילי (וועלוול)
שולגאסער, ד״ר בערל און פרוי
שטיינבערג, קלאַראַ, דזשעק
און משפחה
שטיין, אברהם (אָנטאַריאָ)
שלאָסער, נעכע און זלמן
שלייפמאַן, בן דוד, האַרן און שרגא

## שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

אַפּמאַן, פּאָליאַ און יאַשקע
אַסטראָף, לאה און שמואל (ברוקלין)
אַפּטייקער, אסתר
אַדערבערג, מרים און משה

באַלאַט, ראָוז
BAKER'S FISH MARKET
בונין, יעטאַ און זרח
בוירק סיליאַ
בלעווים, חנה און מענדל
ברוקס, לואיס
בלושטיין, שרה און נחום
בראָדי, פּיליפּ
בריים, טילי און תנחום

גליקמאַן, סיליאַ און בערנאַרד
גאָן, בעלאַ (עלסינאָר)
געדאַנקע, סעם
גאָלדשטיין, דבורה און העניך
גילדער, שמחה
גיבערמאַן, אסתר און יצחק
גרעי, יעטאַ און שמחה (דזשאָן)

האָפּשטיין, פּעני און מאיר
העלפּער, קאַרל

זיגלבוים, דר. אברהם און טעמע

טויבעס, גיטל און יעקב שמואל
טעמפּער, פּערל און ראָבערט
טראַמבקאַ, חוה און יוסף
טייטלבוים, שרה
טילעס, ראָוז און יוסף

כאַזאַנאָוו, פּייע און אליהו

לאָסאָס, טוביה
ליוואַק, מערי און יוסף
לינזער, סילוויאַ און דזשוליוס

לעווין, דאָראַ און סעם
לעווין, עטל און אייזיק

מאַנדלבוים, עטל און משה
משרת, סאָניע און הערשל

נאָרמאַן, ראָוז (עלסינאָר)
נוטקעוויטש, בעטי און סערגיי

סאַפּיאַן, פּעי
סאָלאָמאָן, אסתר
סטענזאָר, גיטל און איזידאָר

פאַניץ, פייגעלע און יוסף
פינקלשטיין, סיידי
פינקלשטיין, ראָוז (עלסינאָר)
פעלדריים, גיטל
פרידמאַן, חיה און גרשון
פרידמאַן, עדינה

קאָוונער, אַגאַ
קוליק, עטל און חיים
קופּערמאַן, לאה און מאַקס
קרוק, יחזקאל און מרים
קענטאָר, ריווע
קרעמער־מלאך, לאָטי און מאַקס
קעסטל, בעקי און מאיר

ראָטבלאַט, אַנאַ און הערי
ראָזמאַן, מערי און משה
רויטבאַרד, יוסף און משפחה (מילוואָקי)
ראָזענשטיין, גאָסי
ראָוויטש, ראָוז

שולוויים, גוטשע און משה
שטיין, אפרים און משפחה
שטיינבערג, בלומע
שייפער, גילדאַ און טשאַרלי
שערמאַן, גאָסי